STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01017

# DER GEYER

Menahem Boraisha

*Permanent preservation of this book was made possible by Eve Simon*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם באָרײַשא

# דער גײער

קאַפּיטלען
פון אַ לעבן

ב

ניו-יאָרק, 1943

## צווייטער באַנד

פאַרבינדער — — — — — — — — — — 253
בלוט און ביר — — — — — — — — — — 301
וועג אין וואַלד — — — — — — — — — — 349
לויפער און גייער — — — — — — — — 417
באַמערקונגען צום טעקסט — — — — — — 513

קאַפּיטל זעקס

# פאַרבינדער

אַ וואָס ? — האָט די ייִדענע די אויגן אויפֿגעריסן. —
אַ קראָם אין בריסק ? פֿינף קאָפּיקעס ? הערסט, שמואל יאָסל ?
דער ליטוואַק וויל צען גראָשן, וויל ער ! שמואל יאָסל,
מיט פּאות איינגעקרייזלט אין דער באָרד און גאַרטל איינגעשטייפֿט
אַרום דעם קאַפּטן, האָט באַטראַכט דעם אורח : טאַקע ?
צען גראָשן פֿאַר אַ פּלעט ? און מענטשן קויפֿן ? — יאָ, מע קויפֿט —
האָט נח אָנגעקוקט די פּאָר. — און צאָלן צענערלעך מזומן געלט ?
— מע צאָלט. — הערסט, הינדע ? פּלאַי־פּלאַים !
נאָר נישט אין ביאַלע. דאָ וועט איר נישט קריגן. ביאַלע גיט נישט.
זי נעמט. ביי אונדז אַן אורח ווייסט : ער איז געקומען צאָלן.
דעם רבי'ן, זאָל געזונט זיין, פּדיון, די גבאים, די שמשים,
די יושבים, דער אכסניה — אורח צאָלט און ביאַלע נעמט.
— דו רעדסט שוין, שמואל־יאָסל ! — האָט די בוזימדיקע ייִדענע
צעשריִען זיך. — איך טו דאָך גאָרנישט. כ'וויל נאָר איינשפּאָרן
אַ ייִדן טרחה — נישט צו ברעכן זיך די פֿיס אומזיסט.
— ס'איז נישט דיין קאָפּוויטיק ! — איי, איי, — האָט שמואל יאָסל
אַ זיפֿץ געטאָן : — נישטאָ גאָר קיין רחמנות אין אַ ייִדענע.
איר בעסער שלאָגט זיך עס אַרויס פֿון קאָפּ, ר' ייִד.
אַ שאָד אָפּצאָסן . . . אָבער אַז איר זענט שוין יאָ אין ביאַלע —
האָט ער די אויגן מיט אַמאָל פֿאַרגלאָצט — איז דאָך אַ סימן :
איר האָט אַ זכות און ס'איז אייך שוין באַשערט פֿון אויבן
דעם רבי'נס ליכטיק פּנים זען און הערן — — — — שמואל יאָסל ! —
האָט שוין ראַיחה זיך דערהערט אין קוויטש. דער מאַן
האָט ווי אַ קאַץ אַן אָנגעשראָקענע די פּלייצע אויפֿגעבויגן
און שטיל געזאָגט : — מיר קויפֿן נישט קיין פּלעטן דאָ.

דאָס אויג ביי נח'ן, ווען ער האָט זיך אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח
קיין פּוילן אויסגעקליבן, איז געווען שוין שאַרף געגוג צו קענען
פֿון דרויסן אָפּשאַצן אַ קראָם — צי שמעקט מיט לייזונג דאָרט
צי ניין. אין יעדער שטעטל, בלויז אַ שעה פֿון בריסק,
וואָלט זיך אַ ייִדענע מיט אַזאַ שפּע אויף די פּלייצעס
פֿאַרטראַכט, זיך נאָכגעפֿרעגט : וואָר פֿאַר אַ קראָם און וואו ?
דאָ האָט געוואָרט אויף אים דערזעלבער אָפּשניט אויך
ביים צווייטן און ביים פֿינפֿטן פּרוואו. דער שמואל יאָסל
האָט נישט גערעדט פֿון אַרבל, הייסט עס. דאַרף מען

זיך לאָזן ווייטער. אָבער ווייטער גיין, מיינט טיפער אַלץ
אין פוילן, און אויב דאָס איז די מדינה, איז שוין גלייכער
צו בלייבן דאָ און זען צי קען מען דורכברעכן די וואַנט.
איז — אָפּגעלאָזט דעם גאַנג און אין בית־מדרש זיך אַוועקגעזעצט
מיט אַ גמרא. זיכער וועט דער פרעמדער לאַנג נישט זיצן
אַליין. באַלד זיינען נייגעריקע דאָ, מע רוקט זיך צו.
און אַז דער ליטוואַק לאָזט זיך ריידן, וויל מען וויסן אויך
צי איז ער משלנו. — ניין. — אַן עולמ'שער, ס'הייסט — אַ מתנגד?
— דאָס אויך נישט. וואָס זשע דען? — אַ ייד! — אַזוי גאָר . . .
רעדט סתרי תורה . . . אָבער לייקענען אין חסידות לייקנט ער נישט?
— אַז יידן גלויבן, גלויבן זיי. — איז ער דאָך אויך אַ ייד.
— נו, גלויבט ער. — וואָס זשע האָט ער נישט קיין רבי'ן?
— ער האָט. אַ סך רביים. די נביאים און תנאים און גאונים.
און אַז מע וויל, איז אָפּן אויך דער „זוהר" און דער „פרדס" . . .
געהערט אַ דרך פון אַ ליטוואַק! רופט מען שוין צו הילף
אַ ייד אַן עלטערן, גייט ווידער אַ פאַרהער און טענה:
— אַ ייד דאַרף גלויבן, אַז די שכינה ווערט נישט אָפּגעשיידט
פון אונדז. אין יעדן דור אַנטפּלעקט זי זיך דורך די צדיקים,
און די נשמות פון ר' שמעון בן יוחאי, פונם בעל־ה„פרדס"
און פון אר"י הקדוש האָבן נאָך אַמאָל צו אונדז אַראָפּגענידערט
אין בעש"ט, אין מגיד און אין רבי'ן אלימלך . . . ווערט פאַרמאַכט
די גמרא, וואַקסט אַן אַנדער בערגל ספרים אויס און יעדע רגע
קומט צו אַן אַנדער מיטקוקער צו זען וואו האַלט עס
און דורך דעם פרעמדנס אויגן אויך אַליין אַ כאַפּ טאָן עפּעס.
דערוויסט זיך נח אַז נישט אַלע דאָ אין שטעטל גייען
צום היגן רבי'ן . . . בסך־הכל איז דער היגער נאָך אַ יונגערמאַן
און איבערנעמען זיך מיט גרויסער לומדות קען ער אויך נישט . . .
און אַז עס הייבט אָן נאָגן נח'ן דער הונגער און ער קלייבט זיך
אַריינגיין אין אַכסניה, וואַרט אויף אים דער שמואל יאָסל
און האָט פאַר אים אַ סוד: — די אַלע דאָ מיט זייערע רביים —
ס'איז גאָרנישט, דרויב . . . אַוודאי וועלן זיי זיך גרויסן
מיט די אַמאָליקע. נאָר די . . . ער גיט אַ צוק די אַקסלען,
אַ ברייטן מאַך פון בטול מיט דער האַנט . . . — און וועלכער רבי
איז זיינער, שמואל־יאָסל'ס? — דאָס טאָקע וויל ער אים אויסזאָגן.
דעם אמת'ן, דעם גרויסן צדיק קען קיין אייניקל נישט ירש'ענען.
דאָס גרויסע ליכט איז איינציק און מען קען עס נישט פאַרבייטן
אויף קליינע קנויטלעך . . . וועלן זיי, די בראַצלאַווער, זיך לאָזן
פון יענע רופן „טויטע חסידים", אָבער נישט פאַרשוועכן
די ליכטיקע נשמה פון ר' נחמנ'ען מיט טראָגן קנויטלעך
צו די, די דאָזיקע . . . און אויב דער פלעטער וויל,

וועט ער אים מיטנעמען צו זיך . . . אוודאי וויל דער פלעטער,
און שפעטער, אין דער שטוב הינטערן שפייז־קראם, קנעלט
דער קרעמער איין אין נח'ן די תורה און די מעשיות פון זיין רבי'ן.

וואס איז זינד?
דער פאל פון שוואכע,
וואס קאנען אין די הימלען זיך נישט אנכאפן.
וואס איז עבודה־זרה?
א קרומער הינטער־שטעג פון די וואס בלאנדזשען
און זעען נישט דעם גלייכן וועג.

וייל גלוסטן גלוסט דער מענטש צו אמת'ער גדולה
און קען צו איר זיך נישט דערהייבן.
וואס טוט ער? מאכט ער זיך היכלות דא
אויף דר'ערד, פארבלענדט זיך
מיט גאלד, בריליאנטן, פערל,
און אין אראפגעשלעפטן הימל ווערן
עשירים — גאטן און מלאכים.
און פון אביונים מאכט מען חיות
צו גיסן זייער בלוט אויף די מזבחות פון די גאטן.

מע גלוסט צו אמת'ער גבורה,
און אז מע קען צו איר זיך נישט דערהייבן,
פאלט מען כורעים פארן כוח פון מגושמ'דיקע אברים,
און שווערע פויסטן קיניגן.

מע גלוסט צו אמת'ער תפארת,
נאר ס'תאוה'דיקע פרויען־לייב ווערט שיינקייט
און ברענעניש אין זנות
די נישט־געזעטיקטע עבודה.

מע גלוסט צו אמת'ער שמחה,
נאר ס'פלעשל ווערט דער קוואל פון לוסטיקייט,
און שכור פון דער גאס — דער מלך.

איז דאך אין יעדער גראבער תאוה דא
א ניצוץ פון א הויכער גלוסטונג.
באדארף מען בלויז דעם ניצוץ אויפבלאזן
און אויפדעקן פאר די פארבלאנדזשעטע
דעם הויכן שורש פון די תאוות זייערע.
ווער זאל עס טאן?

ווער אַנדערש זאָל עס טאָן, ווען ניט דער צדיק? נח קען
דעם נוסח. דער צדיק איז אַנטפּלעקונג פון משיח'ן.
דער צדיק איז געשטאַלט פון אייביקן אויף דר'ערד.
השם יתברך האָט די וועלט געשאַפן זיך צו פרייען מיטן צדיק.
נאָר אין ר' נחמנ'ס מעשה טראָגט דער צדיק נישט קיין שטריימל
און פּירט קיין הויף נישט. ער איז בלויז אַן אָפּגעריסענער
בעל־תפילה, אָפּגעשיידט פון מענטש און ישוב אין אַ וואַלד.

דער אָפּגעריסענער בעל־תפילה ווייס:
די שכינה איז אויך דאָ, מיט אונדז.
ס'איז ערגעץ דאָ אַ מלך מיט אַ מלכה און בת־מלכה,
מיט פריינט און מיט גבורים, וואָס אויף זיי
האָט אַלע אירע שיינען
די שכינה אָנגעטאָן. נאָר ס'האָט זיך איינמאָל אָפּגעריסן
אַ בייזער שטורעמווינט, זיי אויסגעריסן
פון זייער ליכטיקער מלוכה און פאַר'גלות'ט —
איז דאַרף מען זיי געפינען און צוזאַמענברענגען
און זאָלן די פאַרפירטע זען צו וואָס זיי גלוסטן.

גייט זוכן זיי דער אָפּגעריסענער בעל־תפילה,
געפינט זיי, ברענגט זיי צו די זינדיקע.

און ווי די גבורה־דינער קוקן אָן
דעם מלכ'ס גבור,
דערזעען זיי צו וואָס זיי גלוסטן,
און טוען אָן די קרוין דער אמת'ער גבורה.

און ווען ס'דעקט אויף איר פּנים
די ליכטיקע בת־מלכה,
דערזעען די וואָס ברענען אויס אין זנות
די קדושה וואָס אין שיינקייט.

און די וואָס בוקן זיך פאַר גדולה, כבוד, מאַכט
דערזעען די אמת'ע גדולה אינם מלך.

פאַרטריבן ווערט רציחה, פאַלשע חכמה, פוסטע רייד
און ס'נעמט אַ שלעכטער ריח שטיקן
פון גאָלד און פינקלשטיינער און עשירות.

דער ניצוץ, דער פאַרשטויסענער, צעפלאַקערט זיך
אַנטקעגן די שליחים פון זיין הויכן שורש
און אַלץ לויכט אויף אין גלוסטונג צו השם יתברך . . .

◈

נאָר ס'האָבן אויך די אַנדערע נישט אָפּגעלאָזט — מיט ספרים
און רייד און מעשיות וועגן דעם באַרדיטשעווער און סאַסאָווער
און שאַרפע תורות פונם ייד פון פשיסכע און פון קאָצקער,
ביז מ'איז אויך צוגעשטאַנען : זאָל ער גיין דעם רבי'ן שלום געבן.
דער טייטש דערפון : פון בעש"ט, פון מגיד און פון בראַצלאַווער
פירט גלייך דער וועג צו אָט דעם אייניקל, וואָס וואוינט
ווי אַ מאַגנאַט אין פריצ'ישן געמאַך מיט שטאַלן, פערד און קאַטש.
ביים בראַצלאַווער — אַן אָפּגעריסענער בעל־תפילה ;
דער ייד פון פשיסכע שענקט אַוועק אַן אָרעמאַן דאָס העמד
וואָס דער לובלינער האָט געגעבן אים לכבוד שבת ;
דער קאָצקער אין צעריבענעם שפּענצער טרייבט מיט קללות
די קוויטל־ברענגער ; און ביים אייניקל אָט דאָ דאָס ווייב
די קליידער לאָזט זיך נייען אין פּאַריזש . . . נייך, נח דאַרף נישט
קיין קוויטל טראָגן . . . אָבער פּאָליטיק שטייט מען ווידער צו :
— דעם רבי'נס תורה הערן שבת מעג ער דאָך . . . — דאָס מעג ער.

עס גייט אויך שמואל יאָסל מיט. דער „טויטער" חסיד
מיט גרייטן ביטול און דער ליטוואַק מיט אַ שטילן כעס.
פאַרוואָס ? אויף וועמען ? דאָס וועט ער דערוויסן זיך דערנאָך.
מע שטופּט זיי דורך דער מחנה וואָס פאַרפּילט די קלויז
ביז הינטער די וואָס זיצן אַרום לאַנגן טיש. עס שפּאַרן קני
און עלנבויגנס הינטן, פאַרויס שניידט זיך איין די באַנק
אין ביין פון פוס, און היץ פון זומערדיק־צעבריטע גופים
אין ענגשאַפט קלעפּט דאָס פייכטע העמד צום לייב.
די זון פאַלט קרום אויף פּנים'ער און ווענט. דער רבי
אין שוואַרצן אַטלאַס מיט אַ ווייסן קאַלנער אַרום האַלדז,
זיצט מיטן שטריימל אַנגעבויגן. דאָס וואָס קוקט אַרויס
פון אונטער שטריימל ווערט פאַרדעקט מיט ווייסע הענט.
ער וויגט זיך, און שווער־אַטעמדיקער עולם וויגט זיך מיט.
די נאָנטסטע אַרום אים דערהערן עפּעס, כאַפּן אויף,
צעטראָגן עס, און מחנה וויגט זיך שוין אין ניגון — ס'זינגט
די גאַנצע קלויז, נאָר ער אַליין — ער בויגט נאָך טיפער
דאָס שטריימל איין און וויגט זיך . . . ביז דער גבאי הינטער אים
הייבט אויף אַ האַנט, גייט אויס דער ניגון, שטילט זיך איין,
און אין דער שטילקייט קען מען הערן דורך די אָפענע פענצטער
דעם זומערדיקן בין־השמשות : פייגל,ביימער און פון וויט

אַן ערב־זונטיקדיקן קלויסטער־גלאָק. דערהערט זיך איצט
דאָס קול — אַ סודות'דיקס, אַן אַפּגעהאַקטס. ווי שאַרף
זאָלסט דעם געהער נישט אָנשפּיצן — וועסט מער ווי ווערטער
נישט אויפכאַפּן. די ווערטער צילן אין די אויפגעקלערטע,
די ברעכער, וואָס מיט זייערע הפקר־מעשים גיבן זיי רשות
דעם מלכות נייע גזירות אויסצוגיסן אויף די פּאַרכטיקע . . .
און ווער קען אויסלייזן פון גזירות? . . . זאָגט די סדרה — — —
דאָס פּשט'ל דרייט זיך, נח הערט אַן אָנגעשפּיצטער, וואַרט . . .
עס מוז דאָך קומען דאָס וואָס האָט מיט כעס אים אָנגעלאָדן
נאָך איידער ער האָט דאָס דערהערט . . . אַוודאי קומט עס:
דעם צדיק'ס תפילה שלאָגט אַן אין די עולמות עליונים,
וואו ס'איז פאַראַן בלויז רחמים, און ער קען די גזירות
מבטל מאַכן — — — ס'איז גענוג! מער וויל נישט נח.
ער ציט ביים אַרבל שמואל־יאָסלען. אין דער טונקלקייט,
וואָס שלאָגט שוין פון די ווענט און באַלקן, איז זיי גרינגער
אַרויסצורוקן זיך פון דער געדיכטעניש און היץ. מע כאַפּט
דעם אָטעם אָפּ אין דרויסן און דער „טויטער" חסיד לייכט:
— אָט האָט איר אייך די תורה. — נאָר פון וואַנען קומט עס? —
וויל נח וויסן. — קוקט די סדרה נאָך ביים „נועם אלימלך".
מע לאָזט זיך ווי אַ פּאָר קונדסים צום בית־מדרש
און אַפּגעכאַפּט דעם מעריב, כאַפּט מען זיך צום ספר.
ס'איז דאָ! נאָר נח'ן ברייט דער זכרון, ווילט זיך גרונטעווען
און ס'קומט אַרויף די סדרה אויך אין „זהר". איצט איז קלאָר.
— וואָס נאָך ווילט איר? — זאָגט שמואל יאָסל. ער מוז לויפן
צום ווייב איר העלפן אויפמאַכן די קראָם. — ווי לאַנג
פאַרבלייבט איר נאָך אין ביאַלע? — ביז באַגינען.
ס'איז צייט צו גיין פּרנסה זוכן — ענטפערט נח.

ער בלייבט אַליין. איצט זעט ער עס. דער „זהר" —
געדיכטער אַלטער ווייַן. ביים רבי'ן אלימלך — בלויז אַ קווערטל
פון אַלטן ווייַן צעלאָזן אין אַן עמער וואַסער, און ביים אייניקל
אַ קעלישעקל פון פאַרוואַסערטן צעלאָזט אין נייעם עמער וואַסער
און פון דעם צוויי מאָל שוין געוואַסערטן — בלויז טראָפּנס,
ווי פון אַפּטייקער'ס פלעשעלע, נשמות צו דערהייבן. און אָט זע:
ס'דערהייבט! . . . פּאָר די וואָס האָבן נישט אַליין קיין כוח
דעם ניצוץ אָנטאָפּן אין זיך, איז די עבודה אַרום רבי'נס טיש
אַנטפּלעקונג פון דער אייגענער נשמה־יתירה. און מע טאָר נישט
זיי געבן מער ווי וואַסערדיקע טראָפּנס — דאָס איז די מדרגה,
און ס'דאַרף דאָך עמעצער דערהייבן אויף די שפּל'סטע מדרגה.
איז דאָס די שליחות פון די אייניקלעך אין אַטלאַס.

וועסטו שוין אַלעמאָל גיין אַזוי, בלינדער?
דו ביי דער ערד און די שכינה אויבן.
דו בלויז דער חומר, און הויכער פאַרבינדער
זאָל זיין דיין נשמה אין גלויבן?

ער זאָל פאַר דיר איבער וואָלקנס שטייגן,
דיר ברענגען אַ תורה פון אויבן —
דו אין דער נידער דאַרפסט וואַרטן און שווייגן,
וואַרטן און שווייגן און גלויבן.

גרויסער משה ביים שפּיץ פון באַרג סיני,
משה'לעך קליינע — בלויז שטאַפּעלעך אויבן.
דיינס איז דער גורל די משה'ס צו דינען,
דינען און פאָלגן און גלויבן.

און טאָמער פאַר דיר דעם אין־סוף געעפנט
און אויפגעפראַלט אַלע טויערן אויבן,
זאָלסט זיך אַליין מיט דער שכינה באַהעפטן
שטאָט ברעקלעך צו קלייבן אין גלויבן —

רייסט עס די אויגן ווי בליצן וואָס רייסן,
שווינדלט דער קאָפּ פון אומענדלעכן אויבן —
הינטער די פאָלעס פון זשופּיצעס ווייסע
בעסער זיך שיצן אין גלויבן.

וועסטו שוין אַלעמאָל גיין אַזוי, בלינדער?
דו ביי דער ערד און די שכינה אויבן.
דו בלויז דער חומר און הויכער פאַרבינדער
זאָל זיין דיין נשמה אין גלויבן?

◈

ווער טראָגט די ערד אויף זיינע שווערע אַקסל
און פירט דעם רייטוואָגן פון זון אין שפּאַן?
ווער מאַכט דעם קאָרן אויף די פעלדער וואַקסן
און רעגנט פון די הימלען זיסן מן?
דער בלינדער גלויבער.

ווער קען פאַרלייקענען דאָס ברויט פון זיינע קינדער,
ווער פירט זיי ווי אַ קרבן אויפן שטיין?
ווער קען אויף אייגן לייב ווערן דער שינדער
און טאָלן אויסגלייכן מיט בערג פון זיין געביין?
דער בלינדער גלויבער.

ווער קען פֿאַרהאַמעווען געוויטער און געבייזער,
ווער קען זיך דורכרייסן דורך מדבר, זומפּ און באַרג?
ווער לייגט די וועגן אויס פֿאַר אָנקום פֿון דערלייזער
און שטעלט זיי אונטער ווי אַ טרעפּ דעם קרומען קאַרק?
דער בלינדער גלויבער.

ווער לאָזט פֿון קרעמער און פֿון מעקלער זיך פֿאַרנאַרן?
ווער לאָזט פֿון מאַדים זיך פֿאַרקויפֿן ווי די שאָף?
ווער קרוינט אַליין געוועלטיקער און האַרן
און טראָגט פֿאַריאָכונג ווי אַן אבן־טוב?
דער בלינדער גלויבער.

◈

אין רבי׳נס קלויז האָט מען ביז שפּעט אין נאַכט געפּראַוועט
די מלוה־מלכה. נח האָט זיך אומגעדרייט איבערן גאַס.
אַ וואָך אַריבער אָן אַ פּרוטה לייזונג, נאָר ס׳האָט זיך געלוינט.
איצט ווייסט ער — ס׳איז קיין תּכלית נישט פּרובירן
זיך אויפּריידן מיט פּוילן. מאָרגן פֿרי — צוריק אַהיים!
נאָר אין אכסניה, וואו אַן עולם אָנגעקומענע פֿון קלויז
האָט נאָך געגליט מיט רייד, ניגונים און צעטאַנצטע פֿיס,
האָט מען אים אויפֿגענומען מיט אַן אויסגעשריי: — אָט איז ער!
ס׳האָט געוואָרט אַ יונגערמאַן: — מ׳האָט וועגן אייך
דערציילט דעם רבי׳ן. ער, זאָל לעבן, וויל אייך זען. — צו וואָס? —
האָט אים די צונג אַ ברי געטאָן. שיין וואָלט ער אויסגעקוקט
ביים עולם דאָ מיט אַזאַ קשיא! . . . האָט געמוזט נאָך משקה שטעלן
לכּבוד אָט דער זכיה און מע וואָלט אים אויסגעבייטלט
ביז לעצטער פּרוטה ווען ער לאָזט זיך.

ס׳האָט דאָס גאַנצע שטעטל
געוואוסט וואוהין ער גייט, און שמואל־יאָסל האָט אַריינגעשושקעט:
— נאָר ווערט נישט בטול! . . . ס׳האָט געפֿירט דער נעכטיקער שליח,
און ביז דער טיר האָט ווי אַ גאַרטל איינגעשטייפֿט בלויז רצון
זיך נישט צו לאָזן בייגן. נאָר אַז טיר האָט זיך געעפֿנט
און ס׳האָט אַ בלענד געטאָן נאָך נישט געזעענע רחבות:
פֿאָרטיערן פּלושענע אויף הויכע פֿענצטער, גאָלדיקע טאַפּעטן
און הענג־לאָמפּ מיט קרישטאָלן — האָט דער כּעס פֿון נעכטן
צוריק צעבריט. און מער נאָך אין דער צווייטער שטוב,
דער וואָכעדיקער, מיט די טישן פֿאַר די קוויטל־שרייבער
און לאַנגע בענק איינס קעגן אַנדערן פֿאַר יידענעס און ייִדן,
וואָס וואַרטן אין דער ריי די קוויטלעך צו דערלאַנגען.
דאָ איז פֿאַרבינדער נישט דער שטאַפּל־פֿירער פֿון נשמות

צו עולמות עליונים — דאָ איז ער אַ מעקלער מיט אַ זכות
אין הויף פון גרויסן פריץ אויפן הימל אויסצודינגען
פאַר זיינע קונדן: מזל אין געשעפט, פרנסה, קינדער —
אַלץ פאַרן מעקלערגעלט . . . מ׳האָט נישט געלאָזט אָבער
דעם כעס זיך אַנגליען, ווייל איידער ער האָט צייט געהאַט
זיך איינצומאָסטיען אויף אַ באַנק, האָט מען געשיקט נאָך אים.

די שטוב איז אָנגעשטעלט מיט ספרים. ספרים אויפן טיש.
דעם רבי׳נס פנים אָפן. הינטער אים — דער גבאי. און פון „שלום״,
פון רבי׳נס בליק אויף אים זעט נח: מ׳האָט אים אָפּגענאַרט.
ס׳האָט נישט דער רבי אים גערופן, נאָר די מקורבים,
די איבעררייִדער פון בית־מדרש, האָבן עס געפּועל׳ט,
ער זאָל דעם ליטוואַק זען. איצט מעסט ער אים מיט בליק
פון אויפגעהויבענעם און שטאָלצן קאָפּ. דער מענטש איז יונג —
אין נח׳ס יאָרן, אפשר עלטער אַ פּאָר יאָר. דאָס הדרת־פּנים,
דער גבאי הינטער אים, די קוויטל־ברענגער הינטער טיר —
אַלץ רעדט פאַר אים צו נח׳ן: — דו זעסט, אַט בין איך
אַ יונגערמאַן ווי דו און טראָג אין מיינע הענט נשמות
פון טויזנטער. און ווער ביסטו? ער עפנט ענדלעך ס׳מויל:

**רבי:**

נשמה קוקט אַרויס דורך אויגן. אַז מע דעקט זיי צו
מיט בלאָע שייבלעך, קען נישט די נשמה זען די וועלט
אין אמת׳ן קלאָר.

**נח:**

(טוט אויס די ברילן, האַלט זיי אין דער האַנט)

**רבי:**

אַזוי איז בעסער. פרעגט וואָס איר ווילט פרעגן.

**נח:**

אַ האַלבע קשיא מיינע האָב איך שוין פאַרענטפערט.

**רבי:**

וואָס איז דער ענטפער?

**נח:**

מערסטע נשמות קענען נישט
אַליין דערהייבן זיך. אַפילו ווען מע וויל שוין, קומט עס אָן
מיט ביטערע יסורים צו באַשטייגן אויפן לייטער כאָטש אַ טרעפּל.

איז טאָר מען זיי נישט געבן צופיל קדושה. ס'איז געווג
אַ טראָפּעלע. פאַר די וואָס אויף די שפּל'ע מדרגות
איז ס'נידעריקסטע טרעפּל אויך עליה. אָבער ס'איז פאַראַן
אויך אַ סכנה און אַ גרויסע: די וואָס ווערן צוגעוואוינט
צום נידעריקסטן טרעפּל בלייבן זיצן דאָרט לעולם־ועד.

ר ב י :

(באַטראַכט אים מיט אַן אָפּן מויל) די קדושה איז די זעלבע
אין טראָפּן ווי אין ים. ווער ס'האָט אמונה, הייבט זיך אויף
פון שפּל'סטער מדרגה ביזן העכסטן מקור.

נ ח :

— מיינט עס
די מוראַשקע וואָס קריכט אַרויס פון גריבל אירן, זעט
די זעלבע זון וואָס אויפן העכסטן באַרג דער אָדלער.

ר ב י :

און ביידנס שירה קומט אַן גלייך צום כסא־הכבוד.
די צרות, לא־עלינו, נעמען זיך פון די וואָס מיינען —
מען קען משנה זיין דעם סדר־העולם. וויל מען איינריידן
די מוראַשקעס — זיי קענען פליען ווי די אָדלערס. פאַלן זיי,
צע'ניזוק'ן זיך, ווערן פול מיט יאוש, מרה-שחורה,
און מרה־שחורה פירט צו כפירה, וויסט הפקרות . . .

נ ח :

נאָר איז דער מענטש בבחינת מוראַשקע? און האָט ער נישט
אין אַלע עולמות די וואָרצלען זיינע? איז נישט עיקר מענטש
דער דמות פון אָדם־קדמון, וואָס ער טראָגט אין זיך,
צו קענען שטייגן צו אַלץ העכערע און העכערע מדרגות?
די מוראַשקע דאַרף ווערן אָדלער און דער אָדלער — שרף.
נאָר אַז דאָס טראָפּעלע אמונה בינדט צו דר'ערד —
ווי קען ער זיך אָפּרייסן און שטייגן? דאָס איז, רבי,
די צווייטע האַלבע קשיא און אויף איר האָב איך אַליין
קיין ענטפער נישט.

ר ב י :

וואָס פאַר אַ מין אמונה בינדט, חלילה,
דעם מענטשן צו דער ערד?

נ ח :

אַז איר וועט געבן מיר רשות
צו ריידן אָפן, רבי, וועל איך ריידן.

ר ב י :

רעדט.

נ ח :

ווי קענען די, וואָס וואַרטן דרויסן מיט די קוויטלעך,
זיך הייבן העכער פון דער ערד, וואו מ'האָט זיי צוגענומען
די פשוט'ע אמונה, אַז זיי זיינען ראוי מיט די אייגענע כוחות
אַליין זיך צו דערשלאָגן צו די שערי־תפילה? ווי זאָל מענטש
אין זיך אַליין דעם צלם אלקים דערשפירן, ווען ער ווייס,
אַז ער מוז אייביק בלייבן עפר, שטויב, אַז אייביק מוז
אַן אַנדער פאַר אים משתדל זיין זיך פאַרן כסא־הכבוד?
(דער גבאי הינטערן רביין צאַפּלט צאָרנדיק).

ר ב י :

(צעשאָקלט זיך, האַלט איין דעם כעס, רעדט שטיל).
דער לייטער שטייט אויף דר'ערד. פון דר'ערד שפּראָצט אמת,
און פון דער ערד הייבט זיך אמונה אָן. און וואָס איז ערד?
פּרנסה, גידול־בנים, שלום-בית, געזונט. די קוויטלעך דאָ —
(נעמט אָן אַ הויפן קוויטלעך פונם טיש אין פויסט אַריין)
וואָס זיינען זיי? אמונה, כשר'ע אמונה פון נשמות
צעבראָכענע און בויטבאַדערפטיקע. און אַז זיי קענען נישט
און האָבן מורא, נעבעך, אויף די אייגענע כוחות איינצושטעלן —
וואָס קומט זיי? איז דען בעסער לאָזן זיי אַריינפאַלן
אין עצבות, יאוש, חס ושלום, איידער אויפהאַלטן ביי זיי
בטחון?

נ ח :

אָבער דער וואָס נעמט ביי זיי די קוויטלעך צו,
נעמט צו אויך די אמונה זייערע אין זיך אַליין.

ר ב י :

וואָס זאָלן טאָן
די קליינע טייכלעך, אַז זיי קענען נישט מיט אייגענעם כוח
דערשלאָגן זיך צום ים? זיי טראָגן זייערע וואַסערן
צום גרויסן טייך, און ער טראָגט אַלע וואַסערן, אי זייערע
אי זיינע, אין ים אַריין (דאָס פּנים זיינס פאַרענדערט זיך,
די אויגן שליסן זיך ווי נעכטן, ער צעשאָקלט זיך, נעמט זאָגן)
סע שטייט: עס גייט אַרויס אַ טייך פון עדן אָנצוטרינקען
דעם גאָרטן... און ביי ר' המנונא סבא שטייט — דער נאָמען
פון יענעם טייך איז חיים, ווייל פון אים קומט לעבן
צו גאָר דער וועלט... און דער עץ־חיים וואָס דערנערט

די גאַנצע וועלט, האָט אויך די וואָרצלען דאָרט אין טייך.
און פון דעם טייך פון לעבן קומען קלענערע טייכלעך
וואָס שפּייזן אַלע גראָזן און די ביימער אין דעם גאָרטן . . .

נ ח :

און אַלע טייכן גיסן זיך צונויף אין ים, דעם ים פון חכמה.
פון דאָרטן קומען זיי אַרויס און קערן זיך צוריק אַהין,
און דאָרט אין ים שווימט דער לויתן אום — דאָס איז דער צדיק,
און דאָס איז טייטש פון פּסוק : האָסט געשאַפן דעם לויתן
מיט אים צו שפּילן זיך — לויתן מיינט דעם צדיק . . .
איך האָב געזען די סדרה פון דער וואָך אין זהר, רבי !

ר ב י :

(רייסט אויף דעם קאָפּ מיט אויפגעפּראַלטע אויגן, קוקט
אַ ווייל צעטומלט, קערט זיך אום צום גבאי) יידן וואָרטן.
(און גלייך צו נחין מיט אַ געזעגעניש, ווי ער וואָלט נאָר וואָס
אַ קוויטל מיט אַ פּדיון אים אָוועקגעלייגט) השם יתברך
וועט העלפן. גייט געזונטערהייט.

נ ח :

(טוט אָן די ברילן, גייט אַרויס).

אין דרויסן האָט אים שמואל־יאָסל אָפּגעוואַרט. — וואָס דען ?
ווען ס'קומט צום עצם, איז נישטאָ קיין ענטפער. אויב נאָר שטאַרקן
אמונה אין די קוויטל־ברענגער, וואָלט דאָך אַ קאַפּיטל תהילים
אויך געווען גענוג. נאָר ווער וועט אויסהאַלטן דאָס הויז,
די קלויז, די יושבים און די גאַנצע מלוכה ? — נח,
אַן אויסגעליידיקטער פון אָפּדערציילטן שמועס, האָט געשוויגן
און זיך געשניטן גלייך צו דער אכסניה. — וואָס איז דער געיעג ? —
האָט שמואל־יאָסל אים פאַרהאַלטן. — כ'מוז דאָך ווען עס איז
זיך אָפּטראָגן. — אַ נאָר וואָלט איר געווען ! אַ גאַנצע וואָך
געהאָרעוועט, און איצט ווען אַלע וויסן פון דער זכיה —
זיך אָפּטראָגן ! קוקט מיך נישט אָן אַזוי ! אַפילו מיינע
וועט איצט אייך נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן. פּרובירט —
וואָס שטעלט איר אייך ? . . . און שמואל־יאָסל איז גערעכט געווען.
דער זונטיק מיטן מאָנטיק האָבן אָפּגעצאָלט פאַר יענער וואָך.

◈ ◈ ◈

פון ביאַלע וויטער. שטעטלעך אָן רביים, אָבער חסידים
אויף יעדן שריט, אין שטיבלעך און אין בתי־מדרשים.
און איינמאָל אין אַן אָוונט, בלאָנדזשענדיק דורך ספרים,

זיך אָנגעשטויסן אויפֿן „תניא". ס'האָט געטאָן אַ פֿלאַטער
מיט יוגנט, רייסענער ישיבות, און אַ קול אין אויער:
— אַריינקוקן איז ווייניק. לערנען דאַרף מען! . . . יאָ, דער טאַטע.
דעם שבת נאָך דער חתונה אין סעלץ אים אָפּגעגעבן
זיין אייגענעם פֿאַרגעלטן „תניא" און פֿון אים אַרויסגעקראָגן
אַ צוזאָג: לערנען. ערגעץ ליגט ביי אים דער אַלטער ספר
אַ קיינמאָל נישט געעפֿנטער. פֿאַרוואָס? האָט אויפֿן ספר
זיך אויסגעגאָסן דער פֿאַרגראָבנער רוגז אויפֿן מענטש,
וואָס קומט דערקענען זיך צום בכור זיינעם בלויז איינמאָל
אין צוואַנציק יאָר? ווער איז דער מענטש, וואָס האָט מיט אים,
אַ יאָריקן אין זאַק אויף פּלייצע, שפּאַנען זיך געלאָזט,
ווי ער אַליין שפּאַנט איצטער, און דערנאָך אים אָנגעוואָרפֿן
אויף קרובים, אויף דער וועלט: — שפּאַן מיט די אייגענע פֿיס!
איז דער חבד'ניק אויך אַ מוראשקע, אַ בלינדער גלויבער?
דער ספר ווייס דעם ענטפֿער. צווישן זיינע שורות רינט
דעם טאַטנס בלוט, דעם טאַטנס און אויך זיינס אפֿשר.
אַן אָנגעשפּאַרטער אָן אַ פּאַליצע די בלעטער מישט ער
און ציטערט אויף: ס'איז גוט! נישטאָ קיין בלינדקייט,
וואָס קען נישט ווערן זעעוודיק. דער צדיק איז נישט גאַנץ
אין צדקות און דער רשע נישט פֿאַרפֿאַלן אין זיין רשעות.
מ'איז אַלע בינונים . . . אין מיטן גייט מען, צווישן שלעכטס
און גוטס, פֿון שלעכטס צו גוטס . . . מע גייט — מע גייט . . .
אַן אָנגעשפּאַרטער אין דער פּאַליצע די בלעטער מישט ער
ווי ער וואָלט זיך אַליין אַרויסגעלייענט. אַז ער קומט
אַהיים אויף שבועות, ווערט דער ספר אויפֿגעזוכט
און וואַנדערט שוין דערנאָך מיט אים אין טלית־זאַק.

זיינען מיר אַלע באַלאַגערטע שטעט.
ראַנגלען זיך אייביק אין אונדז
פֿיינטלעכע צווײ חיילות.

אין האַרץ פֿון שטאָט איז די פֿעסטונג־מויער,
און אַרום דער שטאָט ליגן פֿאָרטן,
וואָס שיצן דעם וועג צו איר.

זיצט הינטער ווענט פֿון פֿעסטונג דער מלך,
שיקט ער זיין חיל אַרויס אויף די פֿאָרטן —
מיט וואָס?
מיט ליבשאַפֿט צו אים, מיט ביטול פֿון פּיין,
מיט הערצער געפּרואוווטע
צו קאָנען אי הונגער, אי וואונדן, אי שפּאָט
פֿאַרטראָגן פֿון וועגן זיין ליבשאַפֿט.

און אין דרויסן פון שטאָט שטייט דער שונא.
שיקט ער זיין חיל אַרויס אויף די פּאַרטן —
מיט וואָס?
מיט אָקסן געשטאָפּטע און פעסער ווײַן,
מיט הפקר׳ע ווייבער, מיט צימבל און פלייט
צו פאַנגען מיט תענוג דאָס חיל פאַרשמאַכטע
און צונעמען זייערע פאָרטן.

ווער איז דאָס חיל פון מלך?
מיר.
ווער איז דאָס חיל פון שונא?
מיר.
שיצן מיר פאָרטן און גיבן זיי אָפּ,
לויפן צו תענוג, צו זינד און זעט,
מיר — די באַשיצער, און מיר — די באַלאַגערער,
מיר — די צעצווייטע, צעטאָפּלטע,
אייביק אין צווישן.

נאָר ווען עס גרייכט שוין דער שונא
צו לעצטער וואַנט,
צינדט זיך די ליבשאַפט צום מלך
אין הערצער צעצווייטע,
שפּאַלט זיך די טאָפּלטקייט,
ווערן מיר גאַנץ און ריין
און גיבור׳דיק גיט אויף דער שוואַכסטער
זיין לעבן אַוועק פאַר דער פעסטונג.

◈

ווער ס׳לעבט נאָר מיט זיין איך, דעם גופ׳ישן,
דער איז פאַר זיך אַליין די וועלט,
און גאָר די ערד איז אַ מלחמה־פעלד
צו שלאַכטן זיך מיט אַנדערע אַזוינע
פאַר דאָס, וואָס דאַרף געהערן אים נאָר איינעם.
אין איך, דעם גופ׳ישן,
די גייציקייט און תאווה צו נצחון,
אין אים — די שנאה, הערשאַפט און פאַריאָכונג,
אין אים — דער ווײַ פון מענטש, די דורות׳דיקע איכה,
אויף אים — דער אייביק־ברענענדיקער קין־צייכן.

נאָר ווער עס זעט אין זיך אַ פונק, וואָס איז געליען
פון אייביקייט און בענקט צוריק צום קוואַל,

דער וועט דערזען דאָס גליען
פון פונק אין יעדן מענטש און וועט צעשטראַלן
פון פרייד אַנטקעגן גרויס און קליין,
ווי איינער פרייט זיך מיט אַ ברודער אַ געקומענעם
פון ווייטער היים.
נאָר אין דער פרייד פון דער נשמה
איז מענטש דיר ליב און טייער:
אַ שיין פון זעלבן ליכט, אַ פונק פון זעלבן פייער.

◈

ווי ווייט עס זאָל נישט גרייכן דיין פאַרשטאַנד,
ווי הייליק זאָלסט נישט לייטערן דיין ווילן —
ס'איז דאָ אַ לעצטער, אַ פאַרצוימטער ראַנד,
וואוהין פאַרשטאַנד וועט קיינמאָל נישט דערצילן.

אַריבער יענעם ראַנד איז דאָס בראשית'דיקע ליכט
פון אייביק און אומענדלעך וויסן.
אין טראָפּן זוימען, וואָס פון טאַטנס דיך
קריגט יעדערער אַהין דעם שליסל.

פון טראָפּן זוימען לויכט די אייביקייט אַרויס
פאַר העכסטן ווי פאַר קלענסטן און געמיינסטן.
וואָס גרויסטו זיך, דו גרויסער, מיט דיין גרויס,
און אָרעמער, געפּאַלענער, וואָס וויינסטו?

דערמאָן זיך, מעכטיקער, פון וואַנען קומסט
און זע, ווי נישטיק ס'איז דיין גדולה און פאַרמעגן.
דערמאָן זיך, אָרעמער, פון וואַנען קומסט
און זע, ווי ליכטיק ס'איז אויף דיינע וועגן.

אין טראָפּן זוימען איז דיין נישטיקייט און ענד,
אין טראָפּן זוימען איז דיין אייביק לעבן.
קלייב אויס, געבוירענער: אין דיינע הענט
איז נישטיקייט און אייביקייט געגעבן.

◈

טרייבט די פרנסה דורך מאַרק און יאַריד.
שקר צעפּלייצט און תאוות צעבריט,
שקר זויגט איין די טריט, ווי אַ זומפּ
און תאוות בריען ווי פלאַמען אַרום.

קויטיק און שרפ׳נדיק לויפסטו פון מאַרק,
ליגסט ווי אַ קנויל און די מיאוס׳קייט וואַרגט:
— וואָרעם צעטראָטענער אונטער די פיס,
ועסט אַזוי אייביק שוין פוילן אין מיסט!

ליגסט, און אַ קוואַל פון טרערן צעפראַלט.
אומריין דער קוואַל און ריין דער קוואַל.
אומריין ווען שוועבט דיינע בלאָטיקע שיך,
ריין, ווען ער גראָבט צום פאַרגראָבענעם ליכט.

ליכט, וואָס אין דיר, איז קיינמאָל נישט טויט.
ס׳מאַטערט זיך בלויז אין דער תפיסה פון קויט,
און פון זיין גלות אין שטויב פון דיין גוף
וואַרט עס צו הערן דיין בענקשאַפט און רוף.

רוף עס אין ווייטיק — דערפילט עס דיין צער
און דיר אַנטקעגן די תפיסה צעשפּאַרט.
פינצטער איז דאָ נאָר, וואו ליכט איז נישטאָ.
אַט ביסטו נאַכט און אַט ביסטו טאָג.

◈ ◈ ◈

ס׳זיינען אַלע זיך היימיש געווען אין הויף,
דעם צעפּאָרענעם הויף מיט די זומפּיקע גריבער
און געלאַטעטע הונדערטיעריקע שטיבער:
דער טאַנדעטניק און שינדער און שמאַטע־קלייבער,
דער באַגרעבער און פורמאַן און זייערע ווייבער,
וואָס דערציילן זיך וויבערשע מעשיות ביים פּלומפּ,
און די קינדער, וואָס טאַפּטשען זיך זומער אין זומפּ —
וואָס ביי יעדן אין טאָפּ און אין בעט
האָבן אַלע פאַר אַלעמען איבערגערעדט
און געוואוסט אַלעמאָל עפּעס מער —
נאָר די פישערקע ביילע מיט אירע צוויי זין
האָט מיט קיינעם אין הויף זיך נישט אָנגעקערט
און געווען אַ פרעמדע אין הויף.

ווען דאָס יונגוואָרג אין הויף איז געלאָפן קוקן
צום חזיר׳ניקס פלויט אויף אַ חזיר׳שער שחיטה,
זיינען ביילעס צוויי זין נישט געווען אין מיטן;
ווען דער הויף האָט געקוקט ווי די שינדערקע שלעפּט
פון חזיר׳ניקס שייגעץ איר מויד ביי די צעפּ,
איז די פישערקע נישט געשטאַנען ביים טיר;

און אַפילו ווען ס'האָט זיך געגאָסן ביר
לכבוד דעם פּורמאַנס ערשטן בן־זכר —
און מ'האָט דעמלט געזען באַשיינפּערלעך,
אַז דער גאַנצער הויף איז איין משפּחה —
איז דער יחסנ'טע אויך נישט אַנגעשטאַנען
זיך צו פרייען מיט אַלעמען גלייך.

האָט מען טענות גע'טענה'ט און כעס גע'כעסט,
אַז זי נעמט זיך אַליין צו פון מויל דעם ביסן.
ס'טאָר אַ מענטש נישט זיין שטיקל חיונה פאַר'מיאוס'ן,
און זי זיצט אויך אין מאַרק ביי דער באַליע פיש
ווי דאָס וואָלט איר געווען אַן אַפּקומעניש.
און אַז יאָ שוין אַ למדנ'ס אלמנה ?
קיינער קומט נישט אין מאַרק אריין טיילן רחמנות,
און מ'האָט ליב, אַז מע זאָל פאַר אַ פאָלע אַ ריס טאָן,
און נגידית'טע רופן אַ ווייב פון אַ שוסטער
און נישט זיצן מיט אויגן פאַרצאָגט
ווי מע וואָלט ביי דער באַליע פיש
אַ גאַנצן טאָג תחינות געזאָגט.

האָט מען טענות גע'טענה'ט און כעס גע'כעסט
וואָס די זין גייען אום ווי די מאַמע בלאָס.
אַז פון וואַנען זאָל זיין אַ שפּראָץ בלוט אין פּנים
ביי די אויסגעווייקטע למדנים,
ווען אַ גאַנצע וואָך עסט מען טעג ביי לייטן —
און אַז אַך און ווי צו די ליידיקע מאָגנס,
אַז מע דאַרף מיט רחמנות דעם הונגער שלאָגן ! —
און נאָר שבת קומט מען אַהיים צו דער מאַמען
און מע פּראַוועט אַ טיש מיט קידוש און זמירות.
הערט דער הויף און איז זיך מחיה טאַקע,
נאָר פון זינגען זמירות
קריגט נישט קיינער קיין פאַרב אין די באַקן.

נאָר ווען איינמאָל אין מיטן טאָג אָנהייב זומער
איז דער יינגערער משה'ל אַהיימגעקומען
און מיט שטיוול צוקאָפּנס זיך צוגעשפּאַרט
אויף דער באַקעטער שלאָפבאַנק—ער פילט זיך שלאָף,—
איז געוואָרן פון גאַנצן הויף אַ געלאַף,
און מ'האָט זיך נאָך אַלע יאָרן דערוואוסט,
אַז דאָס בחור'ל אַן אַ שפּראָץ בלוט אין די באַקן
איז אין אַלעמענס הערצער איינגעבאַקן.

ביז די מאַמע איז אַנגעלאָפֿן פֿון מאַרק
איז געווען שוין נישט דאָ געדאַכט,
האָט מען תהילים געזאָגט אַ גאַנצע נאַכט,
און אַז מ׳האָט געבראַכט די שוואַרצע עגלה,
זיינען אויגן ביי ווייבער און מענער גלייך
געדראָלן געווען פֿון יללה.

האָבן מאַמע און ברודער זיך שבעה געזעצט,
און ס׳האָט שוין די טיר נישט גערוט
ביי דער שוועל וואָס איז יאָרן געווען אַזוי פֿרעמד
ביז מ׳האָט זי מיט טרערן באַנעצט,
און ס׳האָט זיך די אבל׳טע מער נישט געשעמט
מיט די שווערע הענט פֿון די גראָבע פֿאַרשווינען,
וואָס זיינען געקומען איר זון באַוויינען.
איצט וועט ביילעס יתום נישט דאַרפֿן מער זוכן
ביי פֿרעמדע טישן זיין טעגלעך דערהאַלט:
זי וועט רייסן פֿאַלעס און שלעפֿן מיט גוואַלד,
וועט די ערשטע אין מאַרק די קונים פֿאַרכאַפֿן
און נישט לאָזן דעם הונגער דאָס חיות צאַפּן
פֿון איר קינד, ווי זי האָט עס ביז איצט געטאָן
און פֿאַרזינדיקט אַ זון פֿאַרן הימל.

און אַז ביילע איז ווידער אַוועק אין מאַרק,
האָבן שכנות געוואוסט — עס שטייט אויפֿן פּליטע
אַ טעפּל פֿאַר נתנ׳ען, דאַרף מען עס היטן,
און ווער ס׳האָט געקענט, האָט צוגעגעבן
אַ שטיקעלע לונג און אַ פּעניצל לעבער,
אַ ביסעלע גריץ, אַ קאַרטאָפֿל, אַ מערל —
זאָל ער זיצן דאַרטן ביים שטענדער און לערנען
און דער הויף וועט פֿאַר אים די וועטשערע קאָכן.
נאָר עס קאָכט זיך נישט איין אין טעפּל די ברכה.
ס׳לאָזט דער בחור דער מאַמען די שלאָפֿבאַנק ניט מאַכן,
ווייל עס פֿעלט אים דער ברודער ביים זייט,
ליגט ער נעכט אָן שלאָף אויף דער ברעט, דער האַרטער,
און דאָס פּנים — אַלץ שטייפֿער און איינגעקוואַרטער,
און אַפֿילו ביים שטענדער — דערציילן די לייט —
זיצט ער שעה׳ן אין הינערפּלעט.

אַז אַ גאַנצער הויף ווייבער ווי אמת׳ע מאַמעס
קוקן נאָך זיין טראָט — וואָס נאָך קען מען טאָן?
און אָט איז אַ הייסער אָונט אין תמוז,

מע זעצט זיך אויס פאַר די טירן צו ברייען
און מע וואַרט — באַלד וועט נתן אויף וועטשערע קומען.
נאָר דער זייגער ווערט זיבן און אַכט און ניין
און פון בחור נישטאָ קיין סימן.
נעמען שכנים זיך רוקן צוביילעס שוועל
און מ'האָט מורא אַרויסצולאָזן פון קעל
אַן איבעריק וואָרט — שיקט מען ייִנגלעך אַוועק
אין בית־מדרש אַ קוק טאָן, מע פּרוּווט זיך דערמאָנען,
אפשר ערגעץ אַ חבר פאַראַן וואָס מען קאָן אים,
מענער גייען אַרויס אויף די וועגן און גאַסן,
און עס הייבט שוין אָן באַגינען צו בלאָסן
ווען מע קומט מיט גאָרנישט צוריק.
קריכט דער עולם, אַ שטומער, צו זיך אין די שטיבער,
און די מאַמע, דאָס אומגליק, לאָזט מען איבער
מיט פאַרגליווערטע אויגן ביים שוועל.

ערשטער מנין טרעפט ביילען ביים שוועל פון בית־מדרש.
פון בית־מדרש צום רב. איז אַוועק אַ שמש
און אין טישן פון קלויזן און שטיבלעך געקלאַפּט
אויסצורופן דעם וויטיק, דער מאַמעס,
האָט מען ערגעץ אַ בחור דערטאַפּט,
וואָס האָט נתנ'ען איינמאָל געטראָפן זיצן
מיט אַ פרעמדן אין קלויז און זיך אַמפּערן היציק,
האָט אַ ייִד פון אַן אַנדער בית־מדרש דערמאָנט זיך,
אַז אויך דאָרט איז אַ בחור פון ערגעץ אַ שטעטל
נישט געוואָרן אַנומעלט,
האָט אַ דריטער געוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַ משומד,
וואָס פאַרנאַרט צו זיך לערנער מיט טריפ'ענע פּשט'לעך,
האָבן רייד זיך געפלאָכטן, געקניפּט און געבונדן,
און צו מנחה צו האָט שוין די שטאָט געוואוסט,
אַז דער פישערקעס בחור, וואָס איז פאַרשוואונדן
איז אונטערן שלאָס ביים משומד.

האָט דער שמאַטעקלייבער, וואָס וואָרטשעט כסדר,
זיך צעוואָרטשעט ביים פלומפּ: — קאָכט אים טעפּלעך,
קאָכט אים!
נאָר דער הויף האָט געדענקט דעם שינדערס טאָכטער,
וואָס דער טאַטע האָט שיר נישט צום טויט פאַרשמיסן,
און דעם זון פון טאַנדעטניק, וואָס זיצט אין תפיסה —
ס'איז נישט רעכט אַזאַ אומגליק אין פּנים צו וואַרפן!
האָט נאָך שטאַרקער פאַרקלעמט דער מאַמעס חרפּה,

און אַפּילו דער כּעס אויפן תּכשיט אירן
מיט די קוואָרע באַקן און פינצטערן אומעט
איז פאַרשלונגען געוואָרן אין האַס צום משומד.
אַזאַ איינעם דאַרף מען די אָדערן טרענען!
זאָל מען נאָר זיך דערוויסן זיין פינצטערע נאָרע,
און מע וועט אים פון דאָרט ווי אַ שצור אויסברענען —
אַ שיינע, ריינע כּפּרה
פאַר אַלע פאַרפירטע יידישע קינדער!

האָבן מאַנצבילן קאַפּטאָנעס אָנגעטאָן
און ווייבער די קאָפּ־טיכלעך שטייפער פאַרבונדן
און מיטביילען אין מיטן אַ שפּאָן געטאָן.
האָבן גאַסן געקוקט אויפן בייזן וואונדער
און געכאַפּט זיך — דאָס גייט דער בלאָטיקער הויף
וועגן בחור, וואָס מ'האָט צום שמד פאַרנאַרט.
איז מען נאָכגעגאַנגען — ווער פון צער
און ווער פון כּעס, און ווער פון טשיקאַוועסט,
און ווען נישט דער פאַרביסענער אימפּעט פון טראָט,
און ווען נישט דער פאַרנאַכט אין וואָלקנס צעגליטע,
וואָלט מען מיינען געקענט, אַז אַ האַלבע שטאָט
גייט עס נאָך צום בית־עלמין אַ הייליקע מיטה.
אַזוי איז דער עולם דערגאַנגען צום רב
און אַ שפּאָר געטאָן די טיר פון גאַניק,
און אַז ער איז פון דרימל אויפגעשטאַנען,
וואָס ער דרימלט נאָך וועטשערע אַלעמאָל,
און דערזען אַ גאַס ווי צו קינות אַ שול,
האָט זיך איינגעבראָכן ביים רב דאָס קול:
— וואָס פאַרלאַנגט איר, יידן? — און דער בלאָטיקער הויף
האָט געענטפערט דערויף: — מיר ווילן בלויז וויסן
וואו די שלאַנג, דער משומד, האַלט זיך אויף.

האָט דער רב דעם אָטעם אַ צי געטאָן פרייער
און אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין גאַרטל
און געזאָגט מיט אַ קול אַ האַרטן:
— מיינע ליבע יידן, איר שפּילט זיך מיט פייער.
מ'איז אין גוי'אישע הענט און איר קענט נאָך, חלילה,
אָן אומגליק ברענגען אויף אַ גאַנצער קהילה.
גייט אַהיים, זאָג איך, יידן, און מישט זיך נישט.
האָט דער פרעמדער עולם אין שטומעניש
זיך גענומען צעקריכן, נאָר ביילע, די מאַמע,
האָט מיט ביינערנע פינגער צום רב זיך געקלאַמערט:

— זאָגט מיר, רבי'ניו, בלויז וואו ער איז,
וועל איך פאַלן צו זיינע פיס —
אפשר וועט ער רחמנות האָבן.
נאָר דער רב האָט נאָך טיפער די הענט פאַרגראָבן
אין זיידענעם גאַרטל: — גייט אַהיים און טוט תפילה!

האָבן ביילען צוויי ווייבער געפירט פאַר די הענט
און די מאַנצבילן האָבן זיך פינצטער געשלעפּט
און געבורטשעט פון אונטער געבויגענע קעפּ:
— ווען אַזוינס זאָל געשען מיט אַ נגיד'ס אַ זון,
וואָלט די שטאָט שוין געוואוסט וואָס צו טאָן.
נאָר מיט איינמאָל אַ ריס פון די ווייבערשע הענט,
און ווי ס'וואָלטן זי שדים געטראָגן,
האָט זיך ביילע גענומען יאָגן,
און די ווייבער נאָך איר, און די מענער נאָך איר,
ביז דערלאָפן צום הייליקן אָרט
און מיט אַ פאַרדומפּענעם קול זיך צעשריען:
— ער האָט דאָך אַ טאַטן דאָרט!
זאָל דער טאַטע זיך גיין פאַר אים מיען!
האָט דער הויף פון דער וויטן געקוקט און געוואָרט:
זאָל זי אויסשרייען, נעבעך, איר ביטער האַרץ —
אפשר וועט איר דערפון ווערן גרינגער.
אָבער ביילע מיט בייניק־פאַרקלאַמערטע פינגער
האָט זיך איינגעביסן אין ברעטל פון פלויט
און געשריען: — דו ביסט דאָך אַ טאַטע!
ווי לאַנג וועסטו שווייגן, טאַטע?
און ס'האָבן נישט ווייבער, נישט מענער געקענט
פון ברעטל אָוועקרייסן אירע הענט
און זי אויפהייבן פון דער ערד.

◈

מיט די וואָס האָבן זיך געלאָזט צום רב דערפרעגן זיך
וואו דער משומד וואוינט, איז אויך געווען אַ פרעמדער — נח.
דערשלאָגן זיך קיין שעדלעץ אָנהויב תמוז און דערזען —
אַ שטאָט אַ גרויסע מיט ברוקירטע גאַסן, מויערן — אַ גאַנג
אויף לאַנגע טעג. איז אַ מין שטעלכל ביי אַ ייד אַ פורמאַן
מיט כאָמוטעס און אַלטע רעדער אויך אַ דירה. ס'ברענגט
די יידענע דאָס גלעזל וואַרעמס אינדערפרי, און דורכן טאָג
דערכאַפּט מען די נשמה אין אַ גאָרקיך ערגעץ. און ווי שפּעט
מע זאָל אַהיים נישט קומען, זיצן אַלץ די לייט פון הויף
אין דרויסן, הערט מען זייער ברייען און מע ווייס וואָס טוט זיך.
ער האָט געזען דעם בחור נתן אין בית־מדרש און אין הויף.

די נאַכט אַרומגעיאָגט זיך מיט די אַנדערע אים זוכן,
געזען דער מוטערס ליימיק פּנים מיט די שטאַרע אויגן
און מיטגעטראָגן עס מיט זיך אַ גאַנצן טאָג . . . פון רב
פאַרגאַנגען אין בית־מדרש. יידן האָבן זיך געקלייזלט. ווער געהאַט
רחמנות אויף דער מוטער, ווער געצאַרנט אויפן זון,
דעם עכברש, און ווער ס'האָט נישט געקענט באַנעמען:
— ס'טייטש, נתן! אַ בר־דעת! . . . און ס'האָט אַן אַלטער חסיד
געהאַט אַ מעשה צו דערציילן: שוין געווען אַמאָל אַזוינס.

צום רבי'ן ר' בער איז געקומען אַ יידענע איינמאָל
און זייער געוויינט: מ'האָט דעם זון אירן איבערגערעדט
און איצט האַלט מען אים אונטערן שלאָס אין אַ קלויסטער
און ס'לאָזן צו אים די גלחים קיינעם נישט צו.
און די מוטער האָט ביטער געוויינט, ווייל דער בחור
אין תוך איז אַ טייערער בחור געווען. האָט דער רבי
געהייסן די יידענע פאָרן אַהיים און גערופן צו זיך
די תלמידים, די הייליקע אַלע, וואָס זיינען געזעסן ביי אים,
און אַ תורה געזאָגט אויפן פסוק: ונפש כי תחטא.
ס'איז געווען ערב שבת און ס'האָט זיי געוואונדערט:
וואָס עפּעס? אַוודאי פאַראַן אַ כוונה דערביי. אָבער וואָס —
נישט געוואוסט. אין אַ ווײלע אַרום שיקט ער ווידער
נאָך זיי, און אַזוי ביז קבלת־שבת פיר מאָל —
פיר טייערע דרושים געזאָגט און אַלץ אויפן פּסוק:
ונפש כי תחטא . . . אַריבער דער שבת, און באַלד
נאָך הבדלה דעם פינפטן און זעקסטן דרוש. און ווען דער רבי,
זיין זכות זאָל אונז ביישטיין, האָט אָנגעהויבן
די זיבעטע תורה צו זאָגן, איז פּלוצלינג געוואָרן
אַ שטורעמווינט, ביימער געבראָכן און דעכער געריסן,
און ס'איז מיטן שטורעם אַ בחור אַריינגעפאַלן
און פאַר אַלע תלמידים די מעשה אַזוי דערציילט:
ער ווייס נישט וואָס איז מיט אים היינט געשען,
נאָר ס'האָט אים מיט איינמאָל אַ בענקעניש אָנגעכאַפּט
צו יידן און יידישקייט — נעם כאַטש און ברעך
די וואַנט מיטן קאָפּ. נאָר די טיר איז פאַרשלאָסן.
האָט ער זייער געוויינט פון חרטה און תשובה
און אָפּגעמאַכט זיך פון אַ פענצטער אַרויסוואַרפן —
אויב ס'איז אים באַשערט דער טויט, אפשר וועט ער
זיין זינד דערמיט אויסקויפן. אָבער די זעלביקע רגע
ווי ער האָט פון אָפענעם פענצטער אַ שפּרונג געטאָן, —
איז אַ ווינט מיט אַ שטורעם געקומען, אים אויפגעכאַפּט
און געטראָגן אין לופט אַזוי לאַנג ביז עס האָט אים

אַנידערגעשטעלט אויף די פיס אויף דער ערד
און אָט איז ער דאָ ביים רבי'ן דעם נס צו דערציילן.

אין הויף האָט ער דערהערט, אַז די אלמנה ליגט ביים פלויט
פון גוטן אָרט און לאָזט זיך נישט אַוועקרייסן. האָט ער געפרעגט:
— דער מאַן אירער פלעגט פאָרן צו אַ רבי'ן? — אָבער דאָס
האָט קיינער נישט געוואוסט. ביים מאַן האָט ביילע
אין הויף דאָ נישט געוואוינט . . . — ס'וואָלט נישט געשאַדט
פונדעסטוועגן דערמאָנען איר, זי זאָל צום רבי'ן פאָרן . . .
אינדערפרי געזען ווי ווייבער האָבן זי אַרויסבאַגלייט:
זי האָט געשלעפּט די פיס און ס'איז דער קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען
ווי זי וואָלט נישט גאָט, נישט מענטש געקענט אין פּנים קוקן.

אַרויס אויף זיין פּרנסה־גאַנג, נאָר ביי אַ שוועל ערגעץ
זיך אָפּגעשטעלט, פאַרקירעוועט זיך און אַוועק צום רב.
— בין דאָ אַ פרעמדער, רבי. קיינער קען מיך נישט.
נישט דער משומד, נישט דער בחור. שטיי דאָרט אין אין הויף
און האָב געזען דעם צער פון דער אלמנה. וואָלט איך וועלן
זיך פּרוּוון. זאָגט מיר וואו מע האַלט דעם בחור
און איך וועל גיין אַהין. — צו וואָס? — אויב איינער קען
מיט רייד פאַרפירן, דאַרף דאָך עמעצער אויך קענען
מיט רייד צוריקפירן. — זענט איר דער עמעצער?
—קען זיין.—מ'עט אייך גיט צולאָזן צום בחור.—פּרוּוון מעג מען.
— איר קריכט אין פייער, יונגערמאַן. — פאַר יידן איז עס נישט
קיין נייעס . . . אויפן גלאַטן, באַלעבאַטישן און שטייפן פּנים
פון רב האָט זיך צעצונדן עפּעס. אַ מינוט אַ לאַנגע אָנגעקוקט
דעם מענטש, און מיט אַמאָל: — צו וועלכן רבי'ן פאָרט איר?
פון דער געפלעפטקייט ביזן ליגן האָט גענומען בלויז אַ רגע:
— איך? צום ליובאַוויטשער. (און אפשר איז עס נישט קיין ליגן:
דער טאַטע פאָרט דאָך און דער „תניא" איז אין טלית־זאַק).
— אַזוי . . . — האָט זיך אין רב'ס מחשבה עפּעס אויסגעלייטערט:
— נאָר איר זאָלט לאָזן וויסן ווי סע גייט אייך. — זיכער.

דער שמש האָט געפירט, געפירט אַרויס פון גאַסן יידישע
צו גאַסן איינגעטונקענע אין גרינס, און ביי אַ ראָג
זיך אָפּגעשטעלט: — דאָס פערטע הויז . . . אַ זאָג געטאָן
און זיך אַוועקגערוקט. פון זון און קאַשטנבוימער פלעכט זיך
אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן איבער גאַניקעס און דעכער.
געפּאַרבטע פלויטן און באַשוכטע קינדער זאָגן עדות
אויף גוי'אישקייט און שפע. נח מיידט דריי הייזער אויס
און עפנט אויף די פורטקע ביי דעם פערטן, אָבער דאָ — אהאָ! —

א ברוינער הונט צעבילט זיך אים אין פנים. קאָן ער
דעם מין — אַמאָל גע׳חבר׳ט זיך מיט זיינס אַ קרוב —
טוט אויס די ברילן אים צו קענען קוקן אין די אויגן,
און ס׳קומט אים אויף, אַז אין אַ מעשה וועגן בעש״ט
וואָלט שוין דער הונט געווען אַ גלגול פון אַ זינדיקער נשמה,
וואָס היט אים אָפּ ער זאָל נישט נכשל ווערן, כדי
אין זכות דערפון אַליין אַ תיקון קריגן. בילט דער הונט
ווי ס׳וואָלט באמת זיך באַזעצט אין אים אַ גלגול,
און ס׳העלפט אויך נישט דער גוטער בליק פון נח׳ן.
פאַרפאַלן! שפּאַנט ער דורך צום גאַניק און פּרואווט עפענען
די טיר. פאַרשפּאַרט . . . ער קלאַפּט . . . מען עפנט ניט . . .
קלאַפּט שטאַרקער . . . ס׳רייסט זיך אויף. אַ הויכער ייד,
אַ שוואַרצער, אין אַ קאַמגאַר־רעקל קוקט אים אָן
מיט מאָדנע אויגן — שוואַרצע, פלאַמיקע, נאַר מיט אַ רויכל
פאַרצויגן אויפן שוואַרצן פלאַם. ווי דאָס וואָס ברענט
זאָל זיך אַליין פאַרשלייערן. ער קוקט מיט אָט די רויכלעך
ווי נעפּל נעפּלענדיק פון זיך און טוט אַ פרעג אַ האַסטיקן:
— וואָס דאַרפט איר דאָ? — איך דאַרף צו אייך. — צו מיר?
איך קען אייך נישט! — פאַרהאַקט די טיר און אויס.
דער הונט נעמט ווידער בילן, נח קלאַפּט אין טיר
עקשנות׳דיקער. פּראַלט זי אויף, און ס׳איז אין קול
די זעלבע רויכערדיקע פלאַמיקייט וואָס אין די אויגן:
— איך זאָג אייך — טראָגט זיך אָפּ! ער וויל פאַרמאַכן,
נאַר נח האַלט די טיר און טענה׳ט: — אַז מע טאָר נישט
אַריינקומען צו אייך, קומט איר אַרויס און הערט מיך אויס.
דעם שוואַרצנס אויגן רויכלען זיך. ער קומט אַרויס
און האַלט די קליאַמקע פון דער צוגעמאַכטער טיר:
— וואָסווילט איר? נח טוט צוריק די ברילן אָן
דעם שקר זיינעם צו באַשיצן און זאָגט וואוילעריש:
— איר האָט נישט וואָס צו שרעקן זיך. מיך גייט נישט אָן
די פישערקע און נישט איר זון. — וואָס פאַר אַ פישערקע?
וואָס פאַר אַ זון? . . . — איר דאַרפט זיך נישט באַהאַלטן.
זיי וייסן — ס׳מלכות איז מיט אייך. — וואָס פלאַפּלט איר? —
איז אַלץ דאָס קול נאָך פלאַמיק, אָבער נח שפּירט:
אין כעס און אַנשטעל איז אויך נייגיר. איילט ער זיך
דעם נייגיר צו באַפרידיקן: — געווען אַ האַלבע שטאָט ביים רב,
געוואָלט ער זאָל זיי אויסזאָגן וואו איר געפינט זיך.
ער ווייס אָבער — ער קען מיט אייך זיך נישט פאַרמעסטן.
דאָס מלכות איז מיט אייך. האָט ער בלויז אַנגעשריגן
און זיי אַהיימגעשיקט . . . וועט איר דאָך פרעגן וועגן מיר.
איז פשוט. איך האָב איינגערעדט דעם רב, אַז איך וועל גיין

און איבֿערריידן נתן'ען. איר האָט דאָך נישט קיין מורא . . .
— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר? — שניידט שוין איצט
דאָס קול מיט אומגעדולד. דער מענטש טוט זיך דערביי
אַ צי אַרויף אין פֿולער הויך, דער פֿלוידערזאַק זאָל זען —
ער וועט אים נישט אַריבערכיטרעווען. ווייקט נח איין
זיין אייגן קול אין אויל פֿון תמימות: — ס'איז פֿאַראַן ביי אונז
אַ גדר, וואו אַ מענטש, וואָס זוכט דעם אמת, שטעלט זיך אָפּ.
איך וואַנדער אום פֿון יוגנט אָן און לערן, נאָר ביים נוצרי
זיך אָפּגעשטעלט . . . איצט קום איך וועגן דעם צו אייך.
ביים שוואַרצן פֿינקלט אין די אויגן: — וואָס זשע ווילט איר?
— דעם ברית החדשה קען מען קריגן. וואָס איך וויל —
איז עמעצן וואָס זאָל מיר קענען זאָגן פּשט, אויב עפּעס
וועט קשה זיין . . . דער שוואַרצער שטייט אַ וויל, באַטראַכט אים
און זאָגט צווישן די ציין: — איר זענט אַ שלעכטער ליגנער.
און אויב איר מיינט, איר וועט מיך איבערקליגן, וואָרן איך אייך:
איר וועט באַצאָלן רבי־געלט. איצט קומט מיט מיר.

דאָס צימערל איז קליין. אַ בעט, אַ טיש, אַ בענקל.
דער שוואַרצער גייט אַרויס און קומט אַריין צוריק,
דערלאַנגט אַ ספר'ל: — אָט האָט איר עס! — און גייט אַרויס
פֿאַרשפּאַרנדיק די טיר. איצט ווערט דאָס צימערל אַ צעל
אין תפֿיסה. ערגעץ זיינען דאָ אין הויז נאָך מענטשן,
נאָר הערן הערט מען נישט. דאָס האַרץ איז טומלדיק.
ס'האָט גאַנצע צען מינוט זיך איינגעהאַלטן, הערנדיק
ווי שווינדלעריש עס האָט אַ מענטש געפּלאָכטן שטריק פֿון שקר
מיט פֿעדימלעך פֿון אמת — נעמט זיך עס ערשט אָפּ.
ער לאָזט דאָס האַרץ זיך אויסטומלען. איז מיד.
נאָר ס'איז קיין תכלית נישט צו זיצן דאָ אַזוי. צעעפֿנט
דאָס ספר'ל, אַ מיש דעם שער־בלאַט און נעמט לייענען.
דעם נוצרי'ס יחוס ביז אברהם אבינו מישט זיך
מיט פּסוקים פֿון ישעיה... ווען מע קריגט ערגעץ אַ קענדל וואַסער!...
נאָר רירן טאָר מען זיך דאָ נישט. איז כאַפּט ער אָן
דעם פּסוק פֿון ישעיה און זאָגט ווייטער אויסנווייניק
און איז נישט מער אַליין. מיט אים אין צימערל איז אויך
דער נביא און מע קען בשותּפֿות אָנהויבן פֿון אָנהייב. זעסט,
בן־אמוץ? דו האָסט זיך דערדינט צו זיין אַ נביא בלויז,
און דאָ פֿון ערשטן שאָס — משיח! ס'ווערט אים היימלעך,
ניין, ס'ווערט אים פֿריילעך אַזש פֿון גרויסן יחוס־צעטל
און נס פֿון ישו'ס קומען אויף דער וועלט. נאָר ווייטער
שטייגט פֿון די שורות אויף אַ שרעק און ס'קען אַפֿילו
דער נביא זי נישט איינשטילן: ניין, וועסט אים נישט

וועקמאַכן . . . און אַז דער מענטש באַשטייגט דעם באַרג
און הייבט אָן זאָגן: וואויל איז די דערשלאָגענע,
וויל זייערס איז דאָס קיניגרייך פון הימל, וואויל איז די
וואָס טרויערן, ווייל זיי וועלן געטרייסט ווערן — פילט נח:
די פויסטן זיינע ביילן זיך פון פּחד. ניין, ער וויל נישט
דער מענטש זאָל אַזוי ריידן! ער? נישט ער! אַ וועלט
מיט יידן, דורות יידן, ציטערנדיק אימת־מות פאַרן צלם
און דעם וואָס איז צום צלם צוגענאָגלט, ווילן נישט.
אַז נח׳ס ליפּן זאָלן זיך צעעפענען געפלעפטע פון די רייד.
נאָר נח׳ס ליפּן זיינען אָפן, אָפן, קיל און טרוקן,
און יענער רעדט. ווי איינער וואָלט נאָך טויזנט סגופים
זיך אויסגעטאָן פון חומר, אָנגעקוקט דעם מענטשנס ערד
מיט אויגן יענע־וועלטיקע און טרייסלט זי אַראָפּ פון זיך
ווי שטויב פון ווייסן קיטל — ריין און ווייס און יענע־וועלטיק.

שייד זיך אָפּ פון טאַטע־מאַמע,
לאָז אויף הפקר היים און אייגנס.
גליט פון ליבשאַפט נאָך אַ טראָפּן,
רייס עס אָפּ ווי קינד פון נאָפּל
און וועסט זוכה זיין דערפאַר
צו אַ חלק עולם־הבא.

פויגל אַקערט נישט און זייט נישט,
וואָלף אין וואַלד קיין הייזער בויט נישט —
זאָל אויך דיך דער הפקר נערן,
הייל און בוים דיין היים זאָל ווערן,
און וועסט זוכה זיין דערפאַר —
צו אַ חלק עולם־הבא.

טראָג דיין באַק פאַרויס צום שלעגער
און דיין לעצטע העמד צום רויבער,
שמייכל נאָכגיביק צום שפּעטער,
שפּרייט זיך פאַרן שפּאַן פון טרעטער
און וועסט זוכה זיין דערפאַר —
צו אַ חלק עולם־הבא.

מאַכט באַרעכטיקט מיט פאַרקנעכטונג,
רשעות הערשט מיט שווערד געשאַרפטן —
וויק פאַר אייגן לייב די ריטער,
שלייף דעם שווערד פאַר אייגענער שחיטה
און וועסט זוכה זיין דערפאַר —
צו אַ חלק עולם־הבא.

און אויב ס'טליעט אַלץ דיין לעבן
נאָכן שפּעטער, נאָכן טרעטער,
נאָכן האַר און נאָכן קיסר —
שענק דאָס לעצטע דעם דערלייזער
און ווערסט זוכה זיין דערפאַר —
צו אַ חלק עולם־הבא.

◈

אין די לעכער, אין די היילן
וואו איר ליגט פאַרשטויסן,
וועל איך קומען טרייסטן אייך:
— וואויל איז די געפאַלענע —
זיי וועלן דערהויבן ווערן.

ווען איר ווערט פאַרפּייניקטע, געשענדטע,
וואַלגערן זיך אין די גריבער,
זאָלט איר זאָגן:
— מיר זיינען דאָס זאַלץ פון ערד,
מיר זיינען דאָס ליכט פון וועלט.
אָבער זאָגן זאָלט איר עס אַזוי,
אַז קיין וואָרעם זאָל אייך ניט דערהערן.

ווען איר ווערט זיך אויסשטעכן די אויגן,
וואָס האָבן געוואָגט צו גלוסטן;
ווען איר ווערט זיך אָפּהאַקן די הענט,
וואָס האָבן געוואָגט צו גאַרן,
מעגט איר דעמלט, ריין פון זינד,
ווענדן זיך צו אייער פאָטער אויבן.
אָבער שעפּטשעט אייער וואָרט אַרויס אַזוי,
אַז קיין זעמדל זאָל אויף אייך קיין חשד ניט האָבן,
אַז איר, קאַליקעס, איר, בלינדע,
האָט אַ פאָטער ערגעץ.

אָט אַזוי וועל איך אייך ליב האָבן.
אָט אַזוי וועל איך אייך קומען טרייסטן:
— וואויל איז די געפּלאָגטע און גע'רודפ'טע —
זיי וועלן פאַרדינען עולם־הבא.

◈

דער שוואַרצער קומט אַריין: ער דרימלט גאָר, דער אורח!
די פויסטן איינער אויפן צווייטן האַלטן אויף דעם קאָפּ,

און רירט זיך נישט. נייק, ביי אַ דרימלדיקן קענען פויסטן
אַזוי נישט איינגעשטייפּט זיין. פּרוּאווט ער זיך: — איר שלאָפט?
הייבט נח אויף דעם קאָפּ — די פויסטן בלייבן ווי געווען
צוויי־גאָרנדיק — און קוקט אים אָן: — איך שלאָף נישט...
איצט זיינען אַלע ליגנס אויסגערונען. זאָגט ער קינדיש:
— איך האָב זיך נישט געריכט אויף דעם. — אויף וואָס?
— די דרשה אויפן באַרג. — ס׳איז נאָר אַן אָנהייב. לייענט ווייטער.
— כ׳וועל מער נישט קענען היינט... ער טרייסלט מיטן קאָפּ אויף ניין,
און אַט דער קאָפּ־טרייסל צעטרייסלט אויך דעם שוואַרצן:
דער לץ איז מיט אַן אמת אויפגערודערט. זאָגט ער:
— קומט מאָרגן, וועט איר ווייטער לייענען. — כ׳וועל קומען.
ער פירט אים צו דער טיר און קוקט אים נאָך אין גאַס
און קומט אַריין צוריק. דאָס בלאַט איז אָפן. בייגט ער זיך,
דער שוואַרצער, און נעמט לייענען פאַר זיך אַליין די פסוקים.

און נח גייט, דערזעט אין גאַס אַ יידן, ציטערט אויף
און ס׳קומט אַ פסוק אונטער: דו ביסט טמא ביזן אָוונט
און נאָכדעם מעגסטו קומען אין דער מחנה. מיידט ער אויס
דעם יידנס אויגן, שפּאַנט פון שטאָט אַרויס ביז צו אַ וועלדל
און בראָדזשעט צווישןביימער... עפּעס איז פאַראַן
אין מרים׳ס זון וואָס ער האָט שוין געהערט, געזען אַמאָל.
ניין, ס׳איז נישט דוכטעניש. ס׳איז וואָר. ער קאָן דעם ביטול
פון עולם־הזה, די הכנעה, יענע־וועלטיקייט — ער קאָן עס
און האָט עס שוין באַגעגנט... בראָדזשעט ער דורך ביימער
און בראָדזשעט דורך די ווערטער־וועלדער אין זכרון:
ס׳איז דאָ! „השם יתברך איז דאָך אויך אַזאַ —
נישט זכר, נישט נקבה,ביידע מיטאַמאָל.
און די מלאכים אויך"... אָוודאי! שייע! דאָרט אין שענק
דער טומטום מיטן פידל. יענער האָט זיך אָפּגעפּייניקט
אַ יוגנט ביז ער איז דערגאַנגען צו דער קדושה. דער —
דערציילט נישט פון זיין יוגנט. ס׳האָט דער שטן אים געמאַטערט
בלויז פערציק טעג. פאַר יענעם איז די שליחות זיינע
אַ סוד געבליבן: „דאָרט אין הימל ווייס מען צוליב וואָס
מ׳האָט אים געשיקט אַזעלכן אויף דער ערד". פאַר מרים׳ס זון
האָט זיך דער סוד אַנטפּלעקט: דער פאָטער וואָס אין הימל
האָט אים געשיקט אַזעלכן אויף דער ערד אַרויפצעוואַרפן
אויף מענטשן ערדישע די מדבר׳דיקע קדושה פון אַ פעלז,
וואָס שטאַרצט אַרויס אין וויסקייט צו דער זון — אַ פעלז
אָן גראָז, אָן טראָפּן פייכטקייט, אָן אַ שאָטן... ס׳איז דער גאָט
פון פאַרן וועלט־באַשאַף, נאָך איידער ער האָט זיך צעטיילט

אויף זכר און נקבה, איידער ער האָט אדמ׳ס ריפּן אַנגערירט
און נחש׳ן באַפוילן חוה׳ן אויפדעקן דעם סוד
פון וויסן און געבורט ; גאָט פון דער טומטום־אייביקייט
וואָס איז געווען ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די יצירה־אייביקייט . . .
דער גאָט פון בראשית זאָגט : האָב ליב און לעב.
דער טומטום־גאָט פון מרים׳ס וויסן זון פאַרלאַנגט :
מאַך פון דיין ליבשאַפט אַ מזבח און פאַרברען זיך !
איז דאָס דער וועג צו כולו־זכאי ? וויל דער כולו־זכאי
דעם מענטש אין מענטשן אויסברענען און לאָזן פון זיין לייב
בלויז וויסע האַלאָוועשקעס ? וויל הקדוש־ברוך־הוא
די וועלט צעשטערן און זיך אומקערן צו טומטום־אייביקייט ?

און אפשר זינדיקט נח קעגן אים . . . האָט אָנגעטאָפּט
דאָס מדבר־בלוט פון טומטום און פאַרטויבט דערמיט
די רייד פון צדיק, וואָס ער קען נישט אָפּוועגן :
— וואויל די וואָס הונגערן און דורשטן נאָך גערעכטיקייט,
ווייל זיי וועלן געזעטיקט ווערן . . . און ווי לויטער ס׳גייען נאָך
די ווערטער פון דער תפילה : גיב אונז אונזער ברויט
אויף היינט . . . און אפשר איז עס נישט די זינד פון נח׳ן,
נאָר יענעמס אומבאַהאָלפנקייט : האָט ליב געהאַט דעם מענטש,
געוואָלט די נויט און רשעות אַרום אים צו שטויב מאַכן
און שטאָט דעם קיניגרייך פון בייז אויף דר׳ערד אים אויפשטעלן
אַ הימל־קיניגרייך. נאָר ווען ער האָט געדאַרפט דאָס קיניגרייך
מיט קדושה אָנפילן, האָט ער קיין אַנדער קדושה נישט פאַרמאָגט
ווי די פון וויסן פעלז אין מדבר : בריאיק, האַרט און נאַקעט.
אַז ער האָט קיינמאָל צאַרטן לייב פון פרוי נישט אָנגערירט,
אַז הימל האָט זיך קיינמאָל נישט פאַר אים געשפּאָלטן
אין בליצן פון יצירה־יחוד, אַז דאָס אָרעם בלוט זיינס,
דאָס ערדיש בלוט האָט קיינמאָל נישט געשפּירט די שכינה . . .
באַפאַלט אַ גרויס רחמנות נח׳ן. ווען ער זאָל אים באַגעגענען
אין וואַלד דאָ, וואָלט ער זיך מיט אים אָוועקגעזעצט אין גראָז — — —
און וואָס וואָלט ווערן ? גאָרנישט ! נח וואָלט געהערט
ווי ביימער רוישן, פייגל זינגען, גראָזן שאַרכען מיט די פליגל
פון שוואַרצע זשוקעלעך . . . יענער אָבער וואָלט געזעסן
מיט אויגן אין זיך, אינם גלי פון פאַר־בראשית׳דיקער קדושה
און ווייטער גאָרנישט — — —

לאָזט ער זיך צוריק פון וואַלד
פון זיין פּרנסה וועגן. אָוונט צו קומט ער אַהיים.
אין הויף איז שטיל. דאָס ליידיק הויז פון דער אלמנה,
וואָס איז אָוועק צום רבי׳ן, שטייט ווי אַ מצבה. אָבער עולם

איז מיד פון נעכטן. רעדט מען מער נישט. ביז די זון פארגייט, קען מען נאך עפענען דעם „תניא“. בלעטערט ער:

וועט משיח קומען?
ווען גאָט וואָס איז אין אַלץ
וועט זיך אַנטפּלעקן אויף דער ערד.
ווי קען ער זיך אַנטפּלעקן?
דורך מענטש, וואָס האָט דעם וועג צו אים.
וואו ליגט דער וועג פון מענטש צו אים?
אין די פיר איילן פון הלכה.
געבאָטן צוויי הונדערט און אַכט און פערציק
צו לייטערן די גלידער,
פאַרבאָטן דריי הונדערט און פינף און זעכציק
צו לייטערן די אָדערן —
דורך זיי וועט מענטש די טומאה אויסראָטן
און ווערן ריינע כלי
וואָס גאָט וועט אָנפילן מיט זיך,
און אַז דער מענטש, דער בחיר פון וועלט,
וועט ווערן הוילע געטלעכקייט — — —

גערעכט, ר' שניאור זלמן! נישט אַרויסשפּרינגען פון לייב, נאָר לייב און ערד אַרומוויקלען מיט הייליקע רצועות, אויף פּלייצעס נעמען און אַרויסטראָגן צום כולו־זכאי. איז ווער זאָל עס דער טרעגער זיין? די רייכע מיט דער רייכקייט און זאַטע מיט דער זאַטקייט — זיי ווילן די ערד נישט טראָגן. זיי ווילן, אַז די ערד זאָל טראָגן זיי. די מעכטיקע מיט זייער מאַכט — זיי האָבן זיך גענומען אשמדאי צום שותף, הערשן ווילן זיי — פון זיי דאַרף מען די ערד אַרויסרייסן, מיט זיי מלחמה פירן. איז ווער זאָל פירן די מלחמה? נתן! נתן מיט די שמאָלע פּלייצעס, מיט טויט און הונגער אין די ביינער, נתן, בלייכער יתום — פאַר איך, ר' שניאור זלמן, און פאַר מרים'ס זון, פאַר ביידן — זאָל מיט די דאַרע הענט די ערד אַרויסרייסן פון רשעות, די שמאָלע פּלייצע אונטערשטעלן, זי אַרויפשלעפּן אויף זיך און שלעפּן, טראָגן זיי, אַרויסטראָגן צו כולו־זכאי...

זיצט אין קאַמער אַ פאַרשפּאַרטער נתן,
קילט די פינגער אין לבנה אויף די שויבן, וויינט:
איך בין אַלט איינגאַנצן זעכצן יאָר,
און שוין וויפל טויזנט יאָר
אַז איך טראָג די ערד צו גאולה
און נאָך וויפל טויזנט יאָר דאַרף איך זי טראָגן?

און איך וויל נישט.
איך וויל אַלט זיין זעכצן יאָר.

כ׳וויל נישט פירן קיין מלחמה מיטן אשמדאי.
כ׳וויל די שטיוול אויסטאָן,
און אַ באָרוועסער אַרומגיין אויפן גראָז,
כ׳וויל אַ פייפל מאַכן,
זיצן אויפן גראָז אין דער לבנה
און אַ ניגון אויספייפן.
כ׳וויל נישט פירן קיין מלחמה מיטן אַשמדאי,
איך וויל אַלט זיין זעכצן יאָר.

איינער טוט מיך אָן אין אַ של־ראש און אַ של־יד,
און דער צווייטער רייסט פון מיר די תפילין,
ביידע וואַרפן מיר די וועלט אָן אויף די פּלייצעס,
און ביי מיר דער קאָפּ טוט וויי.
כ׳וויל זיך אויפזוכן אַ שוועסטערל,
אַז זי זאָל זיך צורוקן צו מיר
און מיר זאָגן עפּעס.
כ׳וויל די וועלט נישט טראָגן אויף די פּלייצעס.
איך וויל אַלט זיין זעכצן יאָר.

כ׳וויל ביי די רשעים גאָרנישט צונעמען.
כ׳וויל די וועלט נישט רייניקן פון טומאָה.
איך וויל צו דער מאַמען קומען
מיט מיין שוועסטערל און בעטן:
מאַמע, באַק אונז שבת־קיכעלעך,
האָניק־קיכעלעך מיט מאָן,
וועלן מיר אַ ברכה מאַכן.
כ׳וויל די וועלט נישט רייניקן פון טומאָה.
איך וויל אַלט זיין זעכצן יאָר.

◈

גאַנץ פרי זיצט נח ווידער אין פאַרשפּאַרטן קאַמערל
און מיט די ערשטע בלעטער ווערט נאָך שאַרפער דאָס רחמנות:
אַ בעל־מופת גאָר! מאַכט לאָמע גייענדיק און בלינדע זעענדיק,
יאָגט רוחות און דיבוקים, טרייבט אַריין אַ פּאָרל שדים
אין אַ חזרים־סטאַדע און די סטאַדע שפּרינגט אין ים אַריין . . .
דערצו די גאוה און רציחה: שטעט וועט ער פאַרטיליקן
פאַר נישט געהאָרכן אים . . . נאָר צווישן בייזע רייד
און מופתים זאָגט ער זאָגעכצן, דערציילט משלים

וואָס שניידן זיך אין ביין אַריין. גייט בלאָט נאָך בלאָט.
העל־זעערישע חכמה, מוסר שניידיקער, נבואה,
און שרפֿ'ענדיקע שנאה — צו פּרומאַקעס, גאָט־באַטריגער,
פֿאַרשוועכער, שווינדלער — שנאה צו די ווידערשפּעניקער,
צו זיינע שונאים, און דערנאָך צו יידן, יידן, אַלע יידן . . .
ווי קען מען פֿון די ימים האָס, וואָס האָבן זיך געענערט
פֿון אָט די בלעטער, אויסטיילן די קדושה, און ווען ס'רינט
דאָס בלוט פֿון דיר זיך זאָגן: דער וואָס פּאַסעוועט מיין לייב
איז מיך געקומען אויסלייזן מיט ליבשאַפֿט . . . ס'ליגט
אַן אָפֿענער דער ספר און דער מוח שווימט אין אימה . . .
עס ווילט זיך עס פֿאַרגעסן אויף אַ ווייל, אַראָפּטרייסלען
פֿון זיך די אימה . . . קומט צוריק אַן אַנדער ספר'ל
מיט מופֿתים . . . נישט אַ מלאך — אליהו האָט באַוויזן זיך
צום פֿאָטער אַנזאָגן אַ זון, אַ ליכט . . . און ס'רוקן זיך
צוזאַמען בערג ווען דער בעל־מופֿת דאַרף אַריבערגיין . . .
און היילט, און טויטע מאַכט ער לעבעדיק . . . נאָר ס'אַרט שיין
פֿון מילדקייט, ס'אַרט נאָענטקייט צו דער ערד, צום מענטש
אין יענעם, אין בעל־שם פֿון מעזיבאָזש! . . . אָט גייט ער
אין פּעלצל אויפֿמאָנען דאָס ווייב פֿון שוואָגער:

ביי ר' גרשון קוטעווער פֿאַרן בית־דין טיש
זיצן באַלעבאָטים מיט אַ לאָדעניש.

לייגן אויס די טענות, טומלען באַלעבאָטים,
און ר' גרשון קוטעווער טראַכט אַלץ וועגן טאַטן:

וואָס איז דאָרט געשען אַזוינס און ווער איז דער ישראל —
דער טאַטע פֿאַרן טויט זאָל מיט אים שרייבן תנאים?

גלאַט אַזוי ישראל, נישט רב און נישט מורנו!
ווי האָט ער פֿאַר'קנס'ט די טאָכטער צו אַזוינעם?

עפֿנט זיך די טיר און פֿאַר די אויגן שטעלט זיך
עפּעס אַ בר־נש אין אַ צעריסן פּעלצל.

ברעמען צו דער ערד און טרוקן ווי אַ באַקסער —
שטייט ער ביים אַשאַק אַזוי ווי צוגעוואַקסן.

הייבט זיך אויף ר' גרשון אַ פּרוטה צוצוטראָגן,
רוימט אים איין דער אורח: — איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן.

— אַז איר דאַרפֿט, טאָ זאָגט! — ס'איז נאָר צווישן אונזביידן.
פֿירט ער אים אַריין אין אַ באַזונדער חדר.

יענער קריכט אין בוזים, שלעפּט אַרויס די תנאים:
— כ'קום אָפּנעמען דאָס ווייב, מיין נאָמען איז ישראל.

קוים מען האָט דערמינטערט דעם דיין פֿון חלשות:
— טאַטע אין גן־עדן, וואָס קומט מיר אַזאַ בושה?

קלאָגט ער אויף דער שוועסטער: ווי ווערט מען פֿון אים פּטור?
נאָר זי טענה'ט: מתים האָבן נישט חרטה.

און מע שטעלט אַ חופּה, און ר' גרשון געבעך
זעצט זיך מיטן שוואָגער קבעלן ווי אַ רבי,

נאָר דער קאָפּ איז טעמפּ ווי ביי אַ גוי, להבדיל,
קוים ער רעדט אַרויס די ווערטער פֿונם דאַוונען.

גייט אַוועק די שוועסטער גראָבן ליים פֿון גריבער,
זיבן יאָר אַריבער און דער מאַן אַלץ ליבער.

זעט מען דאָך בפּירוש: ס'איז פֿון גאָט אַ קללה.
— זאָל ער שוין דאָ זיין ביי מיר אַ בעל־עגלה!

שפּאַנט ער פֿערד און וואָגן און פֿאַרקריכט אין בלאָטע,
אַז ס'איז גאָר קיין מענטש נישט, נאָר אַ ווילדער טאַטער!

— איצט בין איך שוין יוצא פֿאַר גאָט און פֿאַר דער וועלט.
גיי דיר וואו דו ווילסט מיט אים און לעב ווי דיר געפֿעלט.

---

אין אַ טאָג אַ זומערדיקן רודערט זיך אין בראָד:
ס'גייט אַ גוטן יידן באַגעגענען די שטאָט.

עפּעס האָט אים איינער אין אַ וואַלד געפֿונען,
און זיין תורה — זאָגט מען — לייכט ווי זיבן זונען.

פֿון אַ וויטן וועג און אין אַזעלכע היצן —
פֿלעכט מען אים פֿון צווייגן אויס אַ שטול צום זיצן.

נעמט ער זאָגן תורה — פּראָסטע גוטע רייד,
גיסט זיך עס אין האַרץ מיט ליבשאַפֿט און מיט פֿרייד.

הערט אַ רעש ר׳ גרשון, זעט אַ מחנה קומען —
נאָ דיר שמחת־תורה גאָר אין מיטן זומער!

נאָר ווער זיצט עס אויבן אין דער שטול געטראָגן?
טאַטע אין גן־עדן! ס׳איז דאָך ער, דער שוואָגער!

און ער הערט די תורה — פּראָסטע, גוטע רייד
גיסן זיך אין הערצער מיט ליבשאַפט און מיט פרייד.

און ר׳ גרשון דיין טאַנצט אין מיטן שטאָט
מיט אַלע באַלעגאָלעס און קאָוואַליעס פון בראָד.

◈

אַ האַלבער טאָג אַוועק. דער שוואַרצער קומט אַריין:
— ווי גייט עס אייך? איצט קומט עס ווי אַ האָר פון מילך —
אַרויסשלעפּן דעם ליגן און פאַרכלינען זיך מיט די משלים
און זאָגעכצן. ביים שוואַרצן רויכלען זיך די אויגן. זעצט זיך,
נעמט אָן אַ הויפן באָרד אין פינגער און וויל וויסן
פון וואַנען קומט ער, נח, וואו געלערנט און פון וואָס ער לעבט.
די שטעט און די ישיבות זיינען אים נישט פרעמד.
ער ווייס ווער ס׳איז געווען ראש־ישיבה דאָ און דאָרט.
אַליין געוואַנדערט אין דער יוגנט. שמועסט זיך אַזוי:
אַ גלאַטער בריק פון פוסטן שקר אויבן, און אַ שוימיק וואַסער
פון אמת אונטן. ביז ער זאָגט: — איר זענט דאָך הונגעריק.
איר זאָלט נישט מקפּיד זיין אויף כשרות, וואָלט איך אייך
געבעטן מיטעסן. זעט נח: ס׳האָט די שלאַנג אָן איינפאַל,
און לאָזט זיך נעמען אויף דער ווענטקע: — ברויט איז כשר.

אין חדר, וואו מע קומט אַריין, איז אַ געדעקטער טיש.
צוויי בחורים׳לעך וואַרטן, איינער — נתן. זאָגט דער שוואַרצער:
— דו קענסט דעם יידן, נתן? אים האָט מען געשיקט אַהער
דיך אָפּצורייידן . . . הייבט אויף נתן אַ פּאָר אויגן — מיידלשע,
בורשטינענע, פאַרטרויערטע: — איך קען דעם יידן נישט.
דער שוואַרצער אָבער פירט אָן זיינס: — אים האָט געשיקט
דער רב אָדער די מאַמע דיינע . . . נתן ציטערט אויף:
— איך האָב קיין מאַמע נישט . . . דער זאָג איז שאַרף,
באַרימעריש מיט פּריש־געלערנטער תורה . . . נח זאָגט:
— דיין רבי וויל דיך אויספּרואוון. ס׳האָט נישט דער רב
און נישט דיין מאַמע מיך געשיקט. איך בין אַהער געקומען
ווי דו — צו לערנען . . . הייבן ביידע בחורים אויף אים
די אויגן: נתן — די בורשטינענע, דער צווייטער — בלאָע

איף דאַרפישן צעבליטן פּנים. ס'וואַרט אויף נח'ן אַ שטול,
מע זעצט זיך און דער שוואַרצער זאָגט די תפילה,
די תפילה פון דער באַרג־דרשה. אויך נח זאָגט. ער זאָגט
און רעדט דערביי צו מרים'ס זון: — דו זעסט —
די קדושה וואָס אין דיר שייל איך אַרויס . . . ער עסט
נישט בלויז דאָס ברויט, נאָר אויך דעם ווייסן שצאַוו
אין טריפ'ן טאָפּ געקאָכטן. אָפּגעגעסן, מיינט ער — פאַרטיק.
נאָר דאָ קומט אָן אַ גוי'ע מיט אַ שיסל קרעפּלעך,
געטונקט אין סמעטענע, און ס'שטופּט צו אים דער שוואַרצער
אויך דאָס. אין טעם פון טייג און סמעטענע דערשפּירט ער —
פליש. ער קען ניט אויסשפּייען דעם ביסן, מוז אַראָפּשלינגען,
נאָר ס'איבעריקע רוקט ער אָפּ און קוקט ווי יענע עסן.
דער ביסן שטעקט אין גאָרגל, אויגן קריכן פון די לעכער,
נאָר אונטער שוואַרצנס בליקן האָמעוועט ער זיך און זיצט.
מ'האָט אָפּגעראַמט פון טיש, הייבט יענער ווידער אָן:
— מיר האַלטן ווייטער שוין פון נח'ן (רעדט צו די בחורים),
נאָר ס'מאַכט נישט אויס. ער וועט אונז אָניאָגן . . .
אַזוי . . . האָט אים אין חדר שוין אַריינגענומען, און די שלאַנג
דאָס שאַרפע צינגל שטעקט אַרויס: — אַט האָסטו וואָס דו ווילסט...
קענסט נעמען — נעם אים, נתנ'ען . . . דער גאָרגל שטייפט זיך.
דאָס דאַרפיש בחור'ל הויבט אָן צו לייענען דעם בריוו
פון שאול'ן צו די רוימער. נח'ן באַשלאָגט אַ קאַלטער שוויס,
דאָס פּנים — קאַלך. מע פירט אים אויפן גאַס אַרויס,
מע פּאָיעט אים מיט קאַלטע וואַסער, נאָר אין מויל — נישט־גוטקייט
נישט בלויז פון די געדערים, נאָר פון הארץ, פון מוח, פון אַלץ,
וואָס שלאָגט צוריק אין אים. ער וויל אַ שמייכל אויסקרימען,
נאָר ס'לאָזט זיך נישט. דער שוואַרצער, אַ צעשרויפטער, עצה'ט:
— איר בעסער גייט אַהיים . . . דערנאָך, אַליין מיט די תלמידים,
באַלערט ער זיי: — איר האָט געזען דעם יידן? וועגן אים
און נאָך אַזעלכע האָט משיח אונז געוואָרנט: זייט מיט זיי
ווי שלאַנגען קלוג און אויך ווי טויבן אָפנהאַרציק.

אין אָוונט קומט דער שמש רופן נח'ן צום רב. ער גייט נישט:
— נישטאָ וואָס צו דערציילן נאָך, די בחורימ'לעך זיינען דאָרט. —
ער בלייבט אַליין, און ווען דער הויף קלייבט זיך צונויף
צו ברייען פאַר די טירן, האָט ער אויך פאַר זיך אַ מעשה:

ווען דער שטן האָט איינגעזען,
אַז ער קען נישט דעם רבי'ן ברענגען צו מכשול,
ווייל נישטאָ אין זיין בלוט קיין מענטשלעכע תאוות,
האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שטומען בעטלער,

און אַז ער איז פון „שטומקייט״ געגעזן געוואָרן
דורכן רבי׳נס האַנט אויף זיין מויל,
האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו זיין היילער
ווי אַ קנעכט צו אַ האַר.

ביינאַכט וואַשט ער דעם רבי׳נס פיס:
— דיין בליק איז היילונג, דיין אָנריר איז לעבן,
דיין וואָרט איז ליכט פאַר דער וועלט.
ווער ס׳גייט אין דיין ליכט, גייט צו גאולה.
ווער ס׳מיידט אויס דיין ליכט, שטופּט די גאולה אַוועק
און ברענגט חורבן.

זאָגט דער רבי:
— ס׳גייען מיינע תלמידים איבער שטאָט און דאָרף
מיין וואָרט פאַרקינדיקן.
פאַרוואָס גייסטו אויך נישט ווי איינער פון זיי? —
קאָרטשעט זיך אין דער בעטלער:
— די זכיה צו גיין אין דיין נאָמען
איז דער גרעסטער שכר אויף דער ערד
און איך וויל נישט קיין שכר פאַר מיין גלויבן אין דיר.
אפשר איז אויך צו גרויס דער שכר פון דער זכיה
צו זיצן ביי דיינע פיס.
— און פאַרוואָס באַהאַלטסטו זיך
ווען ס׳קומען צו מיר די תלמידים?
— כהאָב מורא — די גדולה פון זיצן צוזאַמען מיט זיי
זאָל נישט אָפּצאָלן מיר, חס ושלום, אויף דער וועלט,
און מיט וואָס וועל איך קומען אויף יענער וועלט?

ווידער וואַשט ער דעם רבי׳ן די פיס:
— ווער עס גייט נישט אין ליכט פון דיין וואָרט,
ברענגט חורבן דער וועלט.
חייב מיתה איז דער וואָס ברענגט חורבן.
אויסגעראָטן, פאַרטיליקט זאָל ווערן
ווער עס גייט נישט אין ליכט פון דיין וואָרט . . .
און מאָרגן ווען ס׳רעדט פאַר אַן עולם דער רבי
צעצינדט זיך אין אים די קנאָה פון אמת:
— איך בין נישט געקומען אייך שלום צו ברענגען,
איך ברענג אייך אַ שווערד.
די שטאָט, וואָס וועט נישט פאַרנעמען מיין וואָרט,
וועט ברענען אין פייער ווי סדום און עמורה — — — —
בריט מיט שוועבל די קנאה פון אמת.

און ס'קוועלט אַן דער שטן:
— אמת פון ליבשאַפט ווערט בלוטיק מיט האַס.
קדושה ווערט קליפה,
קדושה ווערט קליפה!

זעט דער רבי די שרעק פון עולם,
צעציטערט די ליבשאַפט אין אים:
— ווי ס'פרייט זיך דער פאַסטעך
מיטן פאַרלאָרענעם שעפעלע וואָס האָט זיך אָפּגעזוכט,
פרייט זיך דער פאָטער אין הימל און אַלע מלאכים
מיטן זינדער, וואָס האָט זיך באַקערט . . .
שעפטשעט דער פיס־וואַשער:
— דיין ליבשאַפט און רחמים איז געטלעך.
ווען זיי וואָלטן געוואוסט פון וואַנען דו קומסט,
וואָלטן זיי בענטער די גאולה דערזען,
און זאָלן באַצאָלן די זינדיקע
וואָס ווילן נישט ברענגען די גאולה.
גליט ווידער דער רבי:
— איך בין דער איינציקער זון פון גאָט.
מיך האָט מיין פאָטער פון הימל געשיקט
אייך אייביק לעבן צו ברענגען.
ווער ס'גלויבט נישט אין מיר —
פאַר דעם איז פאַרשלאָסן דאָס מלכות פון הימל.
קוועלט דער שטן:
— שטילע אמונה ווערט זודיקע גאווה.
קדושה ווערט קליפה,
קדושה ווערט קליפה!

גייט דער רבי פון ישוב צו שטאָט
מיט חכמה און מופתים פאַר די וואָס גלויבן
און דאָרניקע ריטער פאַר יענע וואָס גלויבן נישט,
מיט אמת און בריאיקער קנאה פון אמת
און קדושה, וואָס שרייט ווי אַ קליפה.
גייען תלמידים פאָרויס און טראָגן פונאַנדער:
רחמים מיט רשעות,
אמונה מיט גאווה,
גאולה מיט שווערד,
און וואו נאָר דער רבי קומט אָן
האָט שוין די שנאה און קללה
פריער דערגרייכט.
זעט ער ווי בלוטיק זי לויערט אויף אים, די שנאה,

זעט ער דעם סוף,
גייט ער אַ גרייטער אַנטקעגן דעם סוף,
און דער בעטלער, דער פיס־וואַשער, רעדט שוין נישט מער,
נאָר גייט אים נאָך.

און איינער אַ נאַר פון די צוועלף תלמידים
מיינט, אַז ער קען נאָך די קליפּה פאַרטרייבן,
ווען ער וועט פאַרמאַכן דאָס שרפ'נדיק מויל פון רבי'ן
און זאָל בלייבן אַ ריינע די קדושה,
פאַרקויפט ער זיין נאָמען צו אייביקער שאַנד
פאַרן תליונ'ס דרייסיק שקלים.
ווערט אויפגעציטערט אַפילו דאָס האַרץ פון שטן,
ליגט ער ביינאַכט ווי אַ קנויל הינטערן הילצערנעם צלם,
וואָס טראָגט דעם רבי'נס לייב,
און שפּעטער נעמט ער דאָס לייב פון קבר אַרויס
און טראָגט עס אַוועק און באַהאַלט עס.

איצט גייט דער שטן אַרום אויף דער ערד
און זעט, אַז זיין זריעה זאָל ברענגען געררעטעניש.
וואו די קדושה דערגרייכט,
שרייט די קליפּה פון איר,
וואו דאָס מויל רעדט פון רחמים,
איז פול מיט רציחה דאָס האַרץ,
וואו אויגן זוכן דעם שטערן פון גאולה,
קלאַמערט דער פויסט דאָס קלינגל פון שווערד.
פון דור צו דור
שפּאַנט איבער לענדער די קדושה, די קליפּה, דער שווערד,
ווערן פאַרטיליקט ווי סדום און עמורה
די וואָס ווילן נישט גלויבן אין מלכות־שמים,
און ערד גייט אויף
מיט דערנער פון האַס און רציחה.

ביינאַכט דערמאָנט ער זיך דעם ביאַלער רבי'ן
און טראַכט: אַן עוולה! ווען ער וויס, וואָלט ער געקומען
און מיר אַזוי געזאָגט: — איר זעט — זי מוז, די וועלט,
פאַרבינדער האָבן. צי ער רופט זיך צדיק, צי משיח,
צי גאָר גאָט'ס זון — אַלץ איינס מוז ער די טענה טענה'ן:
איר קענט נישט קומען צו מיין פאָטער, נאָר דורך מיר.
טאָ זאָגט וואָס ווילט איר: אַ פאַרבינדער מיט אַ קדושה
וואָס איז ביים האַלדז אַ חלף, אָדער אונדז וואָס טיילן קדושה
צו טראָפּעלעך און האַלטן אויף די וואַכעדיקע ערד.

◈ ◈ ◈

ס'איז נישט געראָטן! . . . ווען אַ ייד פון די פּאַרצייטיקע,
וואָס האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן צוליב אָפענע וויכוחים
מיט משומדים, וואָלט געהערט ווי נח פעכט זיך מיטן שוואַרצן,
וואָלט ער זיך מיט בזיון אָפּגעקערט פון אים. אַז ביסט אַליין
נישט גאַנץ מיט זיך; אַז וואו דו שמעקסט אַ ניצוץ קדושה
פאַרגעסטו ווער דיין שונא איז; אַז ווען דו הערסט
ווי יענער שווינדלט, בריט דיך אויף אַזוי דער שקר
אַז דו פאַרלירסט דאָס לשון; אַז האָסט קיינמאָל נישט
געטויגט צו פּלפול, האָסט עס פיינט — ווי גייסטו זיך
פאַרמעסטן מיט אַן אויסוואורף, וואָס ווייס יעדע טענה דיינע
אָוועקשטעלן קאַפּויער, קיינמאָל גלייך נישט ענטפערן, נישט הערן
וואָס טויג אים נישט און דיך פאַרשרייען ווען דו שלאָגסט?
און דאָ די בחורים'לעך זיצן, הערן מיט צעפלאַמטע אויגן
און ווייסט — עס הענגען אַן דיר לעבנס. ביז ער האָט צום סוף
די הענט צעפירט: — דאָס איז נישט קיין וויכוח! אַז נישטאָ
קיין אמת וואָרט אין אייך! אַז אַלץ איז שקר, שווינדל . . .
איר גלויבט אין גאָרנישט . . . נישט קיין לעק אמונה,
קיין שוה פרוטה נישט! . . . דער שוואַרצער אָבער, לאַכנדיק
מיט אַלע ציין, האָט בייז גע'חוזק'ט: אַז איר קענט, נעבעך,
נישט ענטפערן. איר בעסער זאָגט דעם רב, ער זאָל אַן אַנדערן
אַהערשיקן . . . איר טויגט נישט . . . נח'ן האָט געוואָרגן אַנמאַכט:
— איר זענט נישט פאַרטיק. כ'האָב געדאַרפט נאָר כאַפּן
די שמד־שטיק אייערע. מיר וועלן זיך נאָך אויס'טענה'ן.
(ווי אומבאַהאָלפן, נאַריש יינגלש ! . . .) און יענער לאַכנדיק:
— אַוודאי, איר קענט קומען מאָרגן, איבערמאָרגן . . .

איצט האָט ער
אַ פינצטערער זיך אומגעשלעפּט . . . מע דאַרף אין זיך אַליין
די האַלבקייט אויסראָטן, קנאי'ש זיין, נישט צילן
בלויז אין דער טומאָה, נאָר די קדושה מיט דער טומאָה שלאָגן.
וואו נעמט אַזאַ כוח? ווי קען ער זיך איינשטעלן
פאַר יעדער „אשרי", יעדן גדר, יעדן דין אין שולחן־ערוך?
פאַר אים דער „אשרי" איז אַ קליאַמקע צו דער טיר פון הויז
וואו מיר באַשיצן זיך . . . אַז יענער וויל דאָס הויז פאַרטיליקן . . .
ווי זאָלן די בית־מדרש־בחורים אַרויסשפּרינגען מיט איינמאָל
פון אַלע פשט'לעך און פּלפולים און זיך אויפהייבן צו דעם
וואָס דאַרף נישט קיין קרבנות, קאָרמעט נישט דעם מענטש
מיט ברויט וואָס איז זיין לייב און ווין וואָס איז זיין בלוט?

דו וואָס ביסט אין מיר, צעלויכט זיך!
דו וואָס לויכסט אין מיר, צעצינד זיך!

גיס מיך אָן מיט זיך, פאַרפּלייץ מיך
איך זאָל דערנער אין די מוחות אָנצינדן מיט דיר.

די תפילה איז געווען אָן איבעריקע: נישט געווען
קיין מאָרגן מער. ביינאַכט האָט זיך דער הויף אַ ריס געטאָן
ווי צו אַ שׂרפה: מ'האָט געקלאַפּט אין פורמאַנס טיר.
דאָס זיינען צוויי זשאַנדאַרן געקומען נעמען נח'ן. אַראָפּגעשלונגען
דעם ערשטן איבערשרעק, צעשפּאַנט זיך מיט די וועכטער זיינע,
און ס'האָט אַ קוועל געטאָן: געהאַט אַ פּעולה, הייסט עס.
אַז נישט וואָלט אים דער שוואַרצער נישט גע'מסר'ט.
דערנאָך צושמייכלט זיך צו מרים'ס זון: — זעט אויס,
דו מוזסט דיין חלק אויפמאָנען פון יעדערן, וואָס רירט זיך צו
צו דיר. איז גיי איך אויך דיר אָפּצאָלן דיין חלק . . .
די טריט אין מיטן גאַס אויף שטיינער־ברוק האָבן געקלאַפּט
אין נאַכט אַריין ווי פּייקלער'ס שטעקלעך אויף אַ פּייקל,
און פּחד האָט מיט קאַלטע נאָדלען זיך פאַרקליבן אונטער נעגל:
דו ווייסט דען וואו מע פירט דיך? ס'קען דאָך זיין אַ משפּט . . .
אויב אַ מסירה איז פאַר לעסטערונג. ס'מיינט: יאָרן תפיסה,
פאַרשיקונג, קאַטאָרגע . . . אַוודאי, וואָס דען אַנדערש?
אַ משפּט . . . ריכטער, וועכטער מיט די בלויזע שווערדן,
דער שוואַרצער מיט די רויכלעך אין די אויגן וואַרפט
און וואַרפט בלבולים . . . און מע וועט אים גלויבן יעדן וואָרט . . .

אַ טויער מיט אַ וועכטער. שטיין־ברוקירטער הויף.
צען טרעפּ אַראָפּ. אַ טיר. אַ קעלער. אים אַ שטויס געטאָן,
פאַרהאַקט די טיר, און ס'האָט אַ חיה — ריזיק, ווייך
און גאַרגל־וואַרגנדיק אַריינגעכאַפּט אים אין די לאַפּעס.
מיט האַנט אויף נאָז און מויל, דערזען אַ לעמפּל אויף אַ וואַנט,
דערהערט אַ שנאָרכען און דאָס אויג האָט אויפגעזוכט:
אַ נאַרע, קעפּ און הענט און פּיס. טראָט האָט זיך געגליטשט
אויף שטיינערדיקן דיל, פון דער פּאַראַשע — טייכלעך,
ניט שטיין, ניט זעצן זיך. אַ צוגעשפּאַרטער צו אַ וואַנט
זיך איינגעמאָסטיעט אין אַ ווינקל ביי דער נאַרע,
דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם — און געשטאַנען.
דער מאָרך האָט קוים געריררט דעם פּחד פון מחשבה.
ס'איז נישט געווען קיין טראַכטן, נאָר אַ טאַפּטשען זיך אין זומפּ,
וואָס האָט אַריינגעזויגן און געשלעפּט אַראָפּ . . . קען זיין —
ער האָט אויך שטייענדיק געדרימלט אַ חלשות־דרימל,
געפירט מלחמה מיטן ווערגנדיקן גאַרגל און חיילות אומפּלייט.
דערנאָך האָט דורכן פענצטערל אונטערן באַלקן
גענומען דורכשלאָגן אַ גראָקייט, שלאָפער האָבן זיך געוועקט —
דער ערשטער, צווייטער, דריטער — — — ס'איז געווען

אַרום אַ זייגער ניין מסתמא ווען אַ סטראַזשניק איז געקומען
אים נעמען, און ס'איז דעמלט שוין געווען אַלץ איינס:
אַ משפט, קאַטאָרגע, סיביר — אַבי אַרויס פון דאַנען.

מ'האָט קיין מחזקות נישט געמאַכט מיט אים — בלויז צוגענומען
דעם פּאַס און אָפּגעפירט אים אין אַן אַנדער קאַמער —
איצט אויפן ערשטן שטאָק, אַן אַ פּאַראַשע און גערוימער.
מיט אים — צוויי פּויערים פּאַר נישט דערצאַלן שטייערן; אַ חסיד,
אַ קליינער, מיט אַ פלאַקסן בערדל, פּאַר אַ פאַלשן וועקסל;
אַ פערד־גנב, אַ גרויסער מיט אַ קרויזנדיקער באָרד,
און נאָך איינער, אַ מאַרעוויכערל מיט אויפגעשפּיצטע וואָנצעלעך.
די גויים — זיך נישט אומגעקוקט, די יידן צוגעשטאַנען: ווער?
פאַרוואָס? האָט ער זיי אָפּגע'פּטר'ט: ווייס אַליין נישט.
האָט גלייך דאָס מאַרעוויכערל געוואָלט צען קאָפּיקעס,
וועט ער דערוויסן זיך פון וועכטער וואָס דער חטא איז,
דער חסיד אָבער האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ: נישט געבן!
צו מיטאָג האָט מען פאַרן חסיד מיטן פערד־גנב געבראַכט
פון דרויסן טעפּעלעך. דער מאַרעוויכער האָט געוואָלט פון נח'ן
אַ צענער — וועט אים קריגן ווייסן ברויט. און האָט געקראַגן.
פאַרנאַכט האָט זיך צעצונדן אַ מחלוקה — נישט צום ערשטן מאָל,
זעט אויס: דער חסיד האָט געמאַנט ביים מאַרעוויכערל אַ מנחה.
נאָר איצט האָט יענער זיך פאַררופן אויפן ליטוואַק: זעסט,
ער דאַוונט אויך נישט. נח האָט געהאַט אַ תירוץ:
ער פילט זיך אומציכטיק. דער חסיד האָט געהערט אַזוינס:
ס'איז בעסער אָן כוונה נישט צו דאַוונען. נאָר דער מאַרעוויכער
האָט אַנדערש פּשט געטייטשט: זיי פעלשען וועקסעלעך
און מאַכן שטיבלעך דאָ!... האָט נח נישט געקענט דערשטיקן
אַן אויפרייס פון געלעכטער, וואָס האָט אויפגעבראַכט דעם חסיד,
דער מאַרעוויכער אָבער איז געוואָרן גוטער ברודער
און איז דערנאָך פון קאָרידאָר צוריקגעקומען מיט אַ בשורה:
— אייך וועט מען בלויז אַהיימשיקן מיטן עטאַפּ. מער גאָרנישט.
איז שווער געווען צו גלויבן, אַז פון גאַנצן משפּט
מיט קאַטאָרגע און קייטן לאָזט זיך אויס עטאַפּ אַהיים,
נאָר פאָרט — אין תפיסה איז דער גנב אַ בר־סמכא.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך אויפגעריסן פון אַ חלום:
ער גייט מיט נתנ'ען איבער אַ לאַנגער גאַס און איילט זיך.
אין מיטן האַקט זיך אָפּ די גאַס ווי אין אַ תהום אַריין,
און דאָרטן אין דער טיף ערגעץ איז נתנ'ס מאַמע.
איז מוז מען זיך אויף קרישלדיקע טרעפּ אַרונטערלאָזן,
נאָר ווען מען קומט אַהין, איז נישט קיין שטוב
און נישט קיין מאַמע, נאָר אַ הייל, פון פאַרנט ברייט

און וואָס אַ טראָט אַלץ שמעלער, ביז מע קריכט שוין
אויף אַלע פיר, אין פינצטערניש, אין אימה, און מע מוז
אַלץ קריכן, קריכן . . . דורכגעקראָכן און אַרויס.
ערשט — אַ יאַריד גאַר. פולער מאַרק מיט פורן פויערשע,
מיט שטרוי און מיסט, און אויפן מאַרק דאָ דאַרף מען
געפינען עמעצן. איז שפּאַרט מען זיך דורך פויערים,
דורך פערד און פורן, בהמות, קעלבלעך — ביז געפונען.
נישט איינעם — צווייען. ביי אַ וואָגן שטייט אַ ייד אַ היימישער,
אין האַנט — אַ בייטשל, און מיט אים עפּעס אַ ייד אַ טערקישער,
אין אַ כאַלאַט מיט גרין און געלע פּאַסן און אַ היטל
ווי ביי אַהרן הכהן. דער היימישער איז ברוין.
ס'איז ברוין אויף אים דאָס פוטערן היטל און דאָס פעלצל,
וואָס פּלאַצט אין אַלע נעט, און ברוינלעך־העל די אויגן,
נאָר ס'ברוינלעך בערדל איז מיט גראָ באַפּעדימט, און די ליפּ,
די אויבערשטע, פאַרקאַשערט זיך אַ האַרעלע אַרויף
און ווייזט אַרויס צוויי ציין פאַרברוינטע פון טיטון,
און ס'איז אַ וועלט מיט גוטסקייט אין דער ליפּ און ציין.
דער טערקישער איז ווייס. אַזוי דער קיטל אונטערן כאַלאַט,
די זאָקן, וויעס, ברעמען און די בינטלעך בערדל,
וואָס שפּראָצן שיטער פון דער נאַקעטער באַק — מער נאַקעטקייט
ווי באָרד. און אין דער בלאָקייט פון די אויגן — שפּרענקעלעך
פון ווייס. זיי שטייען ביידע אָנגעשפּאַרט אָן וואָגן
און וואַרטן . . . און אָט קומט שוין נח צו מיט נתב'ען — — — —
אויף דעם האָט זיך דער חלום אָפּגעהאַקט. די צוויי
ביים וואָגן זיינען לעבעדיק געשטאַנען פאַר די אויגן,
און זיי נישט צו פאַרלירן האָט זיך נח, איצט שוין וואַך,
געמאַכט ווי דרימלען און געגאַרט דעם חלום — זאָל ער ווייטער
דערציילן וואָס ער ווייס. די צוויי זיינען געשטאַנען,
נאָר לאָזן זיך פאַרנאַרן האָט דער חלום נישט געלאָזט.

דאָס מאַרעוויכערל איז גוט געווען. אַליין זיך אָנגעשלאָגן
פאַפּיר און טינט אים ברענגען, זאָל אַהיים אַ בריוול שרייבן,
און ס'איז געווען אַ גרויסע גוטסקייט. אַז די היים
וועט וויסן, אַז ס'איז אָן סכנה, וועט דער מוח פריי ווערן.
און ס'ווערט אַזוי. די טעג און נעכט אינגאַנצן זיינע —
קען שלאָפן, וואַכן, טראַכטן. טוט ער נאָך די פויערים,
וואָס שלאָפן גאַנצע טעג, דערפאַר ביינאַכט איז ער אַליין
און וואַך, זיצט מיט די קני אין באָרד, די אויגן צוגעמאַכט,
און רופט דעם חלום. קומען זיי, דער ברוינער מיטן ווייסן,
און ער מיט אַלע חושים וואַך זיצט אויף דער נאַרע אַ צעשאָקלטער
מיט אויגן שטייף־פאַרמרוזשעטע און הערט, ביז ער דערהערט :

ברוינער:

ער וואַרט דאָך זאָלסט אים זאָגן. זאָג!

ווייסער:

זאָג דו. ביסט צו אים נענטער.

ברוינער:

ביסט עלטער, מעכטיקער.
ס'איז דיין וועלט, וואָס אים פייניקט.

ווייסער:

מיט וואָס האָט זון פון גאָט
געזינדיקט קעגן פאָטער?
ער האָט געוואָלט צו ברידער ריידן,
און כאָטש עניוות'דיק גערופן זיך בן־אָדם,
אַ באַרג באַשטיגן אויף צו קענען ריידן.
וואָרהאַפטיק זאָג איך דיר:
ווער ס'שטעלט זיך מיט אַ שטאַפּל העכער
פון די וואָס ער וויל אויסלייזן,
וועט זיך און זיי דעם שטן איבערענטפערן.

ברוינער:

דאָס שטייגן אויפן באַרג איז גאווה,
און גאווה איז די מאַמע
פון רשעות און רציחה.

ווייסער:

מעג בלויז דאָס ליכט פון פאָטער
דעם זון באַשיינען אויפן באַרג —
פאַר די וואָס אונטערן באַרג
וועט בלאַנקען קיניג'ס קרוין און שווערד.
ער קומט זיי מיטנעמען מיט זיך אין הימל
און ווערט אַ הערשער איבער ערדישע קנעכט
און אָפּגאָט פאַר די טאָל־באַוואוינער.

ברוינער:

און צו באַהערשן זיינע קנעכט אויף אייביק,
אַליין צו דער עקידה פירט ער זיך,
און לאָזט זיך צונאָגלען צום צלם
און שענקט זיך זיי אַוועק —
לייב צום עסן,

און בלוט צום טרינקען.
און דורי־דורות טוען עס די קנעכט:
זיי עסן לייב
און טרינקען בלוט.

ווייסער:
און זאָל ער הייסן ניִשט גאָט'ס זון,
נאָר רבי,
און אומגיין אין אַ פּעלצל מיט אַ פּיפּקע —
אַלץ איינס וועלן די יורשים פאַר זיין נאָמען
זיך גדולה איינקויפן
און ווערן אָפּגעטער,
עבודה־זרות מערן.

ברוינער:
דעם מענטשנס שאָטן הענגט אָן זיינע טריט
און טומאה שלאָגט די קדושה אָפּ.

ווייסער:
ווייל ביסטו אויפגעגאַנגען ווי אַ צדיק,
איז שוין אַלץ איינס — בעל־גאוה אָדער עניו.
אַלץ איינס וועסטו אַ הערשער,
אַלץ איינס — עבודה־זרה.

ברוינער:
ס'איז ווייניק זיין אַ נסתר
צו גרייטן זיך ביז דער התגלות.
עס טאָר נישט קומען קיין התגלות.
ס'מוז אייביק נסתר בלייבן.

ווייסער:
ווער ס'קומט אויף דר'ערד
אין שליחות פון זיין פאָטער,
מוז מיטן ערשטן טראָט
אין קויט און זינד זיך אויסטונקען
און ווערן אַ געפאַלענער ווי אַלע.

פרעגט נח:
אַז איר וועט בטל ווערן צווישן אַלעמען,
וועט איר דערלייזן זיך אַליין.
און ווער וועט טראָגן אויסלייזונג
צו די וואָס דאַרפן אייער קדושה?

וו ײ ס ע ר און ב ר ו י נ ע ר:
דו!

נ ח:
איך?

ב ר ו י נ ע ר:
ווער ס'גייט נישט אין דער זון,
דער ווארפט קיין שאָטן נישט.
אויף נישט אַנטפּלעקטער קדושה
האָט טומאָה נישט קיין שליטה.

וו ײ ס ע ר:
וואויל דעם וואָס ווייס נישט,
ווייל יעדער טראָט זיינער איז אַ נסיון.
וואויל דעם וואָס זוכט,
ווייל ער איז שטענדיק אויף די ראַנדן פון אין־סוף.
וואויל דעם וואָס פרייט זיך מיט אַ שימער ליכט:
זיין פרייד וועט זיין איןביידע וועלטן.
וואויל דעם וואָס זאָגט אין אָוונט:
מיר האָבן היינט אַ קערנדל געקראָגן
פון גאָט'ס באַלאָדענע שייערן,
ווייל ער וועט זען די גאולה קומען יעדן טאָג.

ב ר ו י נ ע ר:
דער אויבערשטער האָט דיר געטאָן אַ גרויסן חסד.
געגעבן דיר צוויי הונגעריקע אויגן,
נאָר זיי נישט אויפגעריסן מיטן פלאָם פון דער מרכבה.
געבענטשט דיך מיט אַ לעכצונג נאָך זיין נאָענטקייט,
נאָר נישט געשטראָפט מיט אָפן מויל,
וואָס זאָל די לעכצונג אויסלעשן אין רייד.
אַ הדיוט ביסטו. מיט הדיוטים וועסטו לעבן,
און ווער ס'וועט עסן ברויט מיט דיר
וועט ווערן הונגעריק און לעכצנדיק ווי דו.
נישט זיין קיין רבי און וועסט לערנען.
נישט ברעכן זיך אין טויערן פון הימל
און וועסט זיי עפענען.
ווי זאָמד ביים ים וועט איר זיך מערן,
הדיוטים הונגעריקע,
איר וועט מיט לעכצונג אָנפילן די וועלט,
און איר זענט — גאולה.

◈

אין בריסק דער אויפזעער פון תפיסה האָט געוואוסט שוין,
און ווען מ׳האָט נח׳ן געבראַכט, געשיקט ר׳ מרדכי׳ן זאָגן.
איז דוואָשע אָנגעקומען מיט די זין און פיצלס אויף די הענט
און גרייט געווען פאַרן נאַטשאַלניק אויף די קני צו פאַלן,
נאָר לויט די דינים פון עטאַפּ, האָט ער געמוזט דערגיין
ביז מאַלטש, וואו ער איז צוגעשריבן און דאָרט אָפּקריגן
זיין פּאַס. דערווייל געמאַכט אַ חשבון מיט עזריאל׳ן.
צום טויזנטער האָט נאָך געפעלט עפּעס אַן אַכציק רובל,
חוץ דעם האָט דוואָשע אָנגעליען אויך, נאָר קיין סכנה.
אַז נח וועט זיך אומקערן, איז דאָ פאַר אים אַ שטעלע,
און ווי נישט איז וועט מען דעם חשבון אויסגלייכן.

קאַפּיטל זיבן

# בלוט און ביר

## 1.

אַז די שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האַלטן די טאַקסע,
דאַרפן שלאָפן ביינאַכט אין זייערע בעטן,
און די שחיטה מיט מזל האַלט אין איין וואַקסן, —
איז ווער זאָל דאָס קהל'שע אויג פאַרטרעטן
ביינאַכט ביי דער שחיטה
ס'קצב'יש געזינדל צו היטן?
מסתמא נח.

פאַרוואָס עפּעס נח?
ווייל ר' מרדכי דער גבאי, זיין פריינט און באַשיצער,
איז אַ גרויסער צד ביי דער קהל'שער שיסל,
און דער נאמן וואָס איצט, אַן אַמאָליקער סוחר,
פירט צופיל די גרענדע אַליין אין דער בוינע, —
קען גריילעך די טאַקסע אַ צווייטן געברויכן
און וויסן ווי פירן זיך דאָרטן חשבונות —
פאַרוואָס־זשע נישט נח?

אלא וואָס?
אים איז נמאס דאָס לעבן מיט גביר'ישן חסד,
און די טאַקסע איז רויב, און פאַרוואָס אַזאַ מזל,
אַז גראָד ער זאָל פון רויב ווייב און קינד געבן עסן?
האָט ער אויפגעהערט קשיות צו פרעגן ביים מזל,
און איז דאָ אַזאַ גזר ער זאָל דינען דער גזלה
און זיך מישן מיט בלוט, מיט קויט און נבלה —
מסתמא דאַרף מען.

## 2.

ר' שלום ליפשיץ האָט אַ שם געהאַט מיט זיינע שיינע טעכטער
און אָפטע אָנזעצן. עס בינדט זיך. שיינע טעכטער וויל מען נישט
אַוועקגעבן אַ ליאַדע וועמען, און אַז נישט אַ ליאַדע ווער,
פאַרלאַנגט ער נדן. און ווי גרויס עס זאָל נישט זיין
אַ שניט־קראָם, קען זי נישט אי אויסהאַלטן אַ הויז
מיט דינסטן, אי די טעכטער פירן ווי פרינצעסינס

אי צושטעלן זיי נדנ׳ס. און אַז שטאָט פּלעגט הערן:
ר׳ שלום האָט שוין ווידער באַנקראָטירט, האָט מען געפרעגט:
— די ווײפּלטע מיט מזל? נאָר נישט אַלעמאָל האָט אַ באַנקראָט
געמיינט אַ חתונה. ווייל אויסגעלערנט זיך דעם קונץ
האָט ליפשיץ אויך צווישן איין שידוך און דעם אַנדערן געזוכט
זיך לויזער מאַכן. ביז עס האָט געפּלאַצט. נישט בלויז די קראָם —
מ׳האָט אויך די שטוב מיט חפצים אויסגעליידיקט, און דער ייד,
מיט נאָך אַ מיידל און צוויי ייִנגלעך, איז געבליבן
ביי בלויז אַ שטאָט אין מזרח. האָט זיך גראָד געמאַכט,
אַז מ׳האָט געדאַרפט אַ נאָמן ביי דער שחיטה,
און אַז ר׳ שלום האָט אַ וואָרט געגעבן נישט צו מאַכן
קיין קונצן ביי דער טאַקסע, האָט ער עס געקראָגן.

דער ייד האָט די מפּלה נישט פאַרטראָגן. קוים אַ פופציקער
איז ער אין דריי־פיר יאָר געוואָרן גראָלעך, איינגעקנייטשט
און וואָרטשענדיק. פון מזרח־וואַנט נישט אָפּגעטראָטן
און נישט געקענט פאַרגעבן זיינע שכנים, וואָס געדענקען
דעם מצב זיינעם און מען גייט צו אים נישט נאָך נדבות.
האָט ער זיך איינמאָל ביי אַ דינגעניש פאַר אַן עליה
צעצונדן און אַריינגעבראָקט צוויי וואָכן שכירות.
דער עולם האָט געגאַפט, נאָר ער האָט אָפּגעצאָלט.
אין שעכטהויז האָט ער זיך געבראַכט אַ מין כאַלאַט
ביז צו די קנעכל און זיך איינגעוויקלט ווי אין אַ מחיצה,
און דאָך האָבן קצבים מיט מתנות אויסגעטראָטן
אַ וועג צו אים, און וואו ס׳האָט זיך געלאָזן האָט ר׳ שלום
אַוועקגעקערט אַן אויג. די טאַקסע האָט דערשמעקט,
געוואוסט, נאָר זיך נישט איינגעשטעלט פונדעסטוועגן
דעם נאָמן ביי דער האַנט צו כאַפּן. שלעפּט ער זיך אַראָפּ
אַ קערבל — מילא! פאַרט אַ באַלעבאָס געווען, אַ יורד!
נאָר אַז ר׳ מרדכי האָט אַ האַנט געקראָגן אין דער טאַקסע,
האָט ער געמאָנט אַ שאַרפער אויג. נישט ליב געהאַט
דעם יידן אי פאַר די געשעפטן פון אַמאָל איר פאַרן שטעל,
דעם גאוה׳דיקן. האָט ער אויפגעוויזן, אַז וואָס נח
וועט אָנטרעפן, וועט טאַקסע איינשפּאָרן פון ליפשיצן
און נאָך אַ לאַנגער אַמפּעריי גע׳פּועל׳ט זיינס.

גענוג דער פאַטש אין פנים פון אַ צווייטן נאָמן —
איז וועד עס זאָל נאָך זיין? דער אפּיקורס׳ל, דער שלעפּער!
און באַלד די ערשטע נאַכט ווען מ׳האָט גענומען
פאַרטיילן די קצבים צווישן זיך, האָט ער דעם שנעק
זיין אָרט געוויזן: — דו! . . . האָט נח עס אַראָפּגעשלונגען.

נאָר ווען אַ צווייטן מאָל האָט ליפשיץ אים אַ וואָרף געטאָן:
— וואו קריכסטו? פישקע קצב איז נישט דיינער, דו!
האָט נח צאַפּלענדיק געזאָגט: — דו מאַכסט אַ טעות.
ר' פישל איז ביי מיר. ביים יידן האָט די גראָע באָרד
געגומען ציטערן: — ווי סמייעסטו, דו חצוף? וועמען דוצסטו?
— דעם וואָס דוצט מיך. — אַ שלל פון זידל־רייד
האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אַלטן. נח'ן האָט די צונג
געשטשיפּעט, נאָר די גראָע באָרד און צאַפּלעניש האָבן געשטיקט
אין האַלדז און ער האָט מיט געוואָרגנקייט געציילט די רייד:
— אומזיסט דיין שרייען, שלום! ווער ס'פאַרלאַנגט דרך־ארץ,
דאַרף קענען האָבן דרך־ארץ . . . בלוט־פאַרשמירטער עולם:
קצבים, שינדער, יונגען — האָבן זיך אריינגעשושקעט דאָס מבינות
אויף דער באַטאַליע און גע'פּסק'נט, אַז דער יונגער האָן
קען אויך אַ ציפּ טאָן. נאָר געהאַלטן מיטן נייעם האָבן בלויז
די יונגען, וואָס פאַרלירן גאָרנישט. די קצבים־באַלעבאַטים
און שוחטים האָבן אָפן און צו־להכעיס'דיק געקלעפּט צום אַלטן.
און אויב ר' שלום האָט געדאַרפט זיך איינוויקלען אין אַ מחיצה,
האָט מען עס נח'ן אָן טרחה צוגעטראָגן. איז ער אומגעגאַנגען
אַ פרעמדער ווי אַ גר, און אויב דאָס בלוט און אַוויר
האָט נישט גענוג געשטיקט, האָט שנאה צוגעוואָרגן,
און גלידער האָבן זיך געשטייפט מיט וואַכקייט ווי ביי איינעם,
וואָס דאַרף אַ ליאַדע רגע זיך באַשיצן פון אַ שונא.

## 3.

מזל שפּילט אַזעלכע מאָדנע שפּילן!
דאַרף די קראָם, וואָס נח האָט געפּלעט,
אָנקומען צו איינעם אַ רחמיאל'ן.
דאַרף רחמיאל זיין דער באַלעבאָס פון שענק
וואָס קעגנאיבער שעכטהויז,
און אַז נח'ן ווערט אין די שלייפן ענג
פון די מוקעדיקע קי,
פון די רעווענדיקע אָקסן,
פונם בלוט וואָס פליוכעט אין דער רינע,
פון געריידן, פון אַוויר און פון שנאה —
איז צו וועמען גייט ער זיך די שלייפן קילן?
צו רחמיאל'ן.

איז רחמיאל הינקעדיק און בויגט
דעם קאָפּ אַביסל רעכטס,
סטאַרטשעט אים אונטערן רעכטן אויג

אַ דיקע בראָדעווקע מיט האָר געדיכטע,
נאָר די אויגן זיינען ליכטיק,
און אַז נח קומט אַריין, געדענקט ער —
ער איז איצט נישט בלויז אַ שענקער:
האָט אַ קראָם אין „ראַד״ וואָס ברענגט אים
ריווח ביז אַ הונדערטער אַ יאָר,
און ווער האָט אים צוגעשטעלט דעם ריווח,
אויב נישט דער וואָס מיט דער קופּערדיקער באָרד?

נח זאָל אַ לעבן לאַנג
טרינקען ביר ביי אים פון פעסל
און פון סטויקע פּופּקעס עסן,
וועט ער אַלץ נישט אויפעסן דעם מעשר
פון זיין טויזנט־רובלדיק געשאַנק.
אָבער כאָטש צערייס אים
וועט ער דיר אָן געלט קיין טראָפּ נישט נעמען.
קהל האָט גוט געוואוסט, אַ רוח אין זיין טייסטער,
ווען מען אויסצוקלייבן פאַר אַ נאמן.
זעט רחמיאל דאָך באַשיינפּערלעך,
אַז דאָס מזל זיינס איז כשר מזל —
דאַרף מען האַלטן זיך ביים מזל.

הערט ער ריידן וועגן נייעם נאמן,
שפּיצט ער אָן אָן אויער,
טענה'ט איין מיט די קצבים, מיטן שוחט,
טראָגט זיי קעלישקעס און לעקעך ושוחד
און באַשיצט זיין כשר מזל ווי אַ מויער.
פילט דאָך נח, אַז ער האָט אַ גוטן פריינט,
ציט עס אים אין שענק אַריין,
און ווי נעגלוואַסער אין דער פרי
ווערט אַ מוז די שעה, די נאַכטיקע,
מיט איר רויך, גערייד און טראַכטונגען.
און אַז ס'זאָגט דערנאָך דאָס ווייב אין בעט:
— עפּעס הערט זיך אַזוי שטאַרק פון דיר!
ענטפערט נח: — בלוט און ביר!

## .4

איז דעם טאַטע אָדם טרויעריק געווען
הינטערן פאַרמאַכטן טויער פון גן־עדן,
האָט ער זיך געבראַכט אַ ציגעלע אַ ווייס

פאַר אים זיין ביטער גורל אויסצוריידן.
האָט דער רשע קין דעם קאָטער אָנגעשיקט
ביים ציגעלע דעם גאָרגל צו צערייסן,
האָט דער טאַטע אָדם יאָמערלעך געוויינט
אויף זיין חבר, אויפן ציגעלע דעם וויסן.
האָט דער גוטער הבל דעם פרומען הונט געבראַכט
דעם קאָטער, דעם רוצח, צו דערוואָרגן,
האָט קין פון דער ערד אַ בוים אַרויסגעפליקט,
דעם כלב, דעם בעל־יושר, צו דער'הרג'ען.

איז אַוועק אַ מעשה
מיט אַ ציג ווייסער,
פונקט ווי אין חד־גדיאַ שטייט.
הבל האָט זיך איינגעשטעלט
און קין האָט געווילדעוועט
ביז ער האָט זיין ברודער געטייט.
נאָר ווען ס'איז געקומען צום הקדוש ברוך הוא,
ער אַליין זאָל לעצטער שופט זיין
און דעם מלאך־המות משלח זיין,
איז געוואָרן אויס די מעשה
מיט דער ציג דער ווייסער —
נישט ווי אין חד־גדיאַ שטייט.

וואָס־זשע האָט פאַרמיטן דעם הקדוש ברוך הוא
אָפּצוטאָן זיין רעכט דעם גרויסן קוילער?
זיבן הויכע הימלען האָבן עס פאַרמיטן
און די מעשים פון דער ערד פון אים פאַרהוילן.
ווען ער האָט געמוזט דעם אומשולדיקן אָדם
פון גן־עדן איבער חוה'ס זינד פאַרטרייבן,
האָט הקדוש ברוך הוא נישט געוואָלט אַליין מער
נאָענט פון די מענטשן בלייבן.
האָט ער זיך פאַרקליבן הינטער זיבן הימלען
צווישן ווייטע שטערן און מזלות,
זאָל די ערד אַליין מיט האָס און רשעות ווימלען
און זיך אומטראָגן מיט זינד אין זיבן פאַלעס.

איז אַוועק אַ מעשה
מיט אַ ציג ווייסער,
פונקט ווי אין חד־גדיאַ שטייט.
נאָר ווען ס'איז געקומען צו הקדוש ברוך הוא, —
איז געוואָרן אויס די מעשה

מיט דער ציג דער ווייסער —
נישט ווי אין חד־גדיא שטייט.

ווער־זשע איז געבליבן אויפן ערשטן הימל
משפט'ן די ערד און אירע ברואים?
ווער עס האָט געוואָלט האָט דאָרט זיין גאָט פאַרהימלט,
אַז ער זאָל דעם קאָפּ פאַררייסן צו אים.
האָט דער גאָט פון קוילער, שינדער און קצבים
זיך געמעכטיקט איבער אַלע געטער,
און דעם שוואַרצן מלאך מיטן גרויסן חלף
אויף דער ערד געשיקט פאַר זיין פאַרטרעטער.
האָט ער זיך אָוועקגעזעצט מיט נאָזלעכער צעשפּרייטע,
גרייטע פאַרן ריח פון בלוט און בראָטן,
און דער מלאך מיטן חלף שטילט זיין הונגער
און באַקרעפּטיקט אויף דער ערד זיינע געבאָטן.

איז אַוועק אַ מעשה
מיט אַ ציג אַ ווייסער,
פונקט ווי אין חד־גדיא שטייט.
נאָר ווען ס'איז געקומען צום הקדוש ברוך הוא, —
איז געוואָרן אויס די מעשה
מיט דער ציג דער ווייסער —
נישט ווי אין חד־גדיא שטייט.

וואָס־זשע האָט מען אָנגעזאָגט: לא תרצח?
איז דער טייטש דערפון: מען טאָר נישט אָן אַ ברכה.
ווייל דער קוילער־גאָט האָט זייער ליב צו הערן
זיין נאָמען איבער שחיטה אויסגעשפּראָכן.
טוט אַזוי דער שוחט, טוט אַזוי דער תליון,
טוט אַזוי דער גענעראַל אין דער מלחמה,
טוט אַזוי דער כהן, טוט אַזוי דער מלך —
אַלע שעכטן מיט אַ ברכה צו זיין נאָמען.
און הקדוש ברוך הוא הינטער זיבן הימלען
הויערט צווישן שטערן און מזלות,
און ער לאָזט די ערד אין בלוט און קויט זיך באָדן
און אַרומטראָגן איר זינד אין פולע פּאָלעס.

גייט אַרום אַ מעשה
מיט אַ ציג ווייסער,
פונקט ווי אין חד־גדיא שטייט.
נאָר ווען ס'האָלט שוין ביים הקדוש ברוך הוא, —
ער אַליין זאָל לעצטער שופט זיין
און דעם מלאך־המות משלח זיין —

ווערט צו נישט די מעשה
מיט דער ציג דער ווייסער —
נישט ווי אין חד־גדיא שטייט.

5.

איז גייט עס אַזוי פון נאָך מעשה־בראשית.
דער שטומער צום גומען פון ריידער איז פליישיקס,
וואָס גרינגער ער לאָזט זיך פון שטאַרקן באַפאַלן,
אַלץ ליבער זיין גאָרגל דעם כשר'ן חלף.
אַזוי האָט באַפוילן דער גאָט פון די קוילער —
און ווער ביסטו?

מיט דאַמפיקע בלוטן און בראָטנס געריכערט
גייט אויף די נשמה צו הימלישע הויכן.
דער רייכער ברענגט בלוטן פון רינדער אַ קרבן,
און זיך אַליין בלוטיקט ווער ס'גייט מיט אַ טאָרבע.
אַזוי האָט באַפוילן דער גאָט פון די קוילער —
און ווער ביסטו?

נאָר שבת דער טאָג איז פאַר אַלעמען הייליק,
איז קומט אויך דער טאָרבע פון שחיטה אַ חלק.
נשמה פון וואָך קען דערהאַלטן דער שניטער,
נשמה יתרה מוז האָבן אַ שחיטה.
אַזוי האָט באַפוילן דער גאָט פון די קוילער —
און ווער ביסטו?

6.

אַן אָקס האָט נישט געוואָלט.
פון אונטער חלף, האַלב־געקוילעט,
האָט ער אַ פוס אַרויסגעפענטעט,
און מיט צוויי פיס געבונדענע,
מיט בלוט פון גאָרגל שפּריצנדיק
אַ וואָרף געטאָן זיך אויף די קוילער.

דער חלף האָט פון שוחט'ס האַנט,
אין בלוט פאַרטונקען, זיך צעטאַנצט איבער די שטיינער,
אין ווינקלען האָבן זיך צעשפּרונגען
קצבים, שוחט, נאמן,
אין טויט־שרעק יונגען
האָבן געגומען אויף די סלופּעס קלעטערן,

און ער, מיט אייגן בלוט זיך שמייסנדיק,
האָט זיך געשטויסן מיט די הערנער אין זיגזאַגן
צום בלוט פון זיינע קוילער.

אַ פּעטליע אויפן שפּריצנדיקן האַלדז אַרויף,
און ער מיט אומגעריכטן האַסט צוריק
אויף זיינע נאַכיאַגער.
געוואָרפן זיך און נישט דערוואָרפן זיך,
און זשיפּענדיק מיט לעצטער רעווערייי
געגומען וואַקלען זיך און אומגעפאַלן,
און מיט די אויגן די פאַרגאָסענע אַרויסגעזשיפּעט:
— פּאַרפאַלן!

אַן אָקס, וואָס האָט געזאָלט אויף כשר גיין,
איז טריף געוואָרן.
אַ חלף האָט געקראָגן קאַרבן
און איז געוואָרן פּסול.
אַ יונג האָט זיך געהאַלטן ביי אַ ריפּ
און ציין געשצירעט צום געלעכטער
מיט פיין־פאַרפלייצטע אויגן,
און ביז באַגינען האָט געהויערט אימה,
און אויף דער גאַס, אין ביר־צעהיצטע אויערן,
האָבן גערעוועט אָקסן,
האָבן גערעוועט שטיינער, ביימער, גרילן אינם גראָז:
— כ׳וויל נישט!

פאַרטאָג האָט זיך אַ מענטש געדרייט אויפן געלעגער,
און מיטן טאָג פאַרפאַסט אַ לידל
און ס׳האָט געשלאָגן אין די שלייפן:
וועסטו גיין אַליין אויף שחיטה,
לאָזן מאַכן איבער זיך אַ ברכה,
וועסטו גיין אויף כשר.
וועסט נישט גיין אַליין אויף שחיטה
און נישט לאָזן מאַכן איבער זיך אַ ברכה,
וועסטו גיין אויף טריף.

7.

נאָך דעם וואָס נח האָט זיך אָנגעהערט אין שענקען און אין תפיסות איז נישט געווען קיין חידוש אויפן לשון פון די קצב־יונגען. וואָס פאַר אַ ריח די מלאכה האָט, אַזוי שמעקט אויך דאָס לשון. נאָר ווען איינמאָל אַ פאַרטאָג הינטערן פּלויט,

אין שכנות פונם גראָבן, וואו ס׳פליסט אָפּ דאָס בלוט,
האָט ער דערהערט אין קוסטעס רייד און אויפגעדעקט אַ פּאָרל,
האָט ער די זומערדיקע נאַכט געשאָלטן, וואָס פאַרמאָגט
צו ווייניק חושך פאַרן מענטשנ׳ס שאַנד און זיך געשראָקן
די יונגען אָפּן אין די פּנים׳ער צו קוקן.

און דאָ האָט דער אברהמ׳ל פונם אָקס אַ שטויס געקראָגן
און ליגט. יאָ, שלום ליפשיץ וועט נישט גיין מבקר־חולה זיין
אַ קצב־יונג, נאָר נח׳ן ציט עס. אַזאַ זוניק פּנים
ביים יונג אונטער אַ קאָפּ מיט בלאָנדע קרויזן און די אויגן
כסדר פרעגן עפּעס און זיי קוועלן אָן. אַפילו ס׳נבול פּה
ביי אים איז אַנדערש: קייט עס נישט, נאָר שליידערט עס,
ווי איינער וואָלט אַ הויפן ניס צעוואָרפן איבער שטיינער,
אַז אַנדערע זאָלן עס קנאַקן. איז עס חוצפּה׳דיק,
יונגאַטשיש, נאָר סע שמעקט מיט גוטער פריילעכקייט
און ס׳ווילט זיך מוחל זיין דעם יונג. און שבת
נאָך טשאָלנט לאָזט זיך נח מקיים זיין די מצוה בקור־חולים.

אַ ייִנגל אויפן הויף, אַ ברודערל, ווייזט אָן דעם וועג.
פון טונקל אַלקערל קומט אַרויס אַ שבת׳דיקע מאַמע,
פאַרוואונדערט אויפן ייִד מיט באָרד און ברילן,
וואָס פרעגט זיך נאָך אויף איר אברהמ׳לען, פירט אים
אין שטוב אַריין און בלייבט אַליין ביים שוועל און קוקט.
די שטוב איז אָנגעפּיקעוועט מיט יונגוואַרג — בחורים
און מיידלעך אויך. אַ דריי־פיר יונגען זיינען אייגענע,
די אַנדערע — פרעמדע. זיצט מען אויף די בענקלעך
און ביי אברהמ׳לען אויפן בעט, מע שיילט די קערעלעך —
דער גאַנצער דיל איז ווייס פון שאָלעכץ, און מע גראַגערט.
— גוט שבת! עפּענען זיך מיילער אויף און אויגן, שפּרינגען אויף
די שעכטהויז־יונגען ווי סאָלדאַטן פאַר אַ קאָמאַנדיר,
נאָך זיי — די אַנדערע, מע שטעלט זיך אויס ווי אויף פּאַראַד
און ס׳מאַטערט זיך אברהמ׳ל אויך זיך אויפצוהויבן.
זאָגט נח: — ריר זיך נישט! איך בין געקומען דיך געוואוירע ווערן.
— אַ דאַנק, ר׳ נח, מיר איז בעסער. קוועלן אָן די אויגן,
און צו דער מאַמען רופט ער: — מאַמע, זעסט, דאָס איז ר׳ נח,
דער נייער נאַמן! — לויפט די מאַמע צו פון שוועל
און טראָגט דעם גאַסט אַ בענקל אונטער, אָבער נח׳ן
איז ניט מיט אַלעמען. דער אויסגעמיש פון בחורים מיט מיידלעך
דערמאָנט אים דאָס מנובל׳דיקע, האָט ער מורא
זיי אָנצוקוקן און סע שלאָגט דאָס בלוט אין די געהירן
פון שרעק, אַז ער קען חושד זיין אויך איינע פון די מיידלעך דאָ

און אין געדאַנק אַ בלבול מאַכן אויף אַ כשר קינד.
מאַרקירט ער אויס צו זיצן מיטן רוקן צו די מיידלעך,
אברהמ׳ל לייגט זיך, זעצן זיך די אַנדערע, באַנייט זיך
דער שמועס וועגן דער באַטאַליע מיטן אָקס, און אַז אברהמ׳ל
נעמט אָפּ׳משל׳ען, ווי ס׳האָט ר׳ שלום לויפנדיק
געפירט מלחמה מיט די פּאָלעס פון כאַלאַט זיינעם,
צעקייכן זיך די יונגען און עס ווערט אַ בונד אַזאַ פון זיי
מיט נח׳ן אַנטקעגן יענעם. נח וויס — עס טויג נישט.
איז נישט געקומען דאָ מיט זיי צו מאַכן אַ יד־אַחת,
נאָר קען נישט ביישטיין נישט די היימלעכקייט מיט זיי
און נישט דעם שטאָלץ פון זיי אויף דעם וואָס ער איז דאָ.
דערוויל קומט צו די מאַמע מיט אַ שעלכל מאַלינעס און וואַסער,
סע שפּאַנט אַריין אַ טאַטע, נאָר וואָס אויפגעוועקט פון שלאָף —
אַ גבר מיט אַ צעקנייטשטער באָרד; סע קומט אַרויס דער יחוס:
דער טאַטע, הייסט עס, אַרבעט ביי די וואָרשטלעך,
און איסר מיט דער גרויסער יאַטקע, וואָס אברהמ׳ל דינט ביי אים,
איז מיטן טאַטן ברידער לייבלעכע. צערעדט מען זיך,
און אַז דער גאַסט איז גרייט צו גיין, באַגלייטן אים
דער טאַטע מיט דער מאַמע צו דיר טיר, און יונגוואַרג,
ווי זעלנער אויפגעשטעלטע, גיבן מיט איין קול אַן אויסגעשריי:
— אַ גוטן שבת אייך! אַ דאַנק אייך פאַרן קומען!

צו מנחה גייענדיק טראַכט נח: אפשר האָט זיך יענע נאַכט
בלויז אויסגעדאַכט און קיינער איז אין קוסטעס נישט געווען.

8.

פאַרטאָג, ווען מ׳האָט שוין די לאָמפּן געלאָשן
אין שענק פאַרן שעכטהויז, און קצב־יונגען
האָבן די לעצטע גלעזלעך דערטרונקען,
איז אָסנע די נייטאָרין, בלייך און אָן לשון
אַריין ווי זי וואָלט געציטערט פון קעלט
און פאַר זרח דעם געלן זיך אַנידערגעשטעלט.

איז זרח גרייט געווען איר דערלאַנגען
נאָכסאָל זי גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן.
נאָר אָסנע, אַ שטומע, איז נישט אָפּגעטראָטן
און איבער זיין קאָפּ אין געווין זיך פאַרגאַנגען.
און פון דער פּאַטשיילע ביי איר אויפן בויך
איז קלאָר געווען, אַז עס האָלט שוין הויך.

האָט דער עולם אַרום געוואָלט זיך דערוויסן
ווען זרח קלייבט זיך אַ חופּה שטעלן.
זיינען די אויגן געוואָרן אים שמעלער
און ער האָט שיר נים דעם טישטוך צעריסן:
— ער׳ט ליבער אַוועקגיין אין סיביר
איידער אַ חופּה שטעלן מיט איר.

נאָכסאָל איז די מויד אים נאָכגעלאָפן
אַז ער פירט מיט אַן אַנדער כלה אַ ליבע?
ער האָט זי פון זיך געיאָגט און געטריבן
און וואָס איז ער שולדיק, אַז ס׳האָט זיך געטראָפן?
ער׳ט ליבער גייט יונגערהייט צום טויט
איידער חתונה האָבן מיט אָט דער מויד.

האָט אַסנע אפילו קיין וואָרט נישט געלייקנט.
און עולם ט׳גע׳פסק׳נט: אונטער פּאַטשיילע
איז אַסנע אוןביילע די זעלביקע כלי,
דעריבער נישטאָ זיך וואָס צו דבקה׳ן,
און אויב ער שטעלט נישט קיין חופּה די וואָך,
וועט זיין צו זיין לעבן אַז וויי און אַך.

האָט זיך די יוכע ביים בחור צעצונדן.
איז חברה קצבים נישט קיין פּויליאַקעס,
זיינען געפלויגן קלעפּ און סטיסאַקעס,
דערנאָך ווי אַ קעלבל אַן אָפּגעשוונדנס
האָט זרח געכאָליעט אין שענק אויף אַ באַנק
און אַסנע האָט קאַלטע קאָמפּרעסן דערלאַנגט.

אַ וואָך דערנאָך האָבן קלעזמער געריפּעט.
שיינע די זיצערקע, זרח׳ס מאַמע,
האָט ביים מחותן, ר׳ ישעיה מלמד,
מחילה געבעטן און ביטער געכליפּעט,
און זיבן ווייבער, אַ שמירה־שילד,
האָבן כלה׳ס בויך ביי דער חופּה פאַרהילט.

די גילדענע יויך האָט מיט טויזנט אויגן
געפינקלט פון רייכן קצב׳ישן פלוסטער.
ס׳האָבן סאַרוועדס געשלעפּט גאַנצע זייטלעך און ברוסטן,
און ווען מ׳האָט געפירט די כלה באַליייגן,
האָבן ווייבער, פון פליישן פאַר׳שיכור׳ט, געהוסטלט

און זיך אונטערגעשטויסן מיט עלנבויגנס,
און אָסנע האָט קוים די פּיס געשלעפּט
צו דער ערשטער נאַכט פון רוצח׳ישע קלעפּ.

## 9.

די שנאה פון ר׳ שלום ליפשיץ האָט געקראָגן
אַ נייעם אָנהאַלט: קנאה. עפּעס האָט עזריאל קאָרנפעלד
מיט וואַרשע אַ געשעפט געמאַכט, האָט צוגעשטעלט
אין שעכטהויז פּאַרטיעס אָקסן אָפּגעקליבענע,
און עקספּעדיטאָר פון דער שחיטה איז געוואָרן נח.
זיך איבערשלאָפן אַ פּאָר שעה, און אין דער פרי
זיך לאָזן מיט די וועגענער צום באַן, און ס׳האָט געמיינט,
אַז חוץ דעם דרייערל אַ וואָך פון שעכטהויז קריגט ער
פון קאָרנפעלדן נאָך אַ פינפערל. וואָס דאַרף ער עס,
דער שלעפּער? ס׳איז דאָך אַ צו להכעיס אים, ר׳ שלומ׳ען!
וואָלט נח אפשר מוחל זיין די קנאה — עפּעס פּריקרע
אַזוי פיל געלט צו האָבן. אָבער וואָס האָט ער געטאָן
דעם יידן, יענער זאָל דאָס ברויט אים נישט פאַרגינען?

און דוואָשע האָט באַקליידט דעם מאַן, די קינדער, זיך,
האָט אויסגעשטאָט די קיך מיט טעפּ און טעלער,
געלאָזט די קישנס איבערשיטן, בעטציג צוגעקויפט,
געהאָדעוועט דעם קליינעם בעבעלע אַזוי, אַז מ׳האָט געמוזט
אַ זעקעלע מיט זאַלץ אים אָנבינדן פון וועגן אַן עין הרע,
און ס׳געלט — ווי אויף אַן אָנגעשטעלטן זייגער,
וואָס גאָט אַ פּרייטיק שענקט — עס גייט און גייט.

און פּלוצלינג האָט זיך עס אַ קער געטאָן. אַ טאָג אין אָב
איז מיט אַ פּאָר פאַרשוימטע פערד אַ בריטשקע אָנגעקומען:
דער פאָטער איז פאַרשלאָפט געוואָרן און דער ברודער שמואל
הייסט קומען גלייך. דער גוי, דער היימישער, די הייסע פערד —
עס האָט פאַרשמעקט מיט אומגליק, און פון דוואָשע׳ס
געיאָמער און באַפאַלן אים האָט זיך דער מענטש, דער פּשוט׳ער,
אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט דערציילט דעם סוד:
מע רופט זי אויף לוויה. מער האָט נישט געפעלט.
די בריטשקע איז אַוועק מיט ליידיקן און איבער דוואָשע׳ן
איז צוויי מעת לעת אַ דאָקטאָר אָפּגעזעסן.
נישט ער, דער אַלטער פּאָליאַק מיטן טאַטישן געבייזער,
נישט נח האָבן רעכט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז:
ר׳ יאָסל איז געווען שוין קרוב צו די אַכציק;

אַ פינף־זעקס יאָר האָט זי אים נישט געזען שוין
און זעלטן ווען דערמאָנט, און קיינס פון אירע קינדער,
וואָס זי האָט דאָ באַגראָבן, האָט זי נישט אַזוי צעבראָכן.
ביז אין די קרעכצן אירע האָט זיך נח׳ן דערהערט
אַ מין הנאה און ער האָט דערשפּירט: ס׳איז נישט דער פאָטער!
זי האָט געדורשט נאָך אומגליק און זיך אָנגעכאַפּט.
אין אַלע יאָרן זייערע האָט זי געקענט בלויז גויט און טויט
און נישט געוואוסט ווי זיך אַן עצה געבן מיטן וואוילטיק.
ער — זיינס האָט אויסגעקויפט מיט נעכט אין שעכטהויז,
מיט שנאה, קנאה, שטומקייט. זי האָט נישט געהאַט
מיט וואָס דעם וואוילטיק אויסצוקויפן. צופיל זון
אויף אירע הימלען, און דער חושך מאָנט דאָס זייניקע.
גיין, נישט פאַר נח׳ן צו האָבן רו אין רויב און בלוט.
זיין גורל — ווי די הון וואָס קלייבט די קערנדלעך ביים וועג,
צו זוכן זיין חיונה ביים דלות אויף די הינטערשטעגן.
און ווער האָט אים אַרויפגעפירט אויף אָט דעם שליאַך
פון זעטיקייט? ר׳ מרדכי מיטן איידים, זייער זאָרג פאַר אים.
ווי ווערט מען פטור פון די פרייטיקס ווען מע דאַרף
צו קאָרנפעלד׳ן נאָך די שכירות גיין? אַז וואָס האָט ער,
דער גורל׳דיקער אביון, זיך צו מישן מיט די לייט? וועט ראָזע
אַ וויטיק זוכן ווייל דער וואוילטיק קריכט איר פונם האַלדז?
זי לויפט אַדורך די שטוב און אויב זי שענקט אַ שמייכל,
איז ווייס ער ווי ס׳איז איר דערווידער. און ס׳איז רעכט.
זי מוז אים פיינט האָבן ווי גרינג און זוניק לעבן
האָט פיינט דאָס שווערע, טרויעריקע, גורל׳דיקע.
ס׳איז אַ מלחמה צווישן זיי, און ס׳דאַרף מלחמה זיין.

נאָר אַז ער קומט אַהיים און דוואָשע קרעכצט
און ס׳קריכט פון אונטער טיכל אַ נישט־דערשאָרענע פּאה,
פאַרשצימעט ער די ציין, און יענע אין די זיידן, פריש
און ווייבעריש, פאַרשטעלט דאָס קרעכצנדיקע ווייב —
איז ווילט זיך אויסבאָדן אין ליאַק די אויגן. ווייניק נאָך
דאָס הויז און ברויט אים צו פאַרשעלטן — מוזן זיי
מיט אומצוכט אין די ביינער אים אַריינקריכן...
אַרומגערינגלט, איינגעפּענטעט אין דער קללה,
און נישט דעם אָטעם פון איר אָפּצוציען.

### .10

קלאָפּטער ערד,
פון געבוירן מיר געשאָנקענער,

איינגעריגנלטער אין פרעמדקייט
ווי אַן אינדזל אין די וואַסערן פון ים!

וואו איך גיי, בין איך אויף דיר.
וואו איך שטיי, בין איך אויף דיר.
וואַסער וועג איך זאָל נישט נעמען,
וועלן מיינע פיס דיך מיטטראָגן,
קלאָפּטער ערד מיינער!

אַלץ וואָס פאַר מיר אָנגעצייכנט
איז אין דיר.
אַלע זוימען פון מיין אויפגאַנג,
אַלע שטיינער פון מיין שטרויכלונג,
און די קראָפּעווע וואָס ברענט די טריט,
און די קערנער ברויט וואָס נערן מיך —
אַלץ אין דיר, אויף דיר, פון דיר.

עקן זיך אין דיר
די וויטן וואָס איך קען דערגרייכן,
הייבן זיך פון דיר
די הייכן וואָס איך קען דערבליקן,
הויערן אין דיר
די סודות וואָס איך קען אַנטפּלעקן.
תהום'ען, שטערן־שימער, ים'ען פון אין־סוף —
דו.
תפיסה מיינע, גרוב מיט קויט פון זינד פאַרפּלייצטע —
דו.
קיינמאָל נישט די פיס פון דיר אַוועקצורייסן,
קלאָפּטער ערד באַשערטער,
דו!

זע ווי כ'פּלאָנטער זיך אין פענטעס אַ געבונדענער פון דיר.
הער ווי איך וויל שרייען, רופן הילף אַנטקעגן דיר.
זע ווי כ'פאַל צוריק אַן אונטערטעניקער צו דיר
און ביי דיר אַליין איך בעט זיך:
העלף!

שפּרייט זיך אויס!
איינגעשיידלטע מגילה פון מיין לעבן,
קום פון שייד אַרויס,
רייס דעם סודות'דיקן קנופּ פונאַנדער,
שפּרייט פונאַנדער די פאַרשריבענע יריעות —

לאָז מיר גיין איבער די שורות און זיי לייענען.
אַז דו וועסט זיך ווידער וועלן איינוויקלען,
וועל איך דאָך אַלץ איינס אין דיר פאַרבלייבן
אַ פאַרריגלטער, אַ פאַרזיגלטער,
אינדזל עלנדער אין ים פון פרעמדקייט,
ערשטע, שטענדיקע און לעצטע היים,
קלאָפּטער ערד מיינער!

## .11

דער חשוב׳דיקער הימל רעוועט ווי אַ ביק
און רעגן קראַמפּט אַרום מיט גליווערדיקע שטריק.

די נאַכט איז ווי אַ תפיסה, פאַרריגלט, בייז און ענג,
און תפיסה׳דיק די לופט און גאַרגלעריי אין שענק.

— רחמיאל, גיט׳ס אַ קעלישעקל! נאָך איינס, נאָך איינס גיט׳ס!
— גענוג פאַר אייך, ר׳ נח, ס׳איז שאַרפער שליוואָוויץ.

עס וואַרט דער ברעג פון טיש, דאָס אויסגעוואָרימט אָרט.
ער זעצט זיך שווער און קייט די קופּערדיקע באָרד,

און פּלוצלינג פון זייןווינקל דערהערט זיך ווי אַ ברום,
און נאָנטע שכנים גאָרגלענדיקע קוקן זיך אַרום.

טאַי־טאַראַי — טאַראַבים — טאַראַבאַם,
טים־באַם־באַם, בים־באַם־באַם, באַם!

פון ערגעץ אַ פאַרלייגטער הייל אין שיכור׳דיקן מוח
האָט אויף די וואָלקנס טשאַד אַ שורה פון אַ ניגון אויפגעטויכט,

און עולם מיט די עלנבויגנס טורקעט זיך און ווינקט
ווי פון אַ גאָרגל אַ פאַרדומפּענעם ביי נח׳ן עס זינגט.

— שטייט אויף, ר׳ נח, בעסער איצט אַרויסקריכען אין צווייען,
נישט גוט פאַר אייך צו גיין אין אַזאַ נאַכט אַליין.

באַגינען טרייסלט אים דאָס ווייב אַרויס פון בעט,
די שלייפן איינגעשרויפט, דער גומען ווי אַ ברעט.

מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכטע דורך קאַלוזשעס ער קריכט
און וויל דאָס שטיקל ניגון אַרויסנאַרן צום ליכט.

נאָר ווייטע הייל אין מוח האָט זיך צוריק פאַרמאַכט
און ס'האָט דעם כישוף־שליסל אַוועקגערויבט די נאַכט.

די טראַפּנס רעגן רינען הינטערן גענִיק
און קרעמפּעווען דאָס לייב מיט גליווערדיקע שטריק.

## 12.

ס'איז פרייטיק. נח גייט אַהיים פון קאָרנפעלד'ן.
אין קעשענע די שכירות פון דער וואָך, אונטערן אָרעם
אַ פּעקל אויסגעלייענטע „המליצ"ן. אַז ער ט'זיי בעמען לייענען,
וועט ער — חוץ נייעס פון פּאָר דריי חדשים וועגן שרפות
און קהל'שע סכסוכים — זיך דערוויסן אויך ביי וועלכן מאמר
עזריאל האָט געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכטס און ווען
געגעסן יאַיכל אָדער בראָטנס. איז ער צוגעוואוינט
צום יונגן גביר'ס הנאה פון מאכלים ווי צו זיין הנאה
פון שמועסן וועגן באַ'טעמ'טע שציפּענדיקע מאמרים.

טראַכט נח און אין טראַכטן הערט ער — עמיץ גייט אים נאָך.
אַ שפּאַרע ווילע שוין — דיזעלבע טריט געמאָסטענע
מיט פּאָדקעוועס אויף האַרטן שניי. ער טוט אַ טאָפּ
דאָס געלט אין קעשענע און גייט זיין וועג, נאָר יענער שפּאַנט
ווי פריער נאָך. זיך האַסטיק אומגעקערט — אַ יונגערמאַן
פון אַכצן־ניינצן, אַ דערשראָקענער, בלייבט שטיין און שטאַמלט:
— איר קענט מיך נישט? אַוודאי קאָנט איר נישט דערקענען.
כ'בין דעמאָלט נאָך געווען אַ יינגל און ס'איז נאַכט געווען.
בין עליע דעם מורה הוראה'ס. — נח קוקט אים אָן.
—ביים טייך אַמאָל. איר זענט געווען אַ שומר ביים געהילץ,
און מ'האָט פון בײדל אייך אַרויסגעשלעפּט אַ בוך מיט שירים
און איך האָב עס צוריקגעבראַכט. — איצט קומט עס אויף:
דער יינגל מיט די קלאָץ־קשיות! ער גיט אים שלום:
— וואָס טוט איר איצט? — איך לערן זיך. און גלייך פאַרכאַפּט:
— בין נישט אַזאַ געזונטער, טשעפּען זיי מיך נישט,
דער טאַטע מיט די ברידער. אַלץ געוואָלט איך זאָל אַוועק
אין אַ ישיבה, סמיכה קריגן און אַ שידוך טאָן.
איז בין איך נישט אַזאַ געזונטער. זיץ איך אין דער היים
און לערן זיך. — וואָס לערנט איר? — פון ביכער לערן איך.

ביי מאַטלען. אַלע קומען דאָרט. איר'ט אויך געדאַרפט. —
געזאָגט און זיך דערשראָקן פאַר דער חוצפּה
פון געבן עצות. — ווער איז מאַטל? — דער איינבינדער.
אָט אַז אירווילט, קומט צו מיט מיר, איר'ט זען.

די אויגן ווייסן נישט וואו פריער קוקן: צו די פּאַליצעס
מיט ביכער, צו די טישלעך ציימונגען צי אויף די קונדן:
די באַלעבעסלעך מיט די בחורים, וואָס רייסן איבער אַ וויכוח
אים אָנצוקוקן, און די מיידלעך מיט די באַלמעלאָכעס,
וואָס וואַרטן פאַרן טיש פון מאַטל'ס טאַכטער מן הסתם
די נייע ביכער צו פאַרשרייבן. עליע שטעלט אים פאָר,
און ס'וויזט זיך גאָר אַרויס — מען האָט געהערט פון אים,
מע קאָן אים. זיינען דאָ בעלנים באַלד אַרומצוצייגן אים
די פּאַליצעס מיט ביכער און מע טוט עס מיט אַ מין באַרימעריי
ווי ס'וואָלט געווען נישט מאַטל איינבינדער'ס, נאָר זייערס.
ווערט ליכטיק אין די אויגן: מער וועט ער נישט אָנקומען
צום איידים מיטן שווער. מיט פינף גילדן אַ משכון
איז ער אַ קונד ווי אַלע דאָ און דאַרף נישט טראָגן אין זכרון
דאָס ליידיק אָרט אין יענעמס שאַפע מיט געשניצטע טירן,
און דאַרף אין דלות זיינעם נישט אַריינברענגען דעם שטענדז
פון גביר'ישן פאַרמעגן. לויפט ער איבער אָפּגעטראָגענע
צעפּלאַצטע ביכער־רוקנס — ניין, דאָס זיינען נישט יחסנים,
וואָס טוען דיר אַ כבוד אָן מיט איינשטיין ביי דיר שבת,
נאָר אורחים פשוט'ע, וואָס קלאַפּן אָן אין יעדער טיר
און זיינען היימיש אומעטום. אין מיטן וואָך אַמאָל,
ווען קיינער איז נישטאָ דאָ, וועט ער זיך אַליין פאַרקלייבן
און היימיש מאַכן מיט דעם עולם. אלא וואָס זיי ריידן
פאַרשיידענע לשונות, איז נישט קיין סכנה: ס'דייטש פון ביאור
און ס'רוסיש פון די שקאָלע־לערער וועלן ביישטיין.

ס'איז היימלעך נח'ן. אויב נישט קיין היילונג פאַר זיין אומעט,
האָט ער אַנטפּלעקט אַ כישוף־רינג וואָס ווען ער טוט אים אָן,
פאַרטראָגט ער זיך אין כל'ערליי מדינות, דורות,
צו וויטע מענטשן, זייערע תאוות, ליבשאַפטן, רציחות,
צו זייערע פּיינען און דערלייזונגען, און ס'אייגן לעבן
ווערט אָפּגערוקט און וויט, ווי אַ קאַפּיטל פון אַ בוך אַזאַ
וואָס דו ביסט בלויז דער לייענער פון אים. נישט גוט אָבער
איז עליע'ן, וואָס האָט נח'ן אַריינגעבראַכט אין לייען־שטוב.
מען האַלט נישט דאָ פון אים. געמיינט — אַ מענטש אַזאַ
וועט בעמען חקירה־ספרים אָדער חכמה, וועט זיך לאָזן
אַ וואָרט אַרויסריידן. און דאָ — סיפּורים גאָר, חזיונות,

און ווייסט נישט צי ס'איז בלויז אַ שטעל אַזאַ צי לאַ־עליכם,
דער קאָפּ פאַרנעמט נישט עפּעס בעסערס. אַט למשל:
מען אַמפּערט זיך וועגן אַ מאמר אין „השחר", שווימט אַרויף
אַ טיפער ענין: דעת און אמונה, וואַרפט מען זיך
מיט ראיות פון ריב"ל, רנ"ק און ליליענבלום — ווי קען אַ מענטש
זיך איינהאַלטן? צי אַט אַן ענין שוין אַ פשוט'ער: וואָלט ביקאָנספילד
דערגרייכט די גדולה זיינע אויך אַ נישט־געַ'שמד'טער
צי אַן דעם שמד וואָלט אים די מלכה נישט דערהויבן?
אַ סברה זאָגן קען דאָך יעדערער! איז דאָ אפילו שווייגט ער.
און פּלוצלינג קומט אַריין אברהמ'ל קצב־יונג, דערפרייט ער זיך
מיט אים ווי מיט אַן אייגענער באָבע, קוקט אַריין
צו אים אין מעשה־ביכל און פאַרגינט זיך גאָר אַליין
אַ שמאַכטע אַ זשאַרגאָנישע. און נאָך אויף שבת!

פאַרשטייט נישט עליע: האָט ער יינגלווייז זיך אָפּגענאַרט
און אָנגעטאָן אַ קרוין אויף עמיצן, וואָס האָט עס נישט פאַרדינט,
צי עפּעס איז דער מער דאָ. וויל ער נאָכשפּירן
און נעמט אַליין אַרויס אַ מעשה־בוך פון יענע ביכער,
וואָס נח האָט געלייענט, לערנט פשט אין דעם און טראַכט:
איצט וועט ער זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן מיט גלאַט אַ תירוץ.

## .13

גליווערדיק לבנה־ליכט אויף שניי פאַרגליווערטן.
איינער דער וואָס שפּאַנט אין ווייסער נאַכט,
טויזנט די וואָס שפּאַרן זיך פון אים.
טויזנט מענטשן פון אַ הונדערט מעשיות,
לענדער פון דער גאַרער וועלט,
דורות פון דער גאַרער צייט.

— איז ווי לאַנג נאָך וועסטו אומגיין אַ געפאַנגענער
אין עולם התוהו
פון די מעשה־מענטשן?
ווען וועסטו אין זיי אַ זין דערזען?

— כ'זע אַ מורא'דיק הבדלה־ליכט געפלאָכטן פון צוויי קנויטן:
קדושה־קנויט און טומאה־קנויט.
שטעקט די ליכט אין אַקס פון ערד,
דרייט זיך ערד אַרום דער אַקס,
און צום צווייענדיקן פלאַם
ציט זיך אַלץ וואָס לעבט.

— זעסט באַך נישט גענוג. קוק בעסער.
וויפיל זעסטו ליכט אַצינד?
— מער ווי איינע.
— בעסער קוק. וואָס זעסטו אין די ליכט?
— פּנים'ער. צווי פּנים'ער אין יעדן פלאַם.
ריזן. צוויי־געשטאַלטיקע, צוויי־קעפּיקע.
— בעסער קוק.
— רעדער זע איך. ברייטע פלאַכע רעדער,
אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן,
און די ריזן ווי די אַקסן אין די רעדער.

— ווער זיינען די ריזן?

— איינער:
האַלבער קערפּער אַ פאַרפאַנצערטער,
אין דער האַנט אַ שווערד
און אַ קאָפּ אויף אים אין קיווער.
האַלבער קערפּער אין אַ שעפּסן־פעל,
פאַסטוך־שטאָק אין האַנט
און אַ קאָפּ אויף אים פון זון פאַרברוינט.
ווילן זיך די פיס אַריבעריאָגן —
פוס פון קריגער און פון פאַסטוך,
דרייען זיי די ראָד כסדר.
נאָך איינער:
האַלב אַ קיניג, האַלב אַ קנעכט.
נאָך איינער:
האַלב אַ גזלן, האַלב אַ קדוש.

— און אין מיטן,
אין דער גרעסטער פון די אַלע רעדער?

— דאָרטן זע איך צוויי געשטאַלטן.
איינע איז אַ פרוי אַ צווייענדיקע:
לילית און אַ מאַמע.
איינער איז אַ מאַן אַ צווייענדיקער:
אַשמדאי און טאַטע.
לילית ציט צום טאַטע,
אַשמדאַי צו מאַמע,
ציען טאַטע־מאַמע איינס צום אַנדערן,
יאָגן אַלע פיס,
דרייען זיי די גרויסע ראָד.
און מיט גרויסער ראָד פאַרפלאָכטן אַלע קלענערע.
וואו זי גייט — גייען אַלע רעדער,

קענען נישט די ריזן אָפּשטעלן די טריט,
דרייט זיך עס אָן אויפהער.

— און פאַרויס פון דעם געפלעכט פון רעדער?
און פון הינטער דעם געפלעכט פון רעדער?

— ווייסער פייער גייט פאַראויס,
שוואַרצער פייער יאָגט פון הינטן.

— איצטער זעסטו.

— ווען־זשע וועט די צוויאיקייט
זיך פונאַנדערטיילן אָדער זיך צונויפגיסן?
ווען וועלן די ריזן אין די רעדער
ווערן איין־געשטאַלטיק?
ווען וועלן די מענטשן אויף די רעדער וויסן
ווער עס פירט זיי?
נביא פון די זעאונגען,
נביא פון די חיות אין די רעדער,
ענטפער!

ענטפערט ער:

— אַז דו וועסט גענוג זיך אָנליגן אין שטריק געבונדן
און זיך אָנעסן מיט צואה
און זיך אָנוואָגלען אין גלות,
וועלן זעאונגען גענוג צו דיר נאָך קומען.

גליווערדיק לבנה־ליכט אין שניי פאַרגליווערטן,
אָטעם איינגעפראָרענער פון ווייסער נאַכט.
איינער שפּאַנט אין ווייסער נאַכט.

## 14.

נאָך איידער מ׳האָט געשיקט אים רופן פון ר׳ מרדכי׳ן
האָט שוין די לייען־שטוב געוואוסט. — סע קאָכט זיך:
אַ מענטש וואָס לעבט פון קהל זאָל זיך פאַרשרייבן
צום איינבינדער אין „קלויז״! ר׳ מרדכי האָט קיין שהיות נישט געמאַכט:
— איר׳ט מוחל זיין און אויפהערן צו גיין אַהין.
האָט נח נישט פאַרשטאַנען: — איך בין נישט קיין שוחט.
זיי דאַרפן נישט מיין פרומקייט. — יענער האָט אַ בליק געטאָן

מיט אומגעדולד: — איר האָט נישט וואָס צו דינגען זיך
מיט מיר. איך זאָג אייך: ס'איז אָהין אָדער אַהער.
— כ'וועל זען... אַ שעה צי צוויי דערנאָך ביי מאָטלען
האָט נח שוין געטראָפן זויערע פּנים'ער און איינער
האָט אים באַדויערט: — וועט איר מער טאָקע נישט קומען?
— ווער זאָגט עס? — ס'מיינט דאָך פּשוט פּשט: חיונה!
— איך ווייס נישט... און ווי אַלעמאָל דאָס בוך געביטן.

ס'איז פרייטיק אין ר' מרדכי'ס שטוב. דער באַלעבאָס
ביים טיש, דער אידים ביי דער זייט, אין האַנט
דאָס זילבערנע פּאַפּיראָסן־שאַכטל, רויכערט, רויכערט.

ר' מרדכי:
איצט קומט אייך מזל טוב. איר האָט נישט
נאָך וואָס צו גיין שוין מער אין שעכטהויז.

נח:
גוט.

ר' מרדכי:
וואָס איז גוט? צו בלייבן אָן פּרנסה?
צו לאָזן ווייב און קינדער הונגערן? איר מיינט —
כ'וועל ווידער דרייען זיך אַ קאָפּ מיט אייך?

נח:
ניין.
ס'איז צופיל אויך געווען ביז איצט. איר'ט צופיל
אַלעמאָל געטאָן פאַר מיר.

ר' מרדכי:
האָב איך נישט געדאַרפט?

נח:
פון זינט איך בין אַהער אין שטאָט געקומען
זענט איר געווען מיין ברויט־פאַרזאָרגער. ס'טויג נישט.
אַ מענטש דאַרף זוכן זיך זיין ברויט אַליין. פון דעם
וואָס אים צום האַרצן איז. און ס'לעצטע דאָ, די בוינע,
איז מיר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. עס האָט געשטיקט
דאָס בלוט, די שנאה און די גזלה אויך.

ר' מרדכי:
גזלה?

נ ח :

די טאַקסע האָב איך דאָך געהיט. די גראָשנס
פון אַרימעלייט געראַבעוועטע.

ר ' מ ר ד כ י :

מיינט עס —
איך בין אַ שותף צו דער גזלה?

נ ח שווייגט.

ר ' מ ר ד כ י :

דאָס איז אַלץ
וואָס איר האָט מיר געהאַט צו זאָגן? און די קראָם
צום אויספּלעטן האָט איר שוין אָפּגעצאָלט?

נ ח :

כ'וועל אַמאָל
פאַרדינען עפּעס, וועל איך אָפּצאָלן צו ביסלעך.

ר ' מ ר ד כ י :

איך בעט אייך נישט מיר אָפּצאָלן.
איך וויל אייך מער נישט קענען. כ'וויל אייער פּוס
נישט זען איבער מיין שוועל מער.

נ ח :

זייט געזונט.

ס'ווערט שטיל. דער אײדעם רויכערט און דער שווער
אַ צאַפּלדיקער בייסט אַ ליפּ און פּויקט איבערן טיש:
— איצט וועט ער פּגר'ן פון הונגער. ווער וועט אים
אַ פּרוטה געבן? פּרא־אדם! מאַניפּאַרגעס אַלץ!
ער הייבט זיך אויף, שטייט אַ צעשאָקלטער אַ ווייל,
שפּאַנט צו צום פענצטער און צום איידים מיטן רוקן
נעמט ער עפּעס קראַצן פון דער שויב. עזריאל גייט אַרויס,
אַריין צו זיך אין שטוב און שפּאַנט איבערן צימער.
קומט ראָזע: — וואָס איז דיר געשען? — וועסט נישט פאַרשטיין.
— וואָס נישט פאַרשטיין? — האָסט אים אַלץ איינס
נישט ליב. — פון וועמען רעדסטו? — פון נח'ן.
זי אָטעמט אָפּ און וויל מכלומרשט וויסן:
— וואָס איז געשען מיט אים? דערציילט ער.

באַהאַלט זי ס׳פּנים נישט אַרויסצעווייזן די הנאה
וואָס זי וועט מער דעם יידן דאָ נישט זען.
ער האָט חרטה אויף די רייד און גייט אַרויס אין גאַס.

און נח גייט אַהיים. זאָל ער די בשורה האַלטן
ביז נאָך הבדלה אָדער וואָס עס דאַרף געשען
זאָל קומען באַלד? ס׳געשעט. נאָך אַ מינוט פון שוידער
ביז זי באַגרייפט דאָס אומגליק, הייבט זיך אָן
דאָס פּויקן מיט די פויסטן זיך אין קאָפּ, דאָס חלש׳ן
און קרעכצן צווישן ציין פאַרקריצטע ווי ביי קינדער־ווייען.
נאָר דאָס מאָל רופט מען נישט דעם דאָקטאָר. פאָטער הייסט
דעם זון, דעם עלטערן, דער מאַמען צולייגן צום קאָפּ
אַ נאַסן האַנטוך און אַליין ביים פענצטער זיצט ער
און קוקט זיך נישט אַרום. עס דויערט לאַנג. דערנאָך
מיט אַ צעבראָכן קול נעמט זי דעם זון באַפעלן
די יויך פון פייער אָפּצורוקן און די פיש פאַרדעקן
און וועלכן שטערצל נעמען. הערט דער פאָטער
און טוט זיך אָן און גייט. פון דאַוונען אַז ער קומט
איז ליכט געבענטשט. נאָר זי ווי פריער אויפן בעט,
דער קליינער בעבל ביי דער זייט. צום טיש גרייט יאַנקל.
ביים ערשטן ביס טוט זי אַ זאָג פון ווייטן:
— עסט, קינדער, עסט! א יבעראַכטאָג וועט שוין נישט זיין!
שפּרינגט נח אויף, אַ זעץ מיטביידע פויסטן
אין טיש אַריין, אַז אַלע טעלער שפּרינגען אונטער,
פאַרבייסט די ליפּן נישט אַ זאָג צו טאָן דאָס וואָרט
וואָס צאַפּלט אים צווישן די ציין און לויפט אַרויס.
די ליכט אין לייכטער ברענען, חלה אָנגעשניטן,
די פיש אויף טעלער, נאָר די ייִנגלעך וואָגן נישט
זיך צוצורירן. כליפּעט זי געוואָרגן ווי אַ קינד
וואָס זוכט רחמנות, און די ייִנגלעך ווייסן נישט
אויף וועמען פון די צוויי דאָס האַרץ זאָל ווי טאָן.

נאָך טשאָלנט מאָרגן קומט רחמיאל שענקער מיטן וויב.
אַ נידעריקע, פולע, זשוואַווע — רעדט זי נישט
ביז ס׳זאָגט עפּעס דער מאַן און חזר׳ט איבער זיינע רייד.
רחמיאל גייט צום ענין: — האָט זיך נח גוט באַטראַכט,
און אפשר קען מען נאָך פאַרריכטן די מערכה?
קוועטשט נח מיט די פּלייצעס: — ווייסט דען נישט רחמיאל
וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן? ס׳איז נישט דער איינבינדער —
מען האָט געזוכט אַן עוולה און זיך צוגעטשעפּעט.
— אַוודאי. אָבער קנאה־שנאה איז פון אייביק.

און לעבן מוז מען. פלוצלינג רופט זיך דוואָשע אָפּ:
— אַז די פּרנסה איז די גאַנצע צייט אים אָנגעקומען
כקריעת ים סוף. ער איז נישט דער מענטש צו רייסן זיך
מיט שינדער און קצבים. און דער וואָס אייביק לעבט
איז אַלץ נאָך איבער אונדז אַ טאַטע. נח הערט מיט אָפן מויל.
רחמיאל, ווי נישט זי וואָלט אים געענטפערט, וועגדט זיך ווידער
צו נח'ן: — מע קומט דאָך אים נישט נאָכקוקן אין שטוב אַריין.
נאָר ס'פּאַסט זיי נישט וואָס ער איז פון די איינגייער צו מאַטלען.
און ווידער דוואָשע: — אַז וואָס זיינען זיי פּאַר אַ משגיחים?
וואָס נח האָט פון יידישקייט אין מינדסטן נאַגל, האָבן זיי נישט
אין זייער גאַנצן לייב און לעבן. ס'קול איז קרעפּטיק,
די אויסגעווייגטע אויגן צינדן זיך מיט בלאָען פלאַם
און ס'גליט אַ רויטקייט אויף די בלייכע באַקן.
נישטאָ וואָס איינצו'טענה'ן ווייטער, זעט רחמיאל.

געמאַכט הבדלה און נישטאָ וואוהין צו גיין.
ס'איז פיינלעך חול־המועד'יק. אונטערן באַלקן הענגט
אַ בראָך, נאָר הערצער זיינען נישט באַשווערט. פאַרקערט:
דער בראָך האָט איינגעשלונגען אַלע ביטערקייטן
און לופט, ווי נאָך שטורעמגוס, איז לויטער, גרינג.
אין גרינגער לופט די ווערטער קומען גרינג ווי פעדערן:
גאָר אָן געוויכט און וואַרעם, ווי צו טוליען זיך
אין זיי. קומט טוליעניש און נאָנטקייט אָפּגעוואוינטע
מיט אויסגעלאָשן לעמפּל. מאָרגן, אַז מע בלייבט אַליין
גייט אום אין שטוב אַ צאַפּלדיק פאַרליבעניש
און טריט שפּירן זיך נאָך מיט אויגן העל־פאַרפּלייצטע.
ער נעמט קיין בוך אין האַנט נישט — זאָל עס הייסן:
ער איז מיט איר אינגאַנצן. לאָזט ער זיך
דערלאַנגען טיי אין מיטן טאָג, מכבד זיין, ווי ער וואָלט זיין
אַ גאַסט אין הויז. אין אָונט, ווי ער וואָלט באמת
צוריקגעקומען פון אַ ווייטער רייזע, נעמט ער פלוצלינג
די זין פאַרהערן. ביידע זיינען מאָדנע ווייט פון אים:
דער קליינער מיט דער פלינקער היימישקייט אין תוספות'ן,
דער גרויסער מיט דער מי פון נאָכזאָגן די סוגיא.
צוויי ברידער — ווי פאַרשיידענע! נאָר זאָגן זאָגט ער
צו ביידן גלייך: — עס מאַכט נישט אויס פונדעסטוועגן
אַריינקוקן אין אַ תנ"ך אַמאָל — אַ שבת צי אָן אָונט.
די זין, מיט ווייטיק אָנגעלאָדן, נעמען אויף
דאָס פלוצלינגע פאַרהערן און די רייד ווי אומגעווינלעכס,
ווי חול־המועד'יקס. זיי ווייסן — ס'וואָרט הינטערן טיר
אַ נייער זמן, און הלואי זאָל ער מיט גוטס אַריינקומען!

## .15

ר׳ יחיאל הערט נישט וואָס די שכנים ריידן
הינטערן בעלעמער. אָבער אַז עס קאָכט זיך: נח, נח —
לייגט ער צו אַן אויער. האָט געהערט פון נח׳ן —
זיינע טעג און נעכט זיינען צעריסן צווישן שעכטהויז
און דער עקספּעדיציע — זעט ער אים שבתים בלויז.
וואָס זשע ווילן זיי פון נח׳ן? דערציילט מען אים:
האָט זיך מיט די הפקר־יונגען גלייך אַריינגעלאָזט
אין די טריפע ביכלעך און מ׳האָט אים געוואָרנט
און אַרויסגעיאָגט פון שעכטהויז. צינדט זיך ר׳ יחיאל:
— גייט שוין, גייט! מסתמא לשון הרע אָנגערעדט...
אָבער די קצבים טענה׳ן זייערס. מאַטערט ר׳ יחיאל׳ן
אי דאָס לשון הרע, אי דער צער אויף נח׳ן,
פּילעוועט ער אָפּ דעם שבת ווען מע גייט פון דאַווענען
און כאַפּט נח׳ן ביים אַרבל: — ס׳איז דאָך לשון הרע!
— וואָס איז לשון הרע? — אַז איר׳ט זיך אַריינגעלאָזט, חלילה,
מיט די אפיקורסים. — ס׳איז אַ ליגן. — און די מעשה
מיט די טריפע ביכלעך? — דאָס איז אמת.
ציטערט אויף אין אימה ר׳ יחיאל: — איז דאָך אַלץ אַן אמת?
— ניין, ס׳איז ליגן!... ר׳ יחיאל, אַ צעמישטער, קוקט און קוקט
און שיינט אויף: — אַוודאי! וואָס אין זייער חכמה דאַרטן
ווילט איר וויסן. ווייטער גאָרנישט... הער אַ מעשה!...
איי־איי־איי — וואָס מענטשן זיינען!
האָט זשע מיר אַ גוטן שבת!

## .16

געסט נאָך נישט געזעגנט ביי רחמיאל׳ן אין שענק,
שמחה ביי רחמיאל׳ן אין שענק.
יאָסעלע מלופּן מיט דער קרומער באַק
האָט געמיינט, עס וועט אים אָפּגיין גלאַטיק.
האָט מען מיטוואָך נאָכט אים מיט דער פור געפּאַקט,
און געמאַכט דעם ריכטיקן פּאַטשאַטעק.

שטיקלעך וועט ער שעכטן גאָר אין טערעספּאָליע,
ווייזן דער קאַראָבקע אַ פייג אונטערן פּאָלע
און פאַרקויפן פלייש בזול הזול.
האָט מען אים געוויזן: יאָסעלע, פּאַוואָליע!
ס׳איז נישט אַזוי גרינג צו נאַרן קהל.
מיט אַ פעסל נאַפּט די פור מיט פלייש באַגאָסן,
איצטער — גיי פאַרקויף דיר בשר כשר
קנאַפּער אויפן פונט מיט פינף גראָשן!

שבת נאָכט אַ שמחה ביי רחמיאל'ן אין שענק.
אויבן אָן — אַליין ר' שלום נאמן.
ביי די זייטן אויף די ברייטע בענק
שוחטים און קצבים־באַלעבאַטים.
לעקעך אויפן טיש, הערינג, מאַרינאַטן,
שנאַפּסן כל המינים אין די פלאַשן.
קלינגען די קצבים מיט די קלינגערס אין די טאַשן:
— טראַגט, רחמיאל, וואָס איר האָט!
און רחמיאל מיטן הינקעדיקן טראָט
שלעפּט מאכלים פאַרן נאמן און קצבים,
און אין ציין פאַרשטימטע אַ פּסוק תהילים:
— כי סבבוני כלבים!

בריען מיט נצחון צעיאָכמערטע לחיימ'ס,
שוימט אַרויס נקמה פון צעבאָלבעטע ניגונים.
ציין פאַרשטימטע דעם פּסוק תהילים קייען:
— עדת מרעים הקיפוני!
אוןביים טיש, ביים זייטיקן, די געסט פון אַלע נעכט —
שינדער, קצב־יונגען, באַלעגאָלעס,
זיצן מאַריגירטע ווי די שטיקער הערינג
און עס בייסן פויסטן אונטער פּאָלעס.

פילט אַ באַלעבאַס, צעפריעט און צעקוועלט:
ווינטן יאָגן אים איבערן רוקן.
כאַפּט ער זיך — עס ליגט צעשפּרייט אַ בייזע קעלט
אויף אַ טיש מיט חושכ'דיקן מרוקן.
שרייט ער: — וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַסאַן?
ווייניק שנאַפּס ביי אונדז צו מאַכן אַ לחיים?
בלאָזט ביי שלום ליפשיצ'ן די גראָע באָרד זיך אָן,
שוחטים הערן אויף צו קייען,
נאָר די יונגען טרעטן זיך די פיס אונטערן טיש:
— ווערן זיי דערוואָרגן מיט די שנאַפּס און פיש!

קיינער פון די יונגען רירט זיך נישט פון אָרט.
ברומט אַריין ר' שלום אין דער גראָער באָרד:
— ס'בענקט זיך זיי נאָך נח'קען מסתמא.
שטייט אַ שוחט צו: — אַוודאי,
נאָכן פאַסטעך בענקט די סטאַדע.
און אַ קצב הייבט אָן וואָרפן גראַמען
וועגן נח'ן מיט די זיבן גרייזן
וואָס ער לאָזט זיך שפּרייזן, ווייזן, לייזן.

טראָסקען פויסטן אויפן טיש פון נחת,
שפרינגען טעלער, גלעזער,
פליִצן מיט צעקייבט געלעכטער אויגן, מיילער, נעזער,
ביז אויף צווייטן טיש, אויף יונגישן און שטומען,
פאַלן אַ פּאָר קלעפּ ווי שאָסן פון האַרמאַטן:
— אַ רוח אין זייער טאַטן!

ס'האָט אַברהמ'ל חצוף, דער וואָס לייענט ביכלעך,
נישט געקענט דעם כעס מער שטיקן אין דער לעבער.
ווערט די שמחה אָפּגעגאָסן ווי פון קאַלטן צעבער,
גליווערט איין אַ רגע און מע הייבט אָן קריכן.
פויסטן, אָרעמס, קניען פלעכטן זיך און שטויסן,
און אַברהמ'ל רייסט זיך מיט געשריי און פויסטן:
— שלום גנב הוליעט מיט זיין באַנדע,
איצט ווערט מען שוין גנב'ענען אַבי געזונט.
שרייט ר' שלום: — יידן, ס'איז אַ חרפה און אַ שאַנדע,
מאַלע וואָס עס בילט אַ הונט.
אָבער שכור בלוט האָט זיך אין אָדערן צעבויטעט —
וואָס מיר חרפה, אָפּשיי, יונג און באַלעבאָס?
איבער בערד און ליפּן קריכן שלענגלעך רויטע,
פודן לייב און ביינער קנעטן זיך ווי גראָז.

און רחמיאל פון אַ זייט זיין חורבן מעסט:
שנאַפּס און ווײַן צעכליאָפּעט, שערבלעך פון געפעס —
ווער וועט אים באַצאָלן פאַרן שאָדן?
נאָר די ביטערקייט, וואָס האָט פאַרשטיקט געזאָדן,
שטילט זיך פון צעיושעטן האַרמידער,
זעט ער ווי ר' שלום גנב'עט זיך צום טיר,
ווי אַ קצב קריכט אויף אַלע פיר,
און סע קוועלט אַ פסוק תהילים ווידער:
— הרס שנימו בפימו!

שכרות אויסגעבוכעט פון די שווערע קעפּ,
נעמט דער קנויל זיך גלידערווייז צערייסן.
גאָנערט מען זיך מיט די בעסער איינגעטיילטע קלעפּ,
ווי עס וואָלט אַ שפּיל געווען בלויז אויף צעפּלייסן.
ביז מע כאַפּט זיך פלוצלינג: ווער מיט וועמען!
בלאָזן זיך צעבלוטיקטע קצבים ווי די לונגען
און מע פּאַכט מיט פויסטן צו די יונגען:
— וואַרט'ס, אַ נכפה וועט אייך נעמען.
קלינגט מען מיט די קלינגערס, דינגט מען זיך מיט קללות,

שאַרט מען זיך אַרויס ווי די נשרפים,
און די יונגעץ קוקן ווי אין וויסטן חלום:
— וואָס איז דאָ פאַרלאָפן?

## .17

עס האָבן זיך יונגעץ געפעדערט אויף מאָרגן צום יאַטקע־הויף.
ווער שולדיק־הכנעה'דיק, גרייט אויפן פסק, און יונגעץ בעדאָווע
מיט מורא פאַרהילכט אין הויכע „גוט מאָרגנס". נאָר ס'האָבן זיך אויך
באַלעבאָטים געשעמט, און אַריבער אַ שעה, און שאַרפע האַק
און זעג האָבן זייערס געטאָן אויף די יאַטקע־קלעצער.
בלויז איינער, אברהמ'ל, ווען ער איז געקומען צום פעטער,
האָט איסר אים אָנגעבאָטן אַ גאַנג און נאָך מיט אַזעלכע רייד
וואָס נאָר אַ פעטער פאַרגינט זיך. האָט עס דערלאַנגט אין דער ריפּ,
נאָר גיי הייב זיך אָן מיטן טאַטנ'ס אַ ברודער ווען ס'וואַרט נאָך
אַ טענה ביינאַכט מיטן טאַטן אַליין. אַרויסגעצויגן די כאַליוועס,
האָט ער געלאָזט זיך באַשפּרייזן דעם הויף, זאָגן „גוט מאָרגן"
די יידענעס מיט די שטייגן הינער און גענדז און דורך די טירן
אָנגעזאָגט די גוטע ברידער, אַז שוין — ער איז שוין אָפּגעקאָכט.
וואָס נאָך זאָל ער טאָן? אַ גאַנערשן שנאָבל צערייצט מיט אַ פינגער,
צע'טענה'ט זיך מיטן גאַנער פון דעם ביי וועמען אין אויזון
עס ווילט זיך אים בעסער בראָטן און ווידער אַרויס אין דרויסן
צו וואַרטן ביז טילע, וואָס דינט ביי די קאָנ'ס פון מעל־סקלאַד,
וועט קומען נאָך פלייש. דערוואַרט זיך, באַהאַלטן זיך הינטערן טויער
און נאָכדעם אונטערגעשפּרונגען, זי איבערגעשראָקן און אויפן וועג
די נייעס דערציילט. איז טילע צופרידן געווען. זי האָט שוין לאַנג
אים צוגערעדט זוכן אַן אַנדער מלאכה און טאַקע דורך איר
איז ער עס פאַרקראָכן צו מאָטל איינבינדער. ביז מ'האָט געקענט
זיך אָנרעדן זאָט איז טילע געווען שוין אַ גאַס פון איר הויז —
און וואו זאָל ער ווייטער גיין? אַהיים צו דער מאַמען אויף קללות
איז צייט ביז אין אָוונט און שלעפּן זיך איבער די קאַלוזשעס
אונטער דער זון פון פאַר פּסח האָט נישט קיין טעם.
האָט ער פאַרקירעוועט טאַקע צו מאָטלען און דבורה'ל, די טאָכטער,
האָט אויגן געעפנט אויף אים: אין מיטן זונטיק? דאָ קען ער אַוודאי
די מעשה דערציילן, און באַלד אַרום אים איז געשטאַנען
אי מאָטל אַליין אי דער זון אי דאָס ווייב און מ'האָט אים געטרייסט:
— דו האָב זיי אין דר'ערד. דאָ עפנט זיך אַ ציגעלניע הינטערן שטאָט
און יונגעץ ווי דו וועט מען דאָרטן פאַרצוקערן.

דערנאָך זיך דערמאָנט: ס'וואָלט אַ מצוה געווען צו ברענגען
די מעשה צו נח'ן. עפּעס קיין מוט נישט געהאַט און דאָך דעם נסיון

נישט בייגעשטאַנען. דערפֿרייט האָט ער אָבער בלויז דוואָשע׳ן.
נח אַליין
איז אָוועק אין אַ מצה־פּאַדראַד פאַר אַ רעדלער. איז אים באַפאַלן
אַן אומעט פון נח׳ס שטוב, האָט ער זיך אומגעדרייט אין די גאַסן
און ווידער געקומען צו מאַטלען, און צווישן מנחה און מעריב
האָט שוין אַ קלייזל אין יעדן בית מדרש פאַסמאַקעוועט זיך
מיט די קצב׳ישע קלעפּ און מיטן טיטל פון אַלטן אַנזעצער: שלום גנב!
צו וועטשערע איז די מעשה דערגאַנגען צו רודניק׳ן, האָט ער דאָך עפּעס
אַ חלק אין נח׳ן, און אַ פשיטאַ נאָך איצט, ווען קהל האָט אים
צוליב לייענען ביכער, וואָס מיינט השכלה, פון ברויט געבראַכן.
איז ער אַ צעהיצטער נאָך וועטשערע גלייך אָוועק צו עזריאל׳ן,
עזריאל צום שווער און ר׳ מרדכי אויף מאָרגן צום ראש־הקהל,
ר׳ חיים סעגאַל, און ס׳האָט זיך צווישן צוויי גבירים, תקיפים
פאַרנומען אַזאַ מין שלאַכט: פריער האָט איינער מיט אימפּעט געגלעט
די ביינערנע גאַלקע פון שטאָק און דער צווייטער דעם גלאַטן פאַרענטש
פון שטול, דערנאָך האָבן ביידע געגלעט זיך די בערד, דערנאָך
ציגאַרן געדרויכערט און וואָלקנס געבלאָזן מיט כעס, נאָר איינגיין
אַראָפּצוגעמען פון שעכטהויז די שאַנד פון אַ נאמן, וואָס אַלע
רופן אים „גנב" — אויף דעם האָט ר׳ חיים זיך נישט געלאָזט:
מער פעלט נישט, נאָר נאָכצוגעבן די כל׳ערליי עכברשים!

אברהמ׳ל האָט גאָרנישט געדאַרפט אין דער היים דערציילן.
ווי נאָר ס׳האָט דער טאַטע געעפנט די טיר פון מעריב, איז ער
אָן דיבורים צוגעגאַנגען און אָפּגעפייערט צוויי פעטש. ווי ס׳מעסט
אַ חיה דעם שפּרונג, האָט אברהמ׳ל אָפּגעמאָסטן דעם גידול
פון טאַטן און זיינע אייגענע ניינצן יאָר, אַ שפּאַן געטאָן צום וואַנט,
צו דער גראַטקע מיט טעלער און גלעזער, אַ שלעפּ געטאָן מיטן האַנט—
דאָס גאַנצע געפעס איז אין שערבלעך צעשפּרונגען איבערן דיל —
און איידער נאָך טאַטע און מאַמע האָבן געקענט דעם אָטעם כאַפּן
איז ער שוין געווען אין דרויסן. איבערגענעכטיקט די נאַכט
אין ווייבערשער שול אויף אַ באַנק און פאַרפרי זיך געלאָזט
צו די מצה־פּאַדראַדן זוכן דאָס פּלאַץ וואו נח אַרבעט.
אַז מ׳האָט אים אָוועקגעשטעלט פאַר אַ שיבער, איז אים געוואָרן גוט
וואָס אָט קען ער פייפן אויף איסר׳ן און איז ווידער צוזאַמען
מיט נח׳ן. אָבער ווען דורכן טאָג האָט ער אויגן געוואָרפן
אַהין וואו סע שטייט זיין פריינט אין דער מחנה ווייבער און מיידלעך,
האָט שיר פאַרקוועטשט אַ געוויין, און אין אָוונט האָט ער זיך פאַרטרויט
פאַר טילע׳ן און מ׳איז געגאַנגען צו מאַטלען טראַכטן.

פרייטיק צו נאַכט אין בית המדרש איז צוגעקומען דער טאַטע:
— אַהיים זאָלסטו גיין! פאַרשטער נישט דעם שבת דער מאַמען.

און בייטן אַ העמד דאַרף מען אויך. נאָר מאָרגן ביים לייענען
האָט אברהמ'ל צונויפגענומען די גוטע ברידער, פינף וואוילע יונגען,
און איינגערוימט זיי אַ סוד: ער דאַרף זיי פירן אין ערגעץ.
אַז מ'האָט זיך באַגעגענט נאָך טשאָלנט, האָט ער זיי געבראַכט
צו מאָטלען. ראשע האָט כיבוד געשטעלט אין עס־שטוב
נישט אָפּצושרעקן די חברה מיט אַלע פּאָליצעס ביכער,
און מאָטל אַליין האָט ביים פּסח געליען אַ קריגעלע מעד און געטרונקען
מיט יעדן לחיים. מ'איז היימיש געוואָרן און אַלע האָבן מסכים געווען
מיט אים, אַז ס'וואָלט בעסער געווען צו האָבן נח'ן ווידער
אין שעכטהויז. ווי קען מען עס אָבער? מען קען! אָט זאָלן
זיי פּרוּוון
נישט גיין צו דער אַרבעט ביינאַכט און אָפּציען אויך די אַנדערע —
איז אויס מיט דער שחיטה און קהל וועט טאַנצן ביי זיי
ווי אַ בער אויף אַ קייט. האָבן חברה מיט נאַקעטע ציין געקוואָלן
פון שפּיצל, נאָר הערצער זיינען געזונקען און מ'האָט געפרעגט:
— וועט בלייבן די שטאָט אָן פלייש? — איז וואָס דער אומגליק?
קבצנים קאָכן אַלץ איינס נישט קיין פלייש אינדערוואָכן
און גבירים קענען זיך איינמאָל באַגיין. — האָט מאָטעליכע געטרייסט:
— ניש'קשה, זיי וועלן זיך עופות שעכטן און יאַיכלעך קאָכן!
— און וואָס זאָל מען טאָן מיט די טרוסן? האָט מען געפּלאָנט
און ווידער געטרונקען און מ'איז אַוועק די אַנדערע יונגען זוכן,
נאָר יעדן באַזונדער איז מלאָסנע געווען ווי אין אַ קאַלטן טאָג
ביים טייך ווען מע מוז אַ נאַקעטער שפּרינגען אין וואַסער.

אין בוינע־הויף אָנגעיאָגט אָקסן, בהמות און קעלבער.
עס קומט דער נאַמן, די שוחטים, קצבים — מע קוקט זיך אַרום —
בלויז עטלעכע עלטערע שינדער, און פון דער חברה יונגען
קיין סימן נישטאָ. צי האָט אַ מגפה זיי אַלע מיט איינמאָל
אַ קאַסע געטאָן? מע וואַרט און מע קוועטשט מיט די פּלייצעס,
נאָר איינעם, ר' שלומ'ען, ווערט עפּעס ביטער אין נאָז און ער זאָגט
האַלב־הייזעריק: ס'איז דאָ נישט גלאַטיק, יידן! כ'וואָלט שווערן,
נח'קע האָט אַ האַנט אין דעם. אַריבערגעשיקט אָן עלטערן שינדער
אין שענק און באַלד איז יענער געקומען צוריק מיט אַ תשובה:
— מ'איז דאַרטן. מע זאָגט: ס'וועט היינט קיין שחיטה נישט זיין.
— וואַ־אַ־אַ־ס? — אַזאַ מין צעצויגענער „וואָס" ווי מע וואָלט זיי
געמאָלדן,
אַז אַלע אָקסן האָבן געקראָגן אייטערס מילך. — זיי זאָגן,
זיי וועלן נישט קומען ביז קהל וועט צוריקברענגען נח'ן.
דאָ האָט שוין דער „וואָס" זיך אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט
ווי עמיצער וואָלט איבער זיי מיט אַ בייטש אַ פּאַכע געטאָן,
דערנאָך — אַ ליאַרעם פון קולות און קללות, דערנאָך אַ געשריי:

אַט גייט מען אַן אַנדער כאַפּטע באַסיאַקעס ברענגען פֿון גאַס!
דערנאָך זיך אַליין צו דער אַרבעט געשטעלט און לסוף געשיקט
שטאַפּעטן צום ראש הקהל און אויך צו עזריאל קאַרנפעלד,
אַז ס'שטייט אין סכנה די שחיטה פאַר שטאָט און פאַר וואַרשע.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך אין שענק אַריינגעריסן אַ שינדער:
— מע רופט אייך! ר' חיים איז דאַ, ר' מרדכי, דער אידים — אַלע!
די שרעק אויפן פּנים פֿון רופער, די גרויסע לייט וואָס מ'האָט זיי
מטריח געווען — עס האָט ווי אַ ווינט די זאַנגען אַ יאָג געטאָן חברה
צום טיר, נאָר עטלעכע מיילער מיט ציינער צעשצירעטע
האָבן געוואָרנט — ס'איז גלייכער צו בלייבן דאָ. אַוועק דער שליח
מיט גאַרנישט. ר' חיים האָט רוצח'יש געקלאַפּט מיטן שטעקן
אין שטיינערנעם דיל פֿון שעכטהויז, ר' מרדכי צעטומלט פֿון
יונגישער חוצפּה,
האָט ערגעץ אין האַרצן געקוואַלן, און באַלד איז אַוועק אַ פּראָצעסיע
פֿון שעכטהויז צום שענק. ער האָט זיך געפּרוווט אַ הלצה'לע מאַכן,
ר' חיים: — וואָס פֿלוצלינג אַ יום־טוב? באַלד האָבן מיר פּסח,
וועט צייט זיין צו הוליען. אין פּחד און שטומקייט האָט חברה
די ליפּן צעצויגן צום שמייכל, נאָר דאָ האָט אברהמ'ל דערזען
די נקמה אין אַלע פּעטערס און טאַטעס און מיט אַ האַסטיקן אָטעם
און טרוקענע ליפּן אַרויסגעשאָסן אַזוי: — פֿאַראַכטאָגן שבת —
האָט שלום גנב געהוליעט מיט זיינע. איצט ווילן מיר אויך
אַביסל אַ הוליע טאָן... שטום ווי ערב אַ דונער, שפּרינגט אין דער לופט
דער שטעקן ר' חיימ'ס: — יונגאַטש! וועמען רופסטו עס גנב?
— דעם באַמן אייערן! חברה רייסט זיך פֿון הינטן, ס'ווילט זיך
דאָס מויל צעעפענען, זאָגן: מיר זיינען נישט שולדיק. עס טרעטן
מיט אייזן געשמידטע אָפּצאַסן אויף פּיס, עס גראָבן זיך עלנבויגנס
אין ריפּן אַריין — די ליפּן פֿאַרביסענע שטומען. אַרויס פֿון די כלים
ר' חיים און שילט מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס קליידן גאַרנישט
דער באָרד מיטן גאַרטל. אברהמ'ל אָבער האָט שוין געהערט אַזוינס:
— אַז איר וועט ר' נח'ן ברענגען, וועט הייַנט נאָך אַ שחיטה זיין.

אין גאַס פֿאַרן שענק האָט ר' מרדכי געזאָגט: — איר קענט נישט
מיין נח'ן. ער וועט צוריק נישט גיין. נאָר פּועל'ן קען ער ביי זיי.
— טאָ ברענגט אים. — צו וואָס? ער זאָל העלפֿן דעם אַנזעצער
ווייטער דאָ פֿירן די גרענדע? ר' חיים האָט ביטער געקלאַמערט
דעם שטעקן אין פֿויסט און אין פֿינצטער אַרויסגערעדט: — מסכים.
אַ שרעק איז באַפֿאַלן דוואָשע'ן, ווען זי האָט דערזען ביים טיר
דעם גביר'ישן אידים. יענער, צום ערשטן מאָל אין נח'ס הויז,
האָט ס'לשון פֿאַרלאָרן און קוים אַרויסגערעדט: — קומט מיט מיר.
דער שווער איז אין דרויסן. איר וועט שוין אַלץ הערן פֿון אים.

אין דרויסן ביים דראַשקע האָט נח געמוזט עזריאל׳ן נאָכגעבן:
זיך זעצן אין ווייכן זיץ מיט ר׳ מרדכי׳ן און לאָזן דאָס בענקל
צופוסנס פוןביידן פאַר אים, פאַר עזריאל׳ן.

רחמיאל׳ן האָבן זיך טרערן געשטעלט, ווען ער האָט דערזען דעם גאַסט,
און נישט נאָר אים. עס האָט זיך פון העלדזער אַ שטילער געררוף
אַ ריס געטאָן, פּנים׳ער האָבן אויפגעלויכטן און נח אַליין
האָט לאַנג די ברילן געווישט ביז ער האָט די ווערטער געפונען:
— איר דאַרפט זיך פאַר מיר נישט איינשטעלן. איך וואָלט אַלץ איינס
דאָ לאַנג נישט געבליבן. איר טוט אַן ערלעכע אַרבעט, איך אָבער
בין אַ משגיח איבער גזלה. באַהאַלט אייער אחדות
פאַר זיך. עס וועט אייך צונוץ קומען. איצטער גייט אַרבעטן. —
זיי האָבן זיך איינציקווייז דורכגערוקט דורך דער טיר אים פאַרביי.
— אַ גוטע נאַכט, ר׳ נח! . . . געבליבן אין שענק איז ר׳ מרדכי:
— איצט זיינען מיר קוויט. מער זענט איר מיר גאָרנישט שולדיק.
עזריאל אַ בלייכער איז אונטערגעקומען: — מיר וועלן אייך צופירן.
ער האָט זיי געדאַנקט און געבליבן אַליין. איצט האָט זיך געוואָלט
זיך צוזעצן דאָ מיט רחמיאל׳ן, רעדן וועגן דעם שכר
וואָס ער האָט געקראָגן — די ריינע נשמה פון מענטשן פאַרגרעבטע,
נאָר דאָרט אין דער היים האָט דוואָשע געוואַרט,
און ער איז אַוועק מיט אברהמ׳לען. די צונג האָט געביסן
ביים בחור — דערציילן ווי שווער ס׳איז אים אָנגעקומען צו האַלטן
די יונגען, נאָר ער האָט דערפילט, אַז נח טאָר עס נישט וויסן.

אַ טאָג ערב פּסח האָט נח דעם ווייב די בשורה געבראַכט:
— מ׳האָט שלומ׳ען אויך משלח געווען. האָט דוואָשע געזאָגט:
— ווער ס׳גראָבט פאַר יענעם אַ גרוב, פאַלט אַליין אַריין.
ניש׳קשה — זאָל זיין ווייב אויך וויסן וואָס מיינט אַזאַ פּסח.
האָט נח געטראַכט: מסתמא דאַרף זי די טרייסט פון נקמה.

## 18.

שד פון הונגער וויל נישט איינזיצן אין טרוקענע געדערים —
לעצעווען, דאַקוטשען ווילט זיך אים.
אַט אַ שטויס געטאָן אַ האַנט —
שפּרינגט אַ טעלער און צעטענצלט זיך אין שערבלעך.
אַט אַ טשוואָק פון וואַנט אַרויסגערוקט —
ריפּעט זיך אַ פאַלע אויף דער העלפט.
אַט אַ שטיין אַ גליטשיקן אונטער די טריט אַ וואָרף געטאָן —
הענגען פעדים פון דער הויז צוזאַמען מיט דער הויט פון קני.

שלעפּט ער שפּינען אָנצופלעכטן נעצן אונטער סטעליע,
שיקט ער פליגן אויסגעמאָרעטע זיך צו פאַרפּלאָנטערן,
שטופּט אָוועק דאָס מיסט אונטערן בעט
אַז דער בעזים זאָל נישט צוקומען,
מאַניעט מחנות מייז ביינאַכט צום טישקעסטל —
אַז מע נעמט זיך אין דער פרי צום ברויט,
זיינען קיילעכדיקע לעכער אויסגעגריזשעט —
טייל זיך מיטן ביסן מיט די מייז.

קוועלט דער שד.
קייטלט קללות אָן אויף אויסגעקרימטע ליפּן,
רייצט די פינגער מאַמישע מיט נאָענטן לייב —
קנייפּן, פליקן, רייסן —
וויינען קינדער אין די ווינקלען
די פאַרמיסטיקטע, פאַרמייזיקטע, פאַר׳אוויר׳טע.

הייסט מען זיך אַרויסקלייבן.
וואָגן אָנגעלייגט מיט הינקעדיקע חפצים,
אויף אַ זאַק מיט פערינעס און קישנס אויבן אָן
דער שד.
אַלץ איז גרייט פאַר אים אין ענגשאַפט פון דער נייער דירה:
לעכער אין פאָדלאָגע, טשוועקעס אין די ווענט.
שטעלט ער איין דאָס שד׳ישע כלי־זין,
ברעכט זיך, רייסט זיך, לאַטעט זיך,
קללה׳ט זיך און קלאָגט זיך,
שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט —
פון געדערים ביז די קנעכל,
פון דער בייזער לופט אין מויל אַריין
טאַנצט אַרום און לעצוועט דער שד —
הונגער.

## 19.

אַ וואָך און אַ וואָך און צביה די שענקערין זעט —
עס איז נישט קיין תכלית אַרומצוגיין איבער די הייזער
און קלייבן אין טישטוך פאַרטריקנטע חלה און ברויט,
און נח זאָל ערגעץ זיך צושלאָגן קוקט עס נישט אויס.
— וואָס טוט מען, רחמיאל? מע קען אפשר קריגן אַרבעט
פאַר דוואָשע׳ן אַהיים פון דער זעלנערשער שוואַלניע,
נאָר וויפיל וועט זי אַזוי אַנגייען העמדער אַ וואָך?

עס ווילט זיך רחמיאל׳ן תכלית. וואָס ס׳זאָל נישט געשען
מיט נח׳ן, זאָל מען זיין זיכער אין שטוב מיטן ברויט.
אַ ניי־מאַשין קויפן! איז גרייט פון אייגענעם טאַש
אַ צענערל אויסלייגן, אפשר קען מען ביי מענטשן
צונויפנעמען נאָך אַ פּאָר רובל — און ווייטער וואָס?
בלייבט נאָטע דער מלווה. נאָר גיי נעם אַ משכון
ביי דוואָשע׳ן די מעשענע לייכטער! חשבונ׳ט מען אויס,
אַז מער ווי אַ יאָר הכנסה פון קראָם שטייט נישט אין קאָן,
און איז נישט די קראָם געקומען פון נח׳ס הענט?
רחמיאל שרייבט אונטער דעם מלווה אַ וועקסל, און דוואָשע
דאַרף צאָלן פון אירע פאַרדינסטן פּראָצענטן און קרן.

פאַרנעמט פאַרן פענצטער דעם אויבן אָן אַ מאַשין,
און ענגשאַפט ווערט דאָפּלט געדיכטער. עס איז נישט אַזוי
דער האַלבער אייל אויפן דיל, ווי דער פּחד
אַרום דעם גלאַנציקן געטש וואָס האַלט די חיונה פון שטוב
אין זיינע רעדלעך און רימענטן. דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט,
דאָ לייוונט, דאָ העמדער — ס׳איז פרעמדס, עס איז בלוט.
און וויל נישט צו הערן קיין קרעכץ פון דוואָשע׳ן,
ווערט קענטיקער נאָך ווען ס׳כאַפּט איר דער קריזש
און ס׳ווילן נישט דינען די פיס. זיצט נח פון ווייטן
און רעדט נישט, און זי מיטן קאָפּ אין מאַשין לאָזט וויסן:
אָט נאָך אַ פּאָר שטעפּ, וועל איך צושטעלן קאָכן קאַרטאָפל.
נאָך ערגער ווען זי מיטן פּאַק אויף דער פּלייצע גרייט זיך
צו גיין. זי וויל אים נישט לאָזן זיך צורירן, צאַפּלט:
— וואָס ווילסטו פון מיר? סע שטייט מיר נישט אָן
זאָלסט שלעפּן דעם פּאַק אין דער שוואַלניע!... בלייבט ער
צו ניאַנטשען דאָס קינד, קוקט מיט אָפענער שנאה צום געטש,
און טענה׳ט צום קינד: דו זאָלסט זיך נישט לאָזן מבזה זיין
פון געטשן, וואָס מענטשלעכער שכל בויט.

## 20.

עס איז נישט אַזוי וואָס עס טוט אים ווי, עזריאל׳ן —
ער שעמט זיך און בענקט. ער שעמט זיך דערפאַר
וואָס ער האָט נישט געקענט אַ מענטשן דערהאַלטן ביים ברויט
און בענקט נאָך אים, וואָס ער שעמט זיך באַגעגענען.

ווער איז ער, עזריאל? די אָרעמע ייִדעס, רבנים,
האָבן ספרים געשריבן און תעניתים געפאַסט.
דער טאַטע האָט וועגן דער גרויסער טוך־פאַבריק

געטרונקען ווײַן מיט מאָסקווער גוים און נאָכדעם
אַ שטיק אין דער נאַכט געזעסן איבער משניות,
און ער איז אַן אײדים געוואָרן און האָדעוועט קינדער
מיט אַ ווײַב וואָס פּוצט זיך אין בעט פאַר אים
אין זײַדענע שפּיצן און וויל אים פאַרשלינגען מיט גוטסקייט.

ער האָט דאָך זי ליב. ווי מאַיאָווע זון איז איר ליבשאַפט
און וואַרעמע קלוגשאַפט פון אויגן בינדט אים די הענט.
נאָר ווען ער ווערט זאַט פון איר ליבשאַפט, פאַלט אַן
אַן אומעט און ס׳פרעגט זיך: ווער בין איך? צו וואָס?
און נישטאָ ווער עס זאָל אים די קשיא פאַרענטפערן.

געווען אַזאַ איינער. זײַן אייגענעם גורל געלעבט,
נאָר ס׳האָט זיך געדאַכט — ס׳איז אַ שותפות געמאַכט.
און כל־זמן מע טיילט זיך מיט רייד און מע זאָרגט
פאַר יענעמס ברויט — האָט מען אַ חלק אין אים
און יענעמס נסיונות באַזינען דעם אייגענעם וואוילטיק.

אַצינד איז די שותפות אויס. באָדט זיך עזריאל
אין ווײַבערשער גוטסקייט, אין ווייכקייט פון טעפּיכער,
אין שײַן פון בורשטינענעם טיי און ריח פון אײַנגעמאַכטס,
און ס׳ווײַב אונטער פּוכענער קאָלדרע דערפילט
ווי ס׳וואָלט דער מאַן מיט איר חסד געטאָן, ווײַל אַליין
איז ער זאַט און מיד פון דער זאַטקייט, און וואו
זאָל זי זוכן פאַר אים וואָס אים פעלט?

דערוויסט זיך ראָזע, אַז נח לערנט צוויי שעה
מיט בורשטיינ׳ס אַ יינגל — זײַן אײנציק שטיקל פאַרדינסט —
געפינט זי פאַר דוואָשע׳ן אַרבעט, ציכן און ציכלעך,
און שפּאַרט זיך אײַן, אַז זי מוז איר דוקא אַליין
די אַרבעט ברענגען און נח זאָל עס נישט וויסן.

זי זיצט ביי דער נײ־מאַשין, קוקט זיך צו
צו יענערס פאַרגרעבטע, צעשטאָכענע פינגער,
פאַרקוקט אין די בלאָע אויגן, פאַרגלײַכט די גלידער
פון אייגן געכאָליעטן לײַב מיט יענערס אונטער דער יאַקע
און קלייד — זי קרעכצט זיך אין אוויר פון דלות און זיצט.
רעדט דוואָשע פון היימישן שטעטל און מיידלשע יאָרן,
פון חתונה, מאַן אין דער פרעמד, קינדער געזויגטע,
פון הונגער און קראַנקשאַפט און מלאך המות,
און ראָזע טרינקט די רייד ווי אַ ביטערן מין רפואה

און קוקט זיך אין שפיגל דערנאָך צי איז שוין פאַראַן
אַ שיין אין די אויגן פון דעם וואָס זי האָט געטרונקען.

צומאָלס ווערט איר ענג אין האַלדז פון יענערס רייד.
די פרוי דערשפּירט אויך אין זיך דעם גורל פון יענער,
וואָס שיצט זיך אַנטקעגן אַלץ מיט דער ליבשאַפט צום מאַן.
עס גליט אַ רחמנות אויף אָט דער שיינקייט, וואָס ווייס נישט
ווי שיין עס איז דאָס וואָס טריקנט אין איר, און דערמלט
כאַפּט זיך ראָזע ביים האַנט: זי גנב'עט! נאָר כל־זמן
קיינער ווייס נישט דערפון — וואָס קומט דען דוואָשע'ן אָפּ
דערפון וואָס זי קויפט ביי איר חן פאַרן מאַן?

## 21.

פון ביידע זייטן שאָסיי גרינען פעלדער פאַר פאַשע.
אַ פאַסטעכל טרייבט אַ קו פון שאָסיי אַוועק.
צוויי שיטערע שורות טאָפּאָלן מיט קרוינען פאַרשפּיצטע
ווייזן צום נאָנטסטן ישוב דעם וועג.

ביים זייט פון שאָסיי שפּאַנען נח מיט עליען.
ס'איז גרינג מיטן האַרציקן בחור דער גאַנג.
פון צווישן געשלאָסענע ליפּן ווי פויגל באַפרייטער
אַנטקעגן דער זון פלאַטערט אויף דער געדאַנק.

נ ח :

אַנומלטן האָב איך דאָ אונטער אַ בוים געטראָפן
דעם אַלטן איוב מיט זיינע טרייסטער, די דריי.
געזעסן פיר זקנים, גע'חקירה'ט זיך און גע'חקירה'ט,
און ס'האָבן די וואונדן ביים אַלטן געיאָטערט סיי־ווי־סיי.

נאָר אָט איז געקומען דער יונגער אליהו בן בוזי
און אַנגעשריגן מיט גרויס אמונה ווי יוגנט טוט,
האָט קיינער מער נישט געדאַרפט די זקנ'ישע חקירות
און הימל איז ווידער געבליבן גערעכט און גוט.

ע ל י ע :

איך אויך זע אַמאָל אויף דער וואָר חלומות
און מענטשן פון ביכער קומען מיט זייערע רייד.
ערשט נעכטן האָט מיך דער פּרינץ פון דענעמאַרק האַמלעט
אַ גאַנצן טאָג וואו איך בין געגאַנגען באַגלייט.

אַט איז דאָך שוין האַמלעט געווען אי יונג אי גלויביק
און האָט דיזעלבע קשיא וואָס איוב געשטעלט —
פאַרוואָס האָט אים די אמונה גאָרנישט פאַרענטפערט
און ער האָט געמוזט מיטן רשע גלייך אַוועק פון דער וועלט?

נ ח :

ווי קען די וואונדן פון האַמלעטן היילן אמונה?
אַט שטייט ער דאָ אויך מיט די זקנים און הערט.
די זקנים גלעטן די ווייסע בערד מיט די פינגער,
און ער — זיינע פינגער קלעמען דאָס הענטל פון שווערד.

און גייט מען אַליין מיט אַ שווערד זיך פאַרמעסטן
אויף יענע וואָס הערשן מיט גזילה און מאָרד,
איז מעג זיך ריכטן אויף מאָרד — ס'איז נישט הימל
וואָס ענטפערט מיט נסים אויף גלעטן די באָרד.

ע ל י ע :

ס'איז אמת. אַנטקעגן הימל קען יעדער זיך שטעלן
און קען מיט אמונה אים בייקומען אויך.
נאָר די וואָס ליידן פון רשעות זיינען די שוואַכע,
און שטעלן זיך קעגן איר איז נישטאָ קיין כוח.

נ ח :

איז האַמלעט, דער פרינץ פון דענעמאַרק, שטאַרקער געווען
ווי אונדזער אברהמ'ל, דער קצב־יונג?
נאָר איינער איז אויפגעקומען אין פּאַלאַץ, אַ שטאָלצער בן־מלך,
דער צווייטער אין דלות, אַן אָרעמע שטומע צונג.

עס איז נישט די שוואַכקייט פון שוואַכן, וואָס מערט די רשעות—
די אייגענע שפלות האַלט דעם מענטשן אין קלעם.
פאַרטשעפּע נישט אים אַליין, נאָר זיין גאָט אין הימל
און ער וועט גיין ווי אַ גבור אויף קדוש־השם.

נאָר גיי דערצייל אַברהמ'לען, אַז קדושה און גבורה
וואַקסן פון אים אַליין ווי זאַנגען פון שטויב,
אַז ער אַליין האָט דאָס ליכט אין הימל פאַרטראָגן
און ער אַליין איז דער וואָס גלויבט און דערהויבט.

ע ל י ע :

פאַרוואָס זיינען אַלע וואונדער אין וויטע פאַרצייטן?
אַמאָל — כולו־קודש, און היינט — כולו־חול?
פאַרוואָס זאָל אַ פלאַמיקער נביא ווידער נישט קומען
און עפענען אויגן מיט בליצן אַזוי ווי אַמאָל?

נ ח :

דער חול איז געווען אַלעמאָל און די פונקען פון קדושה
האָבן זיך עלנט געראַנגלט אַזוי ווי היינט.
דער חול איז אין חלל צערונען, די קדושה ווי שטערן
דעם הימל פון ווייטע אַמאָלן באַשיינט.

אַמאָל וואָס געווען און אַמאָל וואָס וועט קומען —
ס'איז ביידע דאָס זעלביקע וואָרט, אות אין אות.
דאָס גרעזל וואָס שטאַרבט לאָזט אַ וואָרצל איבער
פאַר אויפגאַנג פון נייעם זאַפטיקן גראָז.

מיר זיינען דער הויפן ערד פאַרן גרעזל
און אַלע אַמאָלן אין אונדז פאַרקניפּט.
ווען מענטש וועט דעם קנופּ דערקענען, וועט נעכטן און מאָרגן
זיך זייען דורך אים ווי מעל דורך אַ זיפּ.

וועט ווערן איין היינט פון אַלע צייטן און דורות,
פון אַלע ווייטן און רוימען וועט ווערן איין הי,
און מענטש וועט זיין דער ליכטיקער ראַנד פון באַגינען
וואו הימל און ערד באַגעגענען זיך אין גלי.

ווען מענטש וועט דעם קנופּ דערפילן, וועט טויט פאַרשווינדן
ווי חושך פאַרשווינדט אין שפּראָץ פון שיין,
און קיינער וועט מער נישט פרעגן: זיין אָדער ניט־זיין,
ווייל אַלץ וואָס וועט בלייבן וועט זיין — דאָס זיין.

וועט ווערן פאַרגעסן די מורא און ציטער,
וועט שטאַרבן די רשעות און תאוה צו מאַכט.

— — — — — — — — — — — —

ער רעדט און מיט איינמאָל די ליפּן פאַרביסן,
פאַרהאַלטן דעם טראָט און אַליין זיך צעלאַכט:

אויב נישט דער גן־עדן פון העלער אמונה,
וואָס אַנדערש קען היילן איוב'ס וואונדיק לייב?
דער יינגערער חבר שווייגט. די וואָלקנס גליען.
אַ פאַסטעך פון פאַשע די טשערעדע טרייבט.

מען גייט צוריק אין שאָטנס וואָס פאַלן אויף פעלדער,
אַנטקעגן קומען פורן פון אַ יאַריד,
די רעדער קלאַפּן אויף שטיינער דעם אַנקום פון אָוונט
און אַנקום פון אָוונט טרייבט די שטומע טריט.

## 22.

מ׳האָט אים אַ רוף געטאָן פון גאַס: — וואָס מאַכט דיין ווייב?
ער האָט זיך אומגעקוקט, דערזען אין ברישקע
דעם אַלטן דאָקטער וואַלישעווסקי מיט די לייצעס אין די הענט
און צוגעגאַנגען. יענער האָט געהאַט הנאה: — גוט אַזוי!
אַז מ׳איז פאַרטאָן מיט עפּעס איז קיין צייט נישטאָ
צו טראַכטן פון חולאת׳ן. נו, און דו פאַרדינסט נישט?
האָט נח אים געמוזט דערציילן, און ערשט דעמלט
ווען יענער האָט אים אָפּגעשטעלט: — וואָס טייטש אַ נאמן? —
געכאַפּט זיך, אַז זיי ריידן יידיש. נאָך אַמאָל
באַטראַכט די הויכע ברעמען איבער גרויע אויגן,
די עלטער־זעקעלעך אונטער געגאָלטע באַקן,
און כאָטש פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער האָט מסתמא
דאָס גאַנצע לעבן זיך געטליקעט צווישן יידענעס,
איז דאָך געווען אַ חידוש אויפן גוי. דער דאָקטער
האָט אַ פאַרכאַפּטער אויסגעהערט די מעשה, נאָכגעפרעגט
וואָס פאַר אַ ביכער ס׳האָבן נח׳ן געקאָסט דאָס ברויט,
געשאָקלט מיטן קאָפּ און אים אַריינגעשטעקט אַ האַנט:
— כ׳וועל זיך אַריינכאַפּן פונדעסטוועגן אַ קוק טאָן
ווי גייט עס איר ביי דער מאַשין. — אַ צי געטאָן די לייצעס,
און נח איז אַוועק. נאָר אין אַ ווייל אַרום — דער אַלטער
איז דאָ צוריק: — כ׳האָב זיך פאַרקירעוועט צו דיר טאַקע.
איך האָב דאָ נאָך אַ פּאָר חולאים אָפּצו׳פּטר׳ן
און פאָר אַהיים. וואָלסט וועלן צוקומען צו מיר?
— נאָך וואָס? — פרעגט נח. — איך וועל דיך נישט אָפּבייסן.
וועסט קומען, וועט מען זיצן, שמועסן אַביסל.

די דינסט האָט אים אַריינגעפירט אין עס־צימער.
— אָט איז ער! — האָט דער אַלטער זיך דערפרייט.
— דאָס היטל קענסטו אָנטאָן אַז דו ווילסט! — און גלייך
אים פאָרגעשטעלט: מיין פרוי, מיין שנור, מיין אייניקל.
די פרויען, קענטיק, האָבן זיך געריכט אויף אים
און צוגעגרייט אַ גלאָז ביים וואַרטנדיקן שטול.
ס׳איז נישט געווען קיין נייגיר אין די אויגן זייערע
און נישט קיין חידוש וואָס אַ ייד אין אַזאַ קאַפּטאָן
קומט זיצן דאָ ביי זייער טיש. ער האָט דערפאַר
געקענט באַטראַכטן זיי מיט פרייע אויגן:
די אַלטע מיטן ווייסן שרונט אין מיטן קאָפּ
אין רעדער־שטול, די שנור — אַ דינע, נישט נאָך אירע יאָרן,
און ס׳אָכצניעריק מיידל מיטן צאָפּ פאַרפלאָכטן

אַרום דעם קאָפּ — באַטראַכט זיי און דערזען ווי אַנדערש
די זאַטקייט קוקט דאָ אויס. די ווייבער אין ר' מרדכי'ס הויז —
ביי זיי קוועלט עס אַראָפּ פון פּנים, שפּרודלט פון די אויגן.
דאָ איז עס שטיל און פּראָסט און אַז דו זיצסט מיט זיי אַ ווייל
דערשפּירסטו גאָר אַ צער איבערן טיש. אַט פּראָסט אַזוי
באַדינט די שנור אים מיטן טיי, דאָס אייניקל מיטן געבעקס,
און אַז זיי ריידן פּויליש צווישן זיך און נח זאָגט,
אַז ער פאַרשטייט אַביסל, טוט עס זיי הנאָה
און יעדע איינע פּרוואווט עפּעס אַליין אים זאָגן.

מ'איז אַריבער אין אַ צווייטן צימער —ביידע מאַנצבילן,
דער דאָקטאָר האָט אַ פּיר געטאָן אַ האַנט איבער אַ וואַנט
מיט ביכער: — מעגסט נעמען וואָס דו קאָנסט פאַרשטיין.
זיך איינגעזעצט און אים באַפוילן פּשוט: —איצט דערצייל!
דערשטוינט, האָט נח זיך גענומען פלאָנטערן: — איך ווייס נישט
וואָס אייך דערציילן. אַט געלעבט — ווי אַלע יידן. גאָרנישט!
דער אַלטער האָט געשמייכלט, צוגערוקט זיין שטול,
די האַנט אַוועקגעלייגט אויף זיינער און מיט אַ מין טאַטישקייט
גענומען שטעלן קשיות. ווייכער שטול, אַוועקגעריסנקייט
פון היים און גאַס, די האַנט אויף זיינער און דער שמייכל
פון גרויע אויגן איבער שווערע וואָנצעס גוי'אישע —
ס'האָט מאָדנע איינגע'כשופ'ט און זכרונות האָבן זיך צעבונדן.
דערפילט — ער דאַרף שוין מער נישט מאַנען, האָט דער אַלטער
די האַנט אַוועקגענומען און געהערט — אַלץ שווערער,
פאַרזונקענער. אַט פאַלט אַראָפּ דער קינבאַק אויפן ברוסט,
די אויגן שליסן זיך און נח ווערט אַנטשוויגן. עפנט ער
די אויגן, זאָגט: — איך הער! — און ווידער וויקלט נח
דעם פאָדים פון די שלאַכטן זיינע — אין דער יוגנט
מיט בלינדקייט פונם אייגענעם לעכצן, און דערנאָך
מיט רשעות און די תאוות פון דער וועלט. ער רעדט
און ווידער דאַכט זיך, אַז דער אַלטער שלאָפט פאַרזונקען,
נאָר ס'הויבן זיך די שווערע אויגן־דעקלעך,
און שטיל די ווערטער ציילט ער: — דו ביסט אויך געקנאָטן
פון זעלבן טייג. אַ בלוט אַזאַ ווי דיינס ביי אונדז האָט זיך
אויף תליות אויסגעריכט צי אין די טונדרעס פון סיביר.
— אויף תליות? — ווערט דאָס מויל ביי נח'ן צעעפנט.
— דאָס מיידל דאָרט האָסטו געזען? דער טאַטע אירער
איז אויף אַ בוים געהאַנגען. — בלייבט נח אַ פאַרגליווערטער.
— ווי אַלט ביסטו געווען אין דער פאָווסטאַניע? — ס'וואָרט
שלאָגט אָן אין אַ מין שרעק, וואָס האָט זיך דורכגעקאָלערט
דורך שטעטלעך, וואו ער האָט געלערנט — פון דער ווייט.

פון וועלדער, הויפן פריצ׳ישע — נאָר פון די ווענט
פון מוסר־שטיבל און בית־מדרש אָפּגעשלאָגן זיך צוריק
און נישט דערגרייכט צו אים. ער זאָגט: — אַ זעכצן־זיבעצן.
— ביסטו דאָך גאָר אַ שנעק און האָסט אַ פּנים פון אַן אַלטן ייד.
ניין, מיינער איז געווען אַ צען יאָר עלטער. מעדיצין געענדיקט
און חתונה געהאַט. און ס׳האָט זיך זיי געדאַכט — מען קען
מיט דראָנגען און מיט קאָסעס דעם מאָסקאַל פאַרטרייבן.
אַ הייפל אָפּיצערן, אונדזערע און זייערע, האָבן געדאַרפט
דעם גאַרניזאָן פאַרנאַרן, און די כלאָפּעס מיט די דראָנגען
די פעסטונג איינהאַלטן. איז האָבן זיי אַליין, די כלאָפּעס,
די אָנפירער גע׳מסר׳ט און די ערד אויף זיי פאַרטאָפּטשעט.

ס׳געשעט אַ ווילדע זאַך. די אויגן וואָס האָבן געברענט
מיט טרוקן פייער איבער קברים פון די אייגענע קינדער,
ווערן פול, און טרערן קייקלען זיך פון אונטער די ברילן.
דער אַלטער זאָגט: — אין הויז דאָ וויינט מען נישט אויף דעם.
— ס׳איז נישט אויף דעם. — וואָס דען? — אויף אונדז.
— פאַרוואָס אויף אייך? — אויף אונדז וואָס שטאַרבן אַלע טויטן
און זיינען מער נישט זוכה אומצוקומען מיטן טויט פון גאולה.
— כ׳פאַרשטיי דיך נישט. — ער מוז פאַרטייטשן, און דער אַלטער
געפינט אַ טרייסט פאַר אים: — געווען אויך אייערע
וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַרן פאָטערלאַנד.
דער גאַסט קוקט אַן פאַר׳חידוש׳ט און דעם אַלטן דאַכט זיך
ווי ס׳וואָלט אַ שמייכל זיך באַהאַלטן אין דער באָרד.
ער ציבדט זיך אָן, שטייט אויף און שטייענדיק אַזוי
ווי אַ מוכיח האַגלט ער אויף נח׳ן מיט אַלע חסדים
וואָס ס׳מלכות פוילן האָט געטאָן דעם פאָלק ישראל
און אַלע רשעות׳ן פון מאָסקאַל אויף ביידן. נח הערט —
ער דאַרף אַ שותף ווערן צו אַ צווייטן גלות. וויניק נאָך
דער יאָך פון אייגענער געפאַלנקייט, איז דאַרף ער
דעם פריץ העלפן טראָגן זיינע אויך. ער וואַרט
ביז יענער וועט זיך אָפּשטעלן און הייבט אָן ריידן.

— עס איז געגליכן — זאָגט ער — צו אַ מענטש, וואָס האָט געקראָגן
אַ לונגען־פעלער, טרעפט ער אָן אַן אַנדערן, מיט הענט און פיס
געליימטע, און ער רופט אים זיך צוזאַמען היילן.
וועט איר זיי היילן מיט די זעלביקע רפואות? וואָס איז אייער קרענק?
מיר האָבן אויך אַמאָל געהאַט אַ לאַנד און אויפן לאַנד
די האַנט פון שונא, אָבער ווען דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק
האָט זיך געוואָלט באַפרייען, האָט זיך עס באַפרייט.
איר וואָלט עס אויך געקענט. נאָר אייערע כלאָפּעס גיבן איבער

די קינדער אייערע צום שונא און פאַרטאָפּטשען זייערע קברים.
נקמה נעמט דער כלאָפּ. פאַרוואָס ? פאַר שקלאַפעריי, פאַר שמיץ,
פאַר הינטיש לעבן. (ליפּן ציטערן ביים אַלטן, אויגן גליען,
נאָר פונעם מויל קיין וואָרט נישט). — און פונדעסטוועגן
געגאַנגען דאָך די כלאָפּעס קעגן ביקסן און האַרמאַטן
מיט דראַנג און קאַסע. ווייל ס'איז ליב דאָס שטיקל ערד.
ס'איז היימיש, אייגנס. וואָס־זשע ווילט איר נאָך ?
דערהייבט דעם מענטשן, דעם געפּאַלענעם, קויפט אויס
די עוולות אייערע און איר וועט אַלע גלייך דערלייזט ווערן.
ווייל אַלע ווילט איר עס. איר ווילט עס אַלע, אַלע.
מיר ווילן שוין נישט מער. מיט הענט און פיס געליימטע זיצן מיר
ווי קאַליקעס און וואָס עס זאָל אויף אונדז נישט קומען
איז רעכט. ביי אונדז דער פריץ וועט דעם קאָפּ פאַרלייגן
פאַר זיינע גילדנס, נאָר קיין טראָפּן בלוט נישט געבן
פאַר גאולה. אַז ער דאַרף קיין גאולה נישט. און ס'פאַלק,
דער אָרימאַן — נישט בלויז אַ דראַנג און קאַסע קעגן שונא —
ער וועט קיין שפּענדל פון דער ערד נישט הייבן קעגן די
וואָס דריקן אים. די זכיה צו באַוויינען זין געהייליקטע
אויף תליות איז ביי אייך. ביי אונדז האָט מען אויך דאָס
אָוועקגענומען. — מיט די ציין פאַרביסן קוקט דער אַלטער
און ווידער מעסט ער אָפּ זיין גאַסט: — דו ביסט אַ סאָציאַליסט.
— אַ וואָס ? — אַ סאָציאַליסט. — איך ווייס נישט וואָס איך בין.
— איך וועל דיר מיטגעבן אַ ביכל, וועסטו זיך דערוויסן.
דאָס קען נישט נח — קען נישט אין דער היים וואו ס'זיצט
דאָס ווייב איבער דער ניי־מאַשין זיך נעמען ביכלעך לייענען.
פאַרשטייט דער אַלטער, פירט אים צו דער שנור אַרויס
און בעט זי זאָל אים איינלאַדן צו זיך אַן אוונט.

אַ מאָדנער עולם. מיטן אַלטן און דער שנור ביים טיש
אַן אָפּיצער, אַ פרוי אַ פעלדשערקע פון אַ שפּיטאָל,
אַ שרייבער פון אַ קאַנצעלאַריע, אַ מעכאַניק פון דער באַן,
און צווישן זיי אין לאַנגן קאַפּטאַן מיט די ברילן — נח.
ער איז דער גאַסט, און אַלע מיען זיך אַריינ'טענה'ן
אין אים און ווילן פון אים הערן עפּעס. פּלאָנטערט זיך
דער צונג אין פרעמדן לשון און דער אַלטער העלפט אים צו,
און ס'ווערט אַלץ העלער פון אַ וואונדערלעכער בשורה,
און ס'ווערט אַלץ ביטערער און עלנטער. די גויים דאָ —
וואָס טוען זיי מיט אים ? ווי מיט אַ חדר־ייִנגל קנעלן זיי
מיט אים די נבואה, וואָס איז טעגלעך אויף די ליפּן זיינע,
נאָר אויף די ליפּן זייערע איז עס ניט שטראָף און טרייסט,
נאָר מעשים, טוואונג. נישט דער פּאָסטעך עמוס,

וואָס מוסר'ט אָפּ און גייט אַוועק, נאָר צאָרנדיקער אליהו,
וואָס ברענט דעם שקר מיט די פייערן פון הימל.
דאָס קנעלן זיי מיט אים, די גוים. אַלץ ביי זיי!
קדוש־השם, נבואה און דער העכסטער גאַנג פון נבואה —
יצירה, מעשה! און ביי אים בלויז רייד, רייד, רייד! . . .
ער שעמט זיך נישט. ווי פאַר אַן עדה ווירדיקערע, העכערע
איז ער זיך מודה אין זיין דלות און זיי טרייסטן אים:
זיין שטאַם איז נישט דער לעצטער צווישן די וואָס לערנען
ווי אויסראָטן דאָס שלעכטס. ער הערט — אין יעדער שטאָט
איז דאָ אַ הויז ווי דאָ — אַ מין בית־ועד לגאולה.
ער הערט פון לענדער, וואו דער דלות, דער געשלאָגענער,
איז אויפגעשטאַנען מאַנען יושר ביי די האַרן. הערט
פון יונגעלייט וואָס גייען אום איבער דער וועלט
ווי פויערים פאַרשטעלט און לערנען גאולה מיטן פאָלק.
מע רודפ'ט זיי. מע פאַקט זיי אין די תפיסות,
און זיי — זיי גייען מער און מער. ער הערט, און אויף אַ רגע
כאַפּט אַן אַ מורא פאַר די בלישצענדיקע קנעפּ פון אָפיצער —
צי איז ער נישט אַליין אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ דאָ — הערט ער
נישט מער קיין ווערטער, נאָר דעם קלאַנג און אָטעם
פון זייערע שטימען צו דערשפירן ס'האַרץ פון אמת,
און ס'האַרץ איז דאָ און ער קען ווידער אונטערגעבן זיך
דעם כשוף, דער פאַרפלייצעניש פון נס אין וועלט
און צער אין אים אַליין.

ער גייט אַהיים,
אַהיים צו ווייב, מאַשין און שטומקייט. נאַכט אין שטאָט
ווי פאַראַיאָרן, ווי פאַר הונדערט יאָר. נאָר איבער שטאָט
און נאַכט אַ ווייסער רעגנבויגן הענגט, אַ רעגנבויגן
פאַרוואָרפן מיט זיין אָנהייב הינטער יאָרן טויזנטער,
און ס'זעט בלויז ער ווי איבער נאַרישע פּאַרלאַזטע דעכער
אַ מילך־שיין שימערט פונם ווייסן רעגנבויגן. העי, ר' ייד!
אייך מיין איך טאַקע — איר וואָס שפּאַנט אַהיים פון ערגעץ!
איר האָט געמיינט, אַז ביז דער ווייסער רעגנבויגן
וועט ווידער אויפן הימל אויפלויכטן, וועלן די אויגן אויסרינען?
איר מיינט נאָך אַלץ אַזוי? דעריבער טאַקע שפּאַנט איר עס
די נאַז אַראָפּגעלאָזט? האָט קיין פאַראיבל נישט, ר' ייד —
איר זענט אַ שוטה! איר זענט אַ טפּוש! אַן עם הארץ גמור!
מיר דאַרפט איר נישט דערציילן. כ'ווייס!
ווייל איך בין עס אַליין. אוי, בין איך עס!

## .23

— וואָס איז מיט דיר, יאַנקל? — ס׳איז גאָרנישט, מאַמע!
— דער קאָפּ טוט דיר וויי? — ניין, גאָרנישט טוט וויי.
— איז וואָס־זשע טאַפּסטו דעם קאָפּ יעדע ווײַלע?
— ס׳איז גאָרנישט, מאַמע, גלאַט אַזוי.

בײַנאַכט ווען ער שלאָפט רירט זי אָן דעם שייטל.
— אוי ווי איז מיר, נח, בלויז בייל און געשוויר!
ער גראָבט זיך אַריין מיטן קאָפּ אין קישן
און קריצט מיט די ציין ביי יעדן באַריר.

—מיט וועמען האָסטו זיך געשלאָגן, יאַנקל?
— מיט קיינעם נישט, טאַטע, ווי איך בין אַ ייד.
— איך וועל דיך נישט שלאָגן. מעגסט זאָגן דעם אמת.
ער קוקט ווי אַ חיה און ענטפערט ניט.

— וועסט ריידן צי ניין? — איך טאָר נישט זאָגן.
און פּלוצלינג בוכעט ער אויס אין געקלאָג:
— איך טויג נישט צום לערנען. דער מוח באַנעמט נישט.
דער רבי איז תמיד גערעכט ווען ער שלאָגט.

— דער רבי? מיט וואָס? מיטן פויסט, מיט אַ שטעקן?
— ניין, ניט מיט אַ שטעקן. אין וואַנט מיטן קאָפּ.
און ווידער אַ יאָמער: — אך קען מיר ניש העלפן.
איך בין שוין אַזאַ — בורילאַ, אַ כלאָפּ.

◈

דעם דעמבענעם שטעקן אין פויסט פאַרקלאַמערט
שפּאַנט נח צומאַרגנס מיט ביידע זין.
דער קליינער מיט רוגזה — אים שלאָגט דאָך ניט קיינער,
דעם גרויסער מיט אימה — צום יום־הדין.

עס טומלט דער חדר. מלמד נישטאָ נאָך.
מלמדים טרינקען פרימאָרגנס טיי.
— מיך דאַרפסטו נישט האַבן — וויל שמעון אַנטרינען.
— וועסט מוחל זיין גיין מיט מיר וואו איך גיי.

געבעקס אין די קוישלעך און טיי אין די גלעזער.
עס פינקלט און רויכערט דער סאַמאָוואַר.
— ווער איז דיין מלמד? וואָס ציטערסטו? כ׳פרעג דאָך!
אַ טיש מיט מלמדים קוקן פאַרשטאַרט.

— זענט איר דאָס דער שיינער מחנך? שלאָגט איר דאָס
די תורה אַריין מיטן קאָפּ אין דער וואַנט?
— ווער איז ער, דער יחסן? אַ גייע מין גזירה
מע שלעטפּ אים צום וואַנט: — כ'וועל אייך ווייזן דעם טעם!

אַ זופּ פון דער טיי און כיכיקעט אין בערדל:
— וואָלסט מיינען — אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם!
נאָר קוים ער דערזאָגט עס — אַ פויסט ביי זיין קאָלנער,
מע שלעפּט אים צום וואַנט: — כ'וועל אייך ווייזן דעם טעם!

אַ גוואַלד, אַ געליאַרעם. ווי בייסיקע בינען
אַ ריבאייזן נעגל אין נח'ס געניק.
אַ ריס און אַ שליידער, געבראָזג און געשרייען —
דער טיש אויפן דיל אַ צעכראַסטעטער ליגט.

פאַרכליאַפּעטע פּאָלעס און קניען צעבריטע,
צעשאָטענע קוילן פון סאַמאָוואַר,
און נח פּאַכט אין דער לופט מיטן שטעקן,
און עמעצער שרייט: — גוואַלד, יידן, פּאָזשאַר!

ער כאַפּט ביי די הענט די צעטומלטע בנים
און לאָזט זיי נישט אָפּ ביז אַרויס אין גאַס.
די אויגן יאַנקל'ס — צום טאַטן מיט ליבשאַפט,
די אויגן שמעונ'ס — צום ברודער מיט האַס.

◈

אַ שעה נישט אַריבער און סטראַזשניקעס קומען
פאַרנעמען דעם שלעגער אין פּאָליצײ.
זאָגט אָן וואָס מע דאַרף אויף האַלב לשון־קודש
און לאָזט זיך געלאַסן פירן פון זיי.

לויפט דוואָשע מיט יאַנקלען צו רודניק, דעם שרייבער,
מיט אים צום דאָקטאָר און אַדוואָקאַט.
מען ציט ווי מיט צוואַנגען די ווערטער פון יאַנקלען,
מע גאָלט אים דעם שאַרבן אָפּ ווי אַ סאָלדאַט.

מע וואַשט אים, מע שמירט, מע וויקלט אין בינדעס,
מע שרייבט אַ פּאַפּיר אַזאַ — פּראָטאָקאָל.
און יאַנקל זעט — עס פאַרקאָכט זיך אַן אומגליק
פאַר טאַטן, מלמדים און גאַנצן קהל.

אויף מאָרגן אַ מחנה גבאי'טעס קומען,
ס'גיהנום אין זייערע מיילער ברענט:
— פאַרשטיינען זיי דאַרף מען, די משומדים!
אַ תלמוד־תורה אין גוי'שע הענט!

צווי פינצטערע וואָכן ליגט יאַנקל באַהאַלטן
און שעלט זיין וויסטן געבוירן־טאָג,
און דוואָשע שטייט מיטן קינד אויפן אָרעם
הינטערן מויער פון אָסטראָג.

◈

דעם אָוונט ווען נח איז פריי געקומען,
האָט שוין רחמיאל שענקער געוואָרט :
— ווען איך בין איר, וואָלט איך מאָרגן אין דער צייט
שוין ערגעץ וואו אין דער פרעמד אַנגעשפּאַרט.

ביינאַכט האָט זיך קיינער נישט צוגעלייגט. אַלע
געזעסן ביים טיש — אַ משפחה־ראָט,
און ס'האָט זיך געדאַכט — אויך די זין גיבן עצות,
כאָטש טאָטע האָט אַלע פּלענער געהאַט.

מ'עט בעטן אברהמ'לען — אַ בחור אַ דימענט,
וועט יאַנקל מיט אים אין ציגעלניע אַוועק,
און שמעון וועט פאָרן אין מאַלטש צו די קרובים,
און אויב נישט ביי זיי, וועט ער עסן טעג.

און ער וואוהין גייט ? וועט צום שוואָגער שמואל
אין סעלץ אַוועק אויף אַ וואָך אָדער צוויי.
אַן איינפאָר־הויז, מענטשן קומען און גייען,
זיך עפּעס דערוויסן, דערשלאָגן דורך זיי.

אַ זייגער שלאָגט ערגעץ וואו ביי אַ שכן.
אַ טרער אויפן אַקסל, אַ קוש, אַ כליפּ.
דאָס פּעקל צום שוועל אים צוגעטראָגן,
און נאַכטיקע טיר כאַפּט זיך אויף מיט אַ סקריפּ.

אַ גרויער געלאָף פון נאַכטיקע וואָלקנס,
נאָר טויאיקער גראָז איז ווי בעטגעוואַנט ווייס.
די נאַכט בלייבט הענגען אויף שטאָטישע דעכער,
אין אָפענע פעלדער פרימאָרגן שפּרייזט.

קאַפּיטל אַכט

# וועג אין וואַלד

## .1

עס איז געווען אַ פּריק אין דער געגנט, וואָס פון זינע פעלדער
האָט דער פּאָדראַטשיק מאַרק סעמיאָנאָוויטש עפּשטיין
געגראָבן זאַמד דעם שליאַך צו גלייכן דורכן וואַלד,
וואו מ׳האָט געלייגט די נייע באַן-ליניע. פון אים האָט שמואל
אַ בריוו געקראָגן פאַרן שוואָגער צום פּאָדראַטשיק,
און מ׳טן בריוו איז נח אָנגעקומען קיין קאָברין. אַ טאָג געזעסן
אין גאַס פאַרן קאַנטאָר מיט פּויערים פון הי און פרעמד
און נאָכגעשפּירט ווי זיי די טריט פון יעדן דורכגייער,
נאָר אויפן אָדון נישט דערוואַרט זיך. דורכגעוואַלגערט זיך
אַ נאַכט אין אַ בית־מדרש און ערשט מאָרגן שפּעט נאָכמיטאָג
זיך איינגעבעטן ביים משרת אָפּצוגעבן ס׳בריוול.

אַ הויכער, סטאַטנער, מיט אַ שפּיציק בערדל, ראָזע באַקן
און גילדענע פּענסנע, האָט דער פּאָדראַטשיק דורך די שייבלעך
אַ מעסט געטאָן דעם אַרבעט־זוכער, נאָך אַמאָל אַריינגעקוקט
אין בריוול און געזאָגט אויף רוסיש: — כ׳ווייס נישט וואָס
איר קענט דאָ טאָן ביי מיר. דער אורח — אינם זעלבן לשון:
— איך קען טאָן אַלץ. מיר איז קיין חילוק נישט. דער אָדון
וואָלט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער אויפן גרייטן "אַלץ",
ווען נישט די טרויעריקע שטייפקייט אינם אורח׳ס קול.
האָט ער געקנייטשט דאָס בריוול און גערוסישט: — אַז נישטאָ
אַזעלכע אַרבעטן ביי מיר, איר זאָלט זיך אויסטויגן.
און יענער מיטן זעלבן קול: ער קען טאָן אַלץ...

ווי ווערט מען פון אים פּטור? האָט שוין מאַרק סעמיאָנאָוויטש
גענומען איינ׳טענה׳ן אויף יידיש: — דאָ איז לויטער גויים,
נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אייך... פון יידיש ביים פּאָדראַטשיק
האָט נח׳ן גענומען דויבען עפּעס אין געהירן. האָט דאָס מויל
צעעפנט, דורך די ברילן דורכגעדרונגען הינטער די פּענסנע
פון יענעם און צו זיך אַליין, ווי נאָכזאָגנדיק עמעצן,
אַרויסגעמורמלט: — מאָטל! אָבער יענער האָט דערהערט.
איז בלייך געוואָרן און אַ פרעג געטאָן: — ווער זענט איר?
דער בלייכער פרעג האָט נח׳ן דאָס לעבן אָפּגעזאָגט.
האָט ער גענומען מאָלן, אָפּווישן: — איר קענט מיך נישט...
ס׳איז גאָרנישט... ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט... אַ טעות...

— איך האָב פאַר אײך קײן אַרבעט נישט! איצט האָט דער זאַג
געשניטן מיטן לעצטן פּסק־דין: — וואָס איר האָט געקראָגן
אַן אויסגעבעטלט בריוול איז ביי מיר קיין יחוס נישט.
איר קענט אייך גיין! — דאָס אָנגעלאָדן קול האָט ווי אַ שפּרונג
צוריקגערופן פון געדעכעניש: די דינאַבורגער קלויז,
דאָס הויז פון מאָטל׳ס פעטער, נח׳ס זאַטע דינסטיקן.
האָט ער גערעדט הכנעה׳דיק: — איר קענט מיך נישט אַוועקלאָזן
מיט ליידיקן. איך מוז געפינען אַרבעט. — יענער האָט מיט כעס
אַרויסגעשלעפּט אַ טייסטער אַסיגנאַציעס, צוגעוואָרפן
אַ קנאַקעדיקס: — מער קען איך גאָרניט טאָן פאַר אייך! —
און זיך צעקלונגען מיטן גלעקל. דער משרת איז אַריין,
און נח איז אַרויס. פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער באַנק
אין וואַרט־שטוב און געזעצט זיך. דער משרת איז אַרויס
און צוגעטראָגן דאָס פּאַפּירל: — איר האָט עס פאַרגעסן.
— איך האָב נישט פאַרגעסן. גיט עס אָפּ דעם באַלעבאָס.

אַז מאַרק סעמיאָנאָוויטש איז מאָרגן אָנגעקומען אין קאַנטאָר,
האָט ער דערזען: דער נח זיצט. האָט ער ווי נעכטן
געשיקט דעם מענטש: — דער באַלעבאָס האָט פאַר אייך גאָרנישט.
— איז אפשר וועט ער מאָרגן עפּעס האָבן. — אָפּגעענטפערט
און נישט גערירט זיך: — אַט וועלן מיר זען צי דו וועסט כוח האָבן
מיך טרייבן מיט גוואַלד!... משמעות, יענער האָט דעם כוח ניט געהאַט.
אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג פאַרבייגעגאַנגען, כלומרשט נישט געזען,
און נח אויך — אפילו נישט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צו אים.
און נאָך אַ טאָג אַזוי. דער באַלעבאָס גייט דורך און נח — גאָרנישט.
נאָר אין מחשבה טענה׳ט ער: — ביסט גרויס געוואָרן, מאָטל.
עס פּאַסט דיר נישט צו האָבן מיך געקענט אַמאָל, געלערנט
צוזאַמען מיט אַזאַ פאַרשוין ווי איך. פאַרשטיי איך עס,
נעם אָן דיין גרויסקייט. זעסט דאָך ווי איך וואַרט געדולדיק
ביז דיר וועט וואוילגעפעלן אומצוקוקן זיך אויף מיר. —
ער טענה׳ט אין מחשבה, און ביים גרויסן טיש הינטערן טיר
זיצט מאָטל, קלינגט אין גלעקל, לאָזט די מענטשן
אַריין, אַרויס און הערט פונדעסטוועגן. אַוודאי הערט ער.

און פּלוצים שיקט ער אים אַריינרופן: — איר׳ט גוט געטאָן
וואָס איר האָט אויסגעוואַרט. ווי רופט מען אייך?
— מיך רופט מען נח. — טאַקע נח. יאָ, אַזוי האָט מיר געשריבן
דער קריסט, וואָס האָט געגעבן אייך דעם בריוו. ער קען
דעם שוואָגער אייערן. אַ פיינער מענטש — זאָגט ער —
דער שוואָגער אייערער. דערוויל האָט זיך געמאַכט ביי מיר:
ס׳האָט זיך פאַר׳שכור׳ט אַ דעסיאַטניק, איז געבליבן אַן אָרטעל

פון צוואַנציק העקער אָן אַ קאָפּ. וועט איר עס איבערנעמען.
איך וועל אייך מיטשיקן אַ מענטש, וועט ער אייך אויפן וועג
שוין אויפקלערן, אייך מסביר זיין דעם גאַנצן ענין.
די ווערטער: „מסביר זיין דעם ענין" שענקט ער אים פון זיך
ווי זאָגנדיק: — איך קען נאָך אויך עפּעס, נאָר זעסט דאָך:
געשעפטן — מוז מען פירן שטאַט . . . נאָר נח וויל נישט די מתנה:
פאַרנייגט זיך פאַרן באַלעבאָס און רוקט זיך שטיל אַרויס.

## 2.

מען האָט געבראַכט אַ דינעם יידן אין אַ קאַפּטאָן
מיט בלאָע ברילן אויף דער נאָז,
אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן צוואַנציק ברייטע גויים
און זיי געזאָגט: ס'איז אייער באַלעבאָס.

ווער ס'האָט געוואָלט אַ שאָס טאָן אַ געלעכטער,
ווער ס'האָט געצויגן כיטרע מיט אַ ברעם —
פאַרהאַמערטע הכנעה האָט די מיילער
און ציין צעשצירעטע פאַרקלעמט.

פון אַלע זייטן סאָסנעס מיט די קעפּ צעשאָקלט,
אין מיטן אויסגעהאַקטער, גריבערדיקער שליאַך,
און ווייט געברום, און איבעררוף פון קראָען,
און פאַסן פון צעפּורפּורטן פאַרנאַכט.

האָט מען געבראָדזשעט באַרוועס צונ'ם קעסל קאַשע
און פאַרע פון די הייסע שיסלען קרויט,
געאַרבעט האָבן צוואַנציק פויסטן מיט די לעפל,
און ייד פון קלומיק האָט געקייט זיין פעניץ ברויט.

דערנאָך האָט נאַכט די גאַרגלעריי פאַרדומפּן
ווי מאָך דאָס גאַרגלען פון אַ וואַסערפאַל,
און מיט די שאָטנס ווי מיט הענט אַריינגעטריבן
די צוואַנציק אין „קורען" — אין מענטשן־שטאַל.

אין טונקל אויף די נאַרעס שווערער פּלאַפּל,
און ווערטער נישט דערדעדטע און געשנאַרך,
און אויפן טאַפּטשאַן אין זיין ווינקל ליגט דער פרעמדער
מיט אויגן אָפענע און האָרכט.

נישטאָ קיין מורא — נישט פאַר וואַלד פון קאָרעדיקע ביימער
און נישט פאַר וואַלד פון האָרעדיקן גוף,

נאָר ס׳טרייבט דער אָטעם פון צעפּריטן חומר
און דורך די שפּאַרעס קילע ראָסע רופט.

אַזויפיל רייד און מורמל אין דעם טונקעלן געפּלאָנטער,
אַזויפיל טריט פאַרדומפּענע אין מאָך און גראָז —
מיליאָסן וואַלד־רוחות, צערודערטע, צעוועקטע
באַגעגענען דעם נייעם באַלעבאָס.

איז שפּאַנט ער צו דער ברומענדיקער וואַנט פון ביימער
ווי איינער שפּאַנט זיך טובל זיין אין ים.
אַריין, זיך איינגעטונקט, פאַרבאָדן זיך אין חושך
און איינגעוואָקסן מיטן רוקן אין אַ שטאַם.

— אַט בין איך דאָ ביי דיר. אַ באַרוועסער געקומען
און אָפּגעגעבן זיך אין דיין רשות.
עס קנאַלן גרילן אויף, עס קוואַקען זשאַבעס ערגעץ
און ס׳זינקט אין גאַדל־באַרג דער פוס.

און אַז ס׳איז טאָג געוואָרן און שטאָט דאָך פון חושך
האָט ביימער-קרוין מיט העלקייט אויפגעפּראַלט,
האָט מענטש זיך אויפגעכאַפּט, די אויגן אויסגעריבן
און ווי אַ היימישער געזאָגט : גוט מאָרגן, וואַלד!

.3

שטייען זיי אַ גאַנצן טאָג
און מע בראַקט
שטאַם און קאָרע מיט די העק,
און פאַרנויגט איבער דער זעג
אַקסלען גייען הין און קריק,
און אין שטריק פאַרשפּאַנט ווי אָקסן
מיט אַ רעווען, מיט אַן אָכצן
פעניעס פון דער ערד מע פליקט.

און דער באַלעבאָס
מיט די ברילן אויף דער נאָז,
מיט די דינע אַקסעלעך,
מיט די פינגער וואַקסענע —
אַ משגיח אויף דער וואַך
ציילט די גרעשעלעך
אין דער קעשענע
און איז באַלעבאָס.

יידעלע, כאַלאַמידעלע!
נעם אין האַנט אַ רידעלע,
טו אַ גראַב אַ גריבעלע
און פאַרזיי אַ ציבעלע
מיט אַ קנאָבעלע,
וועסטו האָבעלע
צו פאַרבייסעלע
מיט אַ בולקעלע אַ ווייסעלע.

און די שאַרפע העק אין לופטן בליצן, שפּריצן ווייסן שפּאָן,
זעג אין האַרטן פּויסט צעזונגען בייסט דאָס האָלץ מיט בלאַנקן צאָן,
פּלייצעס פון טשוהון געגאָסן, פּיס פאַרמויערטע אין מאָך,
טויזנט־אַדערדיקער וואָרצל קרעכצט און צאַפּלט און גיט באַך,
און אַ הייזעריקער הילך זיך איבער וואַלד צעלייגט:
שטאַרקער שטאַרקן גיט זיך אונטער, שטאַרקער שטאַרקן בייגט!

איז מיט וואָס,
באַלעבאָס,
האָסטו זיך פאַרדינט
איבער זיי צו טראָגן שליפעס?
מיט אַ הונגעריקן ווייב און קינד,
מיט צוויי הענט וואָס טויגן נישט צו קיין מלאכה,
מיט אַ לשון אַ געבראָכנס,
און אַ צולאָג נאָך דערצו —
פון אַ פּריץ אַ גוטהערציק קוויטעלע
און אַ יידיש היטעלע
מיט אַ דאַשעק אַ פאַררוקטן
פון דער גרויסער קלוגשאַפט,
פון דער טיפער חריפות.

קען אַמאָל דאָך עפּעס פּלאַצן,
קענען זיי אַ רעווע טאָן מיט כעס
אויף דיין אומגיין פּוסט און פּאַס
און פּאַזשיווען זיך פון זייער פּראַצע, —
וועסטו מיט דיין היטעלע
און דעם פּריצ׳ס קוויטעלע
פליען ווי אַ שפּאָן פון אונטער האַק
וואו דיין באָבע האָט קיין בייגל נישט געבאַקט.
היט די טריט, באַלעבאָס,
מיט די ברילן אויף דער נאָז!

# 4.

וואָס האָט געמיינט דער גוי, ווען אויפן וועג אין וואַלד אַריין
האָט ער געקנעלט מיט נח'ן, אַז ווער ס'האָט שכל דאָ
קען אָפּלעקן אַ ביין? נישט אויף די שכירות פון די וואַלדהעקער
האָט ער געצילט, נאָר אויף דער קישקע: ס'איז דעם כאַם
קיין חילוק נישט מיט וואָס ער שטאָפּט זיך אָן די פּאַטרעכעס,
און צו אַביסל פּעטס פון יעדערן ווערט פאַרן אויפזועער
אַ שמאַלץ־גרוב. און דער גוי האָט רעכט געהאַט. ווען נאָך דער וואָך
האָט נח איינגעקויפט דעם כאַרטש, וואָס ער האָט נאָכגעשריבן
פון קוכער סידאָר'ס רייד און אָפּגעציילט זיין ריוח,
האָט אים אַ היץ באַשלאָגן. ווי וואָלט דוואָשע אויסגעשטעלט די אויגן,
ווען ס'פאַלט אַזוי אַריין אַ היגער באַלעגאָלע און דערלאַנגט איר
צוויי קנאַקעדיקע צענערלעך — די ערשטע וואָך
פון מאַנס פאַרדינסט! . . . און ווי מע שלעפּט אַ פערד ביים צוים
פון פרעמדן פעלד, האָט ער גענומען שלעפּן זיך אַליין
פון קראָם צו קראָם און אָנקויפן אַריבער סידאָר'ס צעטל
טאַראַנעס, הערינג, פונטן סאַדלע, און אַז דער שטן
האָט שוין געוואָיעט אויף דער קייט, האָט ער — פון גרויס נצחון —
ערשט איינגעשאַפּט אַ גרויסן ווורשט מיט אַ פּאָר פלעשער פּערציקער.
די קעסט־קינדער, מיט אויגן אויפגעריסענע, האָבן געווינטשעוועט
דעם נייעם באַלעבאָס, נאָר נח האָט געזען, אַז אין דער גאַנצער שמחה
איז ער דער איינציקער וואָס טרינקט מיט ערלעכער כוונה:
ביי זיי, ביי אַלעמען, איז עס געווען בלויז חניפה, און אין אויגן,
מיט שנאַפּס פאַרלאָפענע, דער ביטערער חשד פון קנעכט,
אַז נישט אומזיסט טראָגט מען אים אונטער מער ווי ס'קומט אים.

נאָר ס'גייט אַוועק אַ טאָג און דריי, דאָס פּעטס פון קעסל
ווערט נישט געמינערט און דער נייער באַלעבאָס מאָנט גאַרנישט מער.
באַווייזן זיך פון הינטער ביימער־שפּיצן הערנער שד'ישע,
און ס'קומט אַרכיפּ דער שוואַרצער—דער פּאָדאַליער—מיט אַ מעשה—
דער פּאָליאַק סטאַך און קים, דער פּאָלישוק, האַלטן אים אונטער —
אַז יידן דאַרפן מאַליען זיך און דער — ווי נישט קיין ייד.
ווערט גאָר אומהיימלעך. מע באַלעקט זיך מיט דער קאַשע,
נאָר נאָכן עסן צלמ'ט מען דאָס מויל אַן איבעריקן מאָל.
זיך אָפּרוקן פון אים איז איבעריק. ער עסט זיין טעפּעלע
און רעדט אַלץ איינס מיט קיינעם נישט. ווערט נאָך געדיכטער
די שטומעניש, און אַז מע בלייבט מיט אים ביינאַכט אין בודע
איז ווי אַ בייזער כישוף וואָלט די העלדזער איינגעקאַרקעוועט.
ביז אַ פאַרנאַכט, ווען ס'לאָזן זיך אַראָפּ קאָמאַרעס זוכן שפּעלטלעך

אין קאָרעדיקער הויט פון וואַלד־מענטש, קומט דער ייד אַרויס
און זעצט זיך שאָקלען אויף אַ קלאָץ איבער אַ בוך. מע גאַפט —
ער שאָקלט זיך. שפאַנט צו דער אַלטער יאַקאָוו, זעצט זיך אויך —
אַט גלאַט אַזוי — נאָר שטיל, צו קאַפּיטשקעלעך, רוקט ער זיך.
און מיט אַמאָל: — און דאָס זאָל, הייסט עס, זיין אַ הייליק בוך?
דער ייד דרייט אויס די ברילן, שאָקלט צו: — אַ הייליקס.
— דאָס מיינט — אַ געטלעך בוך? — וואָס הייליק דאָס איז געטלעך.
— דאָס האָסטו גוט געזאָגט. און פון די אָבות שרייבט זיך דאָ?
אין פרעגן הערט זיך, אַז דער פרעגער דאַרף די אָבות.
— סע שרייבט זיך. טוט עס אים הנאה, דרשנ'ט ער:
— אַט הייסטו נח. נאָכן צדיק וואָס דורך אים האָט דער באַשאַפער
געראַטעוועט די לעבעדיקע ברואים פאַר דער וועלט.
אַ זכיה אַזאַ נאָמען! איך הייס יאַקאָוו, מיטן נאָמען אויך
ישראל — ער דער פאָטער פון די צוועלף שבטים אייערע.
איז אַט וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס זעט מען קיינמאָל נישט,
אַז דו זאָלסט דאַוונען, ווי ס'פאַרלאַנגט דער גלויבן דיינער?
בלייבט נח אַ געפּלעפּטער: — כ'דאַוון... פאַר זיך... שטילערהייט...
דער אַלטער שאָקלט מיטן קאָפּ: — זיי זיינען אויך ביי אונדז פאַראַן,
די אויפגעקלערטע — טייטשן אויף אַ נייעם שטייגער אַלץ.
מיר גייען מיטן אַלטן. ווי די טאַטעס אונדזערע. אַלט־גלויביקע.

דעם אַלטן יאַקאָווס שמועס מיטן יידן טרייבט אַוועק דעם שד.
צעבינדן זיך צוריק די צינגער. אין די בין־השמשות'ן,
ווען ברעניק גאָלד פון נאָך צעגליטע וואָלקן־שייטערס טוקט זיך
אין הורבעס אַש פון שוין פאַרלאָשענע, בריט אויף די בענקעניש
נאָך היים אין רייד פון הונגער, ערד־נויט, אָפּצאָלן וואָס טוען אויס
פון לעצטן פּאָדים, און דער פרייהייט וואָס נאָגט אויס די ביינער
נאָך ערגער פון דער פּאַנשצינע. מען וויס פון קייסער, וואָס די פּריצים
דערלאָזן אים נישט גוט זיין, און געהיימע נאָכקוקער וואָס גייען אום
אין פּאָלק איבער די דערפער. און דערנאָך אין בודע,
ווען ריח פון אייגענעם און פרעמדע גופים אין די נאָזלעכער
פילט אָן די פינצטערניש מיט אויסגעדאַכטן ווייב־געצוך
און ביינער גראָבן זיך אין שטרוי־זעק, קומט די צייט פאַר פעדיאַ'ן.
אין יאָרן סלוזשבע האָט דער פעדיאַ אָנגעזאַמלט מעשיות
פון גבורות מיט נקבות, און כאָטש יעדער ווייס, אַז פעדיאַ ליגנערט,
ווייל אומעטום איז ער אַליין דער העלד און זיגער, ווילט זיך הערן.
ווייל ער טאַשירט אַזוי די פרויען — דאָרפישע און שטאָטישע,
צוועלף־יעריקע און מיטל־יעריקע, געוויקטע אין פאַרפומען
און אין געזומפּ פון חזיר־שטאַל, — און טוט אַזוינע מעשים אָפּ
מיט אָט־דעם גוף, דעם פרויאישן, אַז אָטעמס נעמען וואַרגן,
די לייבער קאָרטשען זיך און ס'ווערט די גאַנצע שיפּעדיקע בודע

אַ טומאה-טעמפּל, וואו דער כהן־גדול פּעדיאַ פּראַוועט
אַ חיה'שע, צעיושעטע עבודה. און ס'געשעען וויסטע נסים:
ווענט פון לשונות פאַלן איין, כאַכאַל און פאַליאַק, לעט
און פּאַלישוק באַנעמען יעדן וואָרט אין פּעדיאַ'ס לשון
און גאַרן מיט אַ שיפּעדיקער גיריקייט צו נאָך. שרייט יאַקאָוו:
— דאָ ביי אַ מענטש אַ געטלעך בוך אונטערן קישן,
און ס'גיסט זיך זנות ווי אין אַן אַפּטריט . . . קיינער הערט נישט.
ביז טומאה מאַטערט אויס די גופים, חיה'שער געכאָרכל
ווערט איינגעוואָרגן אין דער פינצטער און די בודע שנאָרכט.

איצט זיצט שוין נח מיטן ספר יעדן בין־השמשות, שאָקלט זיך
און בויט אַ גדר אַרום זיך אַנטקעגן פּעדיאַ'ס נאַכט. צומאַל
קומט יאַקאָוו צו און רייסט אים אָפּ. ער ווערט דער פירשפּרעכער
פאַר אַלעמען פון זייער חושכ'דיקן עלנט, זוכט אַ זכות
אויף זיי און ס'ציט אויך נח'ן צו קענען צווישן אַלע כאַטעס עלנטע,
די אויסגעשפּרייטע איבערן גאַרן לאַנד, אַוועקשטעלן זיין אייגן קאַמער
מיט ווייב און זין און ביי־מאַשין, און ווערן איינס מיט אַלעמען.
נאָר טומאה טרייבט. דערנענטערונג צו זיי ווערט שענדונג
פון כשר שטיקל היים און ס'טרייבט פון דעם פּאַרלאַנג נאָך העפּטיקער
צו טובל'ען זיך אין טייך פון לויטערע מחשבות.

.5

אַז עס ווערן פּעניעס פון דער ערד געריסן,
שרויפן זיך ביי אַלע גלייך די קנאַכן,
אַז מע טונקט די לעפל אין דער זעלבער שיסל,
זעען אַלע אויס ווי איין משפּחה.

שטעג אין וואַלד איז איינער, טעם פון ברויט איז איינער,
איינס דער טאַפּטשאַן און דער שטרוי צום שלאָפן,
נאָר דער וועג אַהיים אַריבער וואַלד און פליינען
ציט צו מזרח, מערב, דרום, צפון.

ס'האָט דאָס לאַנד אַ סך מדינות, פעלקער, שפּראַכן,
און אויף אַלע פעלדער מיילער ניט דערשפּייזטע —
האָט זיך עס צעטראָגן איבער לאַנד און שליאַכן,
אַז מען צאָלט דאָ פון אַ פולן טייסטער.

וואו דאָס פעלד איז קאַרג פאַר גרייטער האַנט און אַקער,
וואו דאָס ביסל קאָרן האָט פאַרצוקט דער שטייער,
האָט מען פּוסטע הענט פאַרטראָגן אין מרחקים
פּוסטקייט צו פאַריאָגן פונם שייער.

פון אוקראַינע בלאָפּעס, פון ראַסיי מוזשיקעס,
וואַלדהעקער פון ניעמען און פון דווינע,
פּאַראַבקעס פון פּוילן, כמורע פּאַלישוקעס
פון דער היגער זומפּיקער מדינה.

האָט דאָך אַלעמען די זעלבע נויט געבראַכט דאָ,
איז איין תפילה דאָך ביי אַלע אויף די ליפּן —
טאָ פאַרוואָס פון מענטש צו מענטש אַזאַ פאַראַכטונג
און עס שרייט פון זיי די שנאה ווי אַ קליפּה?

זאָל אַרכיפּ דער שוואַרצער און אַרכיפּ דער ווייסער
איינס דעם צווייטן אויפן פּוס אַ טראַט טאָן,
וועט מען זיך ביז ווייטסטן עלטער־זיידן קברים רייסן
צו פאַרפּליוכען זיי מיט גאַל און בלאָטע.

האָט זיך איינער אויפן צווייטנס ברויט געקוואָפּעט?
האָט געוואָלט זיך ביי זיין מי פּאָזשיווען?
ניין, נישט זיי — כאַכאַליע און קאַצאַפּיע
בריען אויס אַ דורות'דיקע קריוודע.

און זאָל סטאַך, דער ליאַך, זיך מיט אַ וואָרט פאַרהיקען,
איז מיט חוזק אויף די גאַנצע מחנה —
ווי אַ קאַליקע וואָס ס'איז אַ מצוה אים צו בריקען,
בריקעט מען דאָס גאַנצע פאָלק, די ליאַכן.

נישט פון מענטש דער האַס און נישט פון אים פאַראַכטונג:
טויטע דורות ראַיען אים אין די געהירן.
אין די בלינדע בלוטן פירן מתים שלאַכטן
און די פויסטן פון די לעבעדיקע פירן.

ווי דער הונגער טרייבט אין פרעמד צוליבן גראָשן,
ווי די בענקשאַפט ציט צום ווייב אין ווייטער כאַטע,
בריט דעם האַס צו מענטש פון פרעמדן לאַנד און לשון —
גיפטיקע ירושה פון די טאַטעס.

נאָר ווען נאַכט צעגליט דאָס מידע לייב מיט עלנט,
גליט די תאווה שטאַרקער פון דער שנאה —
אין פאַרפלייץ פון גלי צו כאָרכלדיקע קעלן
שמעלצט זיך פרעמד פון פעלקער און מדינות.

שלאָפט דאָס לאַנד, דאָס ריזיקע, ווי נח'ס תיבה,
אונטער דאַך פון ברעטער צווישןביימער,
און אין פינצטער איבער קעפּ אַ ריזיקע נקבה
קלייבט חלומות פאַר די ווייטע היימען.

.6

אויף האַרטן בעט דורך וואַנט פון ברעטער
דאָס אויער שאַרף פון טריט פאַרנעמט:
דאָס רוישט די וואַלד־פרוי איבער בלעטער
מיט פאַלדן פון איר ברייטן העמד.

איר בוזעם — כוואַליעדיקע לאַגלען,
די צעפּ — פון פלאַקס געדרייטע שטריק,
דער בויך — אַ דייזשע אויפגעשלאָגן
אויף היפטן שרויפיקע צעוויגט.

ווער ס'קומט אַנטקעגן איר מיט גבורה
און מאַניש איר דעם וועג פאַרשטעלט —
פאַר דעם צעשמעלצט איר שטייפער פורעם
און ס'לייב מיט וואַרטעניש צעקוועלט.

די שווערע אָרעמס — פולער, לויזער,
דער בוזים יערנדיק צעברויזט,
און היפטן נאָכגיביק אַנטבלויזן
דעם ווילדן וואַלד, דעם גרייטן שויס.

מיט גייער שפע אָנגעגאָסן,
אַוועק פון שותף אין באַהעפט,
ביז גבורה'דיק אַ פרישער חתן
זי אויף די ווילדע וועגן טרעפט.

וואו גראָז איז ווייך, וואו ערד איז מאָכיק —
דאָרט האָט זי קינדער אויסגעמילכט.
זי הערט איר אייגענע מזל־ברכה
אין יעדן רוף וואָס וואַלד פאַרהילכט.

— — — — — — — — — — — —

דער רויש פאַרשטילט, די פאַלדן פאַלן,
די וואַלד־פרוי האַמעוועט איר גאַנג,
ס'איז ווער מיט גבורה איצט ממלא
איר אייביק־ברויזיקן פאַרלאַנג.

## 7.

וווען כ׳האָב אַ באַרוויסער דיין נאַדלדיקע ווייך באַטראַכט,
האָב איך געמיינט: ס׳איז ווייך פון הימישן באַריר.
איצט ווייס איך — האָסט אַ נאַכט מיט שוץ באַשאָטנט
אַ פרעמדן, וואָס האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר.

דיר זיינען אייגן די וואָס מיט די העק צעקנאַלן
די שטילקייט פון דיין חופה׳דיקן סוד.
דו הילכסט מיט זייער הילך ווען דיינע ביימער פאַלן
און שפּרייטסט זיי סאַמעט פאַרן טראָט.

און איך — די זיידעס מיינע זיינען ווי נזירים
צו דיר געגאַנגען זיך באַהאַלטן פון דער וועלט,
דיין בתולה׳שאַפט מיט זייער גאַרטל-שטריק באַשירעמט
און אין דיין גרינעם צעלט ווי פאַרמעטן געגעלט.

חתנים אויסגעטריקנטע, חתנים שלאַבעריקע, בלאַסע,
געוויכט אין ציטערניש פון דיינע פולע בריסט.
וואָס איז דער חידוש אַז דו האָסט זיי אַנגעהויבן האַסן
און אָפּגעוואָרפן ווי די שערבלעך אויפן מיסט.

איצט קום איך אויסקויפן די זיידישע ירושה
און קום זיך איינקויפן אין קרובה׳שאַפט ביי דיר,
נאָר פון די פינגער מיינע רינט מיט רויטער בושה
די צניעות, וואָס זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין מיר.

דו וועסט מיר פון רחמנות וועגן צוואוואַרפן אַ צערטל
און לאָזן נעכטיקן אַ נאַכט פאַר דיין געצעלט,
ביז די חתנים דיינע וועלן אָנהייבן זיך ווערטלען
און מיך פאַר׳חוזק׳ן אויף מיילן פון דיין שוועל.

## 8.

די וואַלד־פרוי פון דער נאַכט האָט אומגעטראָגן די געשטאַלט
פון איינער אַ בייטאַגיקער, וואָס האָט מיט לעבעדיקן גוף
זיך אָנגעוואָרפן ווי אַ שווערע משא אויף די דינע פעדים
פון ערשטן צוטרוי צווישן נח׳ן און זיינע קעסט־קינדער.

אַוועק אַ וואָך און דריי פון שפּע אינם קעסל. וואַלד־העקער,
צופרידענע, געוואוינען זיך דעם באַלעבאָס צו גריסן מיט אַ שמייכל,

מען אַרבעט פּלייסיק און מע פּרואווט אַפילו — אים צוליב —
פאַרשטאָפּן פעדיאַ׳ס מויל ביינאַכט. און מיט אַמאָל —
נעמט ווערן מאָגערער די קאַשע, שיטערער דער באַרשטש,
מע טשמאָקעט מיט די צינגער און ס׳קומט אויף דער עו׳שטער חשד:
— אומזיסט־אומנישט האָט ער מיט בראָנפן נישט געפּאָיעט!
ביז יאַקאָוו, ווי דער פירשפּרעכער, קומט מוסר׳ן: — נישט ורעכט אַזוי!
געגנומען קאָרמענען מיט סמעטענע און איצט די סיוואָראָטקע בלויז!
שטייט אַ מטושטש׳ער דער ייד און פרעגט ביי סידאָר׳ן: — וואָס
מיינט עס?
דער קוכער מיט די בלאָע אויגן, שטעכעדיקע, ווי דאָס געל געוויקס
אויף זיינע האַרטע סקולעס, ענטפערט: — כ׳ווייס נישט, באַלעבאָס,
איך קאָך ווי אַלעמאָל. צעשרייט מען זיך — און ער דאָס זייניקע:
— איך קאָך פון וואָס מען גיט מיר. — האָב איך דיר די וואָך
געגעבן ווייניקער ווי יענע וואָך? — איך ווייס נישט. ס׳קויפט
דער באַלעבאָס, נישט איך. איך קאָך פון וואָס מע גיט מיר.
סע שטעכט מיט האָס פון די „איך ווייס נישט׳ן“. און נח זעט —
זיי וועלן גיכער גלויבן סידאָר׳ן, דעם אייגענעם.

די מאָגערקייט האַלט אָן. ווי זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט עולם,
קאָכט סידאָר איינמאָל אָן אַ וועטשערע אַ שמאַלציקע
און מאָרגן ווידער מאָגער. נח זעט די שפּיזלדיקע אויגן
און ווייס — עס איז אויף אים. אַליין דאָ, צווישן אומפריינד,
וועט ער זיך מוזן ראַנגלען מיטן וואָלף, אים בייקומען
אָדער פאַרצוקט ווערן. איז שפּיצט ער אָן די חושים —
אַליין אַ וואָלף — און נעמט דעם שונא טשאַטעווען. בייטאָג
רייסט ער זיך אָפּ פון עולם אַרום שליאַך און פּאַדעט
אויף חיה׳שע שפּיץ־פינגער אַרום בודע, נישטערט, שנאָפּט,
ביז ער דערוואַרט זיך. מיט אַ שווערן זאַק באַלאָדן
קריכט פון דער טיר אַרויס אַ פּרוי און שלעפּט זיך אַ געבויגענע
מיט הינטער־שטעגל וואָס צום נאָנטסטן דאָרף. ער גייט זי נאָך.
דערהערט זי טריט, שפּאַנט האַסטיקער, און ער נאָך איר.
זי לויפט. נאָר זאַק איז גרויס, די פּיאַטעס אויפן מאָך
און יאַדלעס גליטשן זיך — צעשרייט זי זיך מיט קולות: סידאָר!—
באַפרייט זיך פון דער משא און עס מינען איר׳ע גרויסע פיס
אין וואַלד אַוועק. צום זאַק דערלאָפן, בינדט אים נח אָפּ און זעט
אַן אוצר: ברויט, קאַרטאָפל, זעקלעך קאַשע, סאַדלע, קרויט —
און ווי ער גראַבט זיך מיט דער האַנט, וואַקסט סידאָר אויס
און רעוועט אויס: — לאָז אָפּ! — נישט מער ווי דאָס, און יאָגט,
דעריאָגט די פּרוי און ברענגט זי פאַר דער האַנט צוריק.
אין לייוונטענעם קלייד, הויך־ברוסטיק, בייכיק —
איז זי די וואַלד־פּרוי פון ביינאַכט. דער קוכער פּאַקט צוריק

דעם זאַק אויף אירע פּלייצעס: — האָב נישט מורא, פּאַשאַ, גיי!
זי גייט. איצט שטייען איינער קעגן אַנדערן. ביים ייד —
דער האַלדז געשפּאַנט פון שרעק און מורא׳דיקן נייגיר,
בּיים אַנדערן — די פויסטן גרייט און ליפּן אָפן: זאָל דער ייד
אַ פּיפּס טאָן בלויז! נאָר ס׳שווייגט דער ייד, און סידאָר מוז
דער ערשטער זיין: — אַזוי! גאָר טשאַטעווען מיך, הע? . . .
אַ וואָרט כאָטש זאָל ער זאָגן! . . . שטייט ער, דער פאַרשאָלטענער,
מיט שטאַרע אויגן, און די פויסטן סידאָר׳ס האָבן נישט קיין אָנטשעפּ.
אומזיסט־גע׳פּטר׳טע רציחה געגזלט, קרייזלט ער אַ פויסט
פּאַמעלעך ביז צום יידנ׳ס באָרד, שפּאַרט אונטער אים די גאָמבע:
— דו וויסט פון גאָרנישט!.... הערסט? און טאָמער... וועט מען
אין וואַלד פון דיר קייןביינדל נישט געפינען! נעבעכקע! זשידיוגאַ!
אַרויסגעברומט, און ווי אין שרעק פאַר זיך אַליין זיך אָפּגעטראָגן.

ער שווייגט, דער ייד. נאָר מורא־שלענגל דלובעט סידאָר׳ס מאָרך
און גיפטיק צינגל רייצט צו גייע איינשטעלן. איז וואָסערדיק
דער באָרשטש ביי אַלעמען, געפינט דער ייד ביי זיך אין טעפּעלע
אַ פעניץ סאַדלע. איז דער באָרשטש אַ שמאַלציקער, פאַרגעסט
דער קוכער גראָד צו קאָכן פאַרן באַלעבאָס. ער טרויט זיך אָן
אַ גוטן ברודער מיט די שפּיצלעך, שפּירט מען נאָך מיט חוזק
דעם באַלעבאָס, דעם לעמישקע, און דער אַרטעל, די אַרבעט
צעקריכט אונטער די הענט. פאַרלירן איז נישטאָ שוין וואָס.
און ווען דער אַלטער יאַקאָוו זעצט זיך אָן, דערציילט אים נח.

אַ דריבנער רעגן האָט פון וואַלד אַראָפּגעווישט דעם זון־בליאַסק,
און ביימער, אָפּגעשיילטע פון פאַרבלענדעניש, האָבן זיך אַנגעזען
מיט יעדער ריטל, יעדער קנייטש אין קאָרע. מ׳האָט נישט לאַנג
ערשט אויפגעהויבן זיך פון איבערבייס און מילדע פייכטקייט
פון ערד און שפּענער האָט געקילט דעם טראָט. מיט איינמאָל
איז אָנגעקומען נח, יאַקאָוו פאַרטרויט אַ סוד, מען האָט אַ רוף געטאָן
אַ הייפל העקער, אָפּגעצויגן, און די רעשט זיינען געבליבן לעשן
דעם נייגיר מיט צעטומלטע השערות. ביז ס׳איז אָנגעלאָפן
אַ היציקער שליח, אַלעמען פאַרנומען, און אַז מען האָט דערזען
די דריי — דעם קוכער, זיין געליבטע און דעם זאַק, האָט מען שוין אַלץ
געוואוסט. מיט יעדן הויפּטל קרויט און הויפן באַב
וואָס יאַקאָוו האָט פון זאַק אַרויסגעשלעפּט, האָט זיך די מחנה
צעריטשעט און געדיכטער, קנוליקער געשפּאַרט. נאָר יאַקאָוו
האָט קאָמאַנדירט: — מיר גייען מיטן יושר. ס׳וועט אַ משפּט זיין.
איצט בינדט זיי! — צוגעכאַפּט זיך מיט די שטריק, נאָר אַז דערפילט
דאָס פרויאיש לייב, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ קנעטעניש
און שאַצעניש. דער אַלטער האָט געכאַפּט אַ פלאַקן: — כ׳האָב געהייסן

זיי בינדן! בינדט, איר זנות'ניקעס!... די צוויי זייגען געבליבן
אויף דר'ערד, מיט הענט פאַרקניפּטע, פּיס פאַרשטריקט
און ריפּן איינגעשטייפּט. — דו קענסט זיי נעמען צו דער אַרבעט —
האָט ער געזאָגט צו נח'ן. — די וועטשערע וועל איך שוין קאָכן,
און נאָך דער וועטשערע וועט זיין דער משפט... מ'איז אַוועק...
מיט פלאַקן אין דער האַנט האָט ער געגומען פאַרען זיך ביים קעסל,
דערנאָך געבליבן זיצן אויפן קלאָץ. די נאָז אין דר'ערד
האָט סידאָר נישט גערירט זיך. נאָר די פרוי אין אירע שטריק
האָט זיך צו יאַקאָוון דערקייקלט, אים די פיס געקושט
און אויסגעגאָסן אויף דער ערד דאָס יאָמערדיק געזאַנג
פון אירע וויסטע יאָרן, פון דער דאָליע, וואָס האָט זי געפירט
צו זינד אַזעלכע. האָט ער אָפּגערוקט די פּיס, געשטומט
ביז איר געוויין האָט אויסגעטריקנט און זי האָט זיך אָפּגעקייקלט.

דער רעגן איז געוואָרן שווערער. האָט זיך יאַקאָוו אָפּגערוקט
אונטערן דעכל וואָס איבערן פייער, שייטלעך האָלץ געלייגט
און מיטן דראַנג געפורקעט אין די קוילן. צען טריט ווייטער
האָט רעגן דורכגעווייקט די האָר און לייוונט אויפן לייב
פון די געבונדענע, אין ריטשקעלעך פון זיי גערונען און געזאַמלט זיך
אין לוזשעס אַרום זיי. און אויפן שליאַך האָט רעגנגוס
און אומרו פאַרן משפט נישט געלאָזט די מענטשן אַרבעטן.
מען האָט געבעטן זיך ווי קינדער: — באַלעבאָס, וואָס טויג עס?
און וויפיל נח האָט זיך נישט געמיט פאַרהאַלטן זיי,
האָט מען געמוזט פאַרנעמען די מכשירים און אַהיימגיין.

דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן אויפן וועג נאָך.
נישט איבער סידאָרן: פאַר דעם וואָס ער האָט זיי געלאָזט
נאַכט־נעכטלעך סמאַליען זיך אין ווייב־הונגער, ווען ער אַליין
פאַר זייער ברויט האָט זיך געזעטיקט הינטער זייער פלייצע —
פאַר דעם וועט ער באַצאָלן. אָבער צאָלן מוז אויך זי —
און צאָלן אַלעמען. נישט סידאָרס — זייער ברויט האָט זי געגעסן,
קומט יעדערן אין איר אַ חלק. פעדיאַ פסק'נט אָפּ אַזוי.
די מיוחסים, די קאַצאַפּעס און כאַכאָלן, קלאַפּן צו.
די שטילע פאָלישוקעס און דער בידנער פאָליאַק באַמקען אונטער.
מ'איז גרייט. אין שמייסנדיקן רעגן טענצלדיק דערשפּאַנט
און ס'רייסט זיך פון די ליפּן: — פעטערל, מיר זיינען דאָ!
נאָר עפּעס האַקט זיך אָפּ. דער אַלטער אונטער דעכל זיצט
מיט טרויעריק־פאַרקלעמטן שטערן. דאָס, מיט וואָס מען דאַרף
זיך טיילן,
ליגט מיט די שטאַרצנדיקע פלייצעס, הינטן, פיס, פאַרקלעפּט
אין וואַסערדיקן לייוונט ווי אַ באַרג צעבוכטעטע נבלה — גוף,
וואָס האָט געזאָלט זיין פרוי און איז נישט. נח יאַקאָוו

רוימט איין דעם פּסק־דין. הייבט ער אויף די טרויעריקע אויגן
און פרעגט: — וואָס ווילט איר? מיטן ליגן פּאָר די אויגן
רינט אויס די אָנגעלאָדנקייט פון גופים, נאָר זיך לאָזן צונעמען
די כשר׳ע מציאה פון אַ ביסל געץ איז נישט קיין עסק, און אַרכיפּ,
דער וויסער, בראָקט אַרויס דעם פּסק. דער אַלטער שטעלט זיך
און פרעגט געלאָסן: — זיינען אַלע מסכים? — אַלע.
— טאָ גייט און נעמט זי! — עפּעס גלייבט זיך נישט, מע קוקט,
מע קוקט זיך איבער און די טריט נעמען זיך שאָרן, צושאָרן.
און פּלוצלינג פליט אַ ברענעדיק שטיק האָלץ פון אונטער קעסל
אין קאָפּ פון ערשטן גייער, ווערט אַ רעוועריי און איצטער רעוועט שוין
דער אַלטער יאַקאָוו: — זנות׳ניקעס! גיהנום־זוימען! טייוול־קויט!
גאָטס ערד וועט איר דאָ שענדן! אונטער אָפענע גאָטס הימלען
דעם טייוול פּראָווען דאָ אַ חתונה! דאָס ברוינע פּנים פּלאַקערט,
די פויסטן אין דער לופטן ציטערן. נאָר פעדיאַ, דער גריבעבנער,
וועט זי ניט לאָזן אָפּשרעקן: — דו, טאַטעלע, ביסט צופיל באַלעבאָס!
דו לאָז דעם פּאָפּ די דרשות האַלטן. און ווער ס׳האָט אַליין
קיין ציינער נישט, דאַרף נישט דעם ביסן צונעמען ביי אַנדערע.
ער ענדיקט קוים, און קאָפּ און אַקסל איבער אים וואַקסט אויס
דער אַלטער, און מיט בלוט פון מויל ליגט פעדיאַ שוין ביי זיינע פיס.
ער הייבט זיך אויף אַ וואַקלדיקער, רופט: — וואָס שוויגט איר?
נאָר קיינער רירט זיך נישט. עס רויכערט אויף דער ערד
דאָס אויסגעלאָשן שייטל האָלץ, עס בלוטיקט פעדיאַס ליפּ
און יאַקאָוו זאָגט: — מע וועט זייביידן געבן ריטער
און לאָזן גיין. זיי וועלן זייערס אָפּקומען.

די זינדיקע ווערן פון וואַסער אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט
און צוגעפירט צו ביימער. סידאָר שטייט אויף ביידע פיס.
ביי איר אָבער די קני ווי לויזע זאַווייסעס, איז מוז מען
מיט שטריק זי איינשטייפן. און וואו זיינען די ריטער?
מע גייט זיי אָנרייסן. דערווייל צערייסט אַ ווינט די וואָלקנס,
פון צווישן פלאַטערדיק־צעיאָגטע שטיקער קריכט אַרויס
אַ מערב־זון, און ס׳גרייט זיך הייטערער צום פּסק־דין.
אַ רוט קומט דאָך אַוודאי יעדערן! און מ׳איז שוין אַלע דאָ —
הייב אָן!... נאָר פון דער העלער הויט — דער ייד! וואָס פאַר אַ שד
האָט אים אַוועקגעשטעלט דאָ פאַר דער פּלייצע פון דער פרוי?
וואָס וויל ער? ציטערט, טרייסלט מיט די הענט און קען נישט
קיין קלאַנג אַרויסקוועטשן פון גאַרגל. רעד שוין! באַלד —
אָט וועט ער רעדן. ווערטער מיט אַ כריפּ און שלינגט
די שפּייעכץ און באַלעקט די ליפּן. איצטער הערט מען עפּעס:
— בין נישט פון אייער גלויבן. נאָר וואָס ס׳שטייט אין אייער
הייליק בוך —

האָב איך געלערנט. ווערט דערציילט: מען האָט געבראַכט
צו קריסטוסן אַ פּרוי אַ זינדיקע — — — איצט איז דאָס קול
שוין לויטער, ווערטער, כאַטש צעקריפּלט, קלינגען שאַרף
און ווען ער קומט צום פּסוק: ווער פון אייך עס איז נישט זינדיק —
ווערט שיר נישט אַ געזאַנג און טרערן זינגען אים אין קול.
און ווייטער מיטן ניגון זאָגט ער: — יאָ, איר קומט אַ שטראָף.
ווער וויל דען, אַז זיין ווייב זאָל גיין מיט זינד און גנבה
דעם הונגער שטילן אין דער כאָטע? אָבער איר — צי דען
דערפאַר ווילט איר זי שטראָפן? איר האָט זינד געוואָלט,
מ'האָט נישט דערלאָזט — איז כאָטש דאָס לייב איר פּאַסעווען.
פאַר אייער אייגן זינד וואָס נישט צושטאַנד געקומען
פון איר נקמה ווילט איר. . . אָפּגערעדט און שטייט . . .
קומט צו דער אַלטער: — זיי מיר מוחל! נישט געקלעקט
קיין שכל אינם קאָפּ, אין פויערשן, גאָטס יושר צו דערזען.
זיי מוחל!... גייט צום בוים, בינדט אָפּ די שטריק אַרום דער פרוי
און אַז זי פאַלט אַנידער, מינטערט ער זי מיט די פויסטן
אין אירע שלייפן. עולם קוקט און זידט. דאָס בלוט,
דאָס צוויי מאָל שוין געגאַרטע, שלאָגט רציחה'דיק.
און ווען ס'דערהערט זיך סידאָרס קול: — וואָס פרעגט איר נישט
דעם יידן אייערן פאַרוואָס ער האָט דער'הרג'עט אונדזער גאָט? —
איז שוין די מאָס פאַרפולט. וואָס — ווידער גאָט? די ריטער
צעכוואַשטשען זיך, און די געשרייען וועגן גאָט־מאָרד
פאַרזינקען אין דער כוואַשטשעריי און רעווענדיקער פרייד.

◈

ווען נח, אַ פאַריאָגטער פון דער עקזעקוציע, איז צוריקגעקומען,
איז שוין געווען שטאָק־נאַכט. פון סידאָרס נאַרע האָט געריסן
אַ כאַרכלדיקע סטענקעריי, און איבער אים האָט וואַך געהאַלטן
פּעטרוכאַ־תם, דער בתולה'דיקער, כשר'ער מוזיניק פון אַרטעל.
פּעטרוכאַ־תם... ס'איז פּשוט, דאַכט זיך. אַלעמאָל אין יעדנס שליחות,
דער לעצטער, אומבאַמערקטער, דאַרף ער אויך אַצינד פאַר אַלעמען
די שמירה האַלטן איבער זייער קרבן. אָבער ס'איז נישט פּשוט.
ס'איז דאָ אַ זין אין דעם... שפּאַרט נח אָן דעם קאָפּ
און וואַרט אויף נייע צייכנס. הערט ער ווי דער אַלטער שעפּטשעט:
—גיי, לייג זיך צו, פּעטרוכאַ! איכ'ל זיצן... און פּעטרוכאַ ענטפערט:
— מע דאַרף נישט, פאָטערל!... ער הערט — עס שנירלט ווייטער
אַ דריבנער רעגנדל. פון סידאָרס סטענקעריי שלאָגט אָפּ
מיט נאָכגעלאָזטן שלעכטס, מיט תשובה... נעמען יאָגן
מחשבות־לעכצונגען: פאַרוואָס זאָל נישט דאָס בלוט אַ קרבן חטאת זיין
און אויפשטיין זאָל מען תשובה'דיק, פאַרגיביק?... ס'ציט צו נאַכט,
צום רעגנדל. אַזעלכע כוואַליעס פון אין־סוף אין וואַלד־רויש
אַז מיליאָנען בודעס דאַרפן קענען אויסוועפן אַהין די רשעות

און בלייבן זאָל פאַר'אָדמ'דיקע העלקייט. און אַט קומט אַרויס
דער בתולה'דיקער יונג, שפּאַנט צו צום קלאָץ און שטייט.
קען זיין — דאָס גרויסע ריינע קינד אין אים פרעגט אויך
דאָס זעלבע. און אַט עפנט ער דאָס מויל פאַרציטערט:
— און לעבן וועט ער, באַלעבאָס? און נח וויס ניט פון אַ וועלכן קוואַל
עס קומט צו אים דאָס וויסן אויף צו ענטפערן: — ער'ט לעבן.

אַ בייזער טרויער האָט פאַרטאָג די בודע אויפגעוועקט,
מיט גוואַלד געקירעוועט די קעפ צום קרבן: האָט הנאה!
האָט מען געכאַפּט דאָס ברויט, אַרויסגעשאַרט זיך און אַוועק.
צום איבערבייס איז יאַקאָוו אָנגעקומען אויפן שליאַך.
דאָס פּנים האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. האָט מען געוואָרפן
געצייג און עסן און מיט בייזן טרויער זיך צוריקגעשלעפּט
אין בודע. סידאָר האָט דערהערט און אויסגעסטענקעט:
— ברידערלעך, איך שטאַרב!... באַלד איז מען מיט די קעפּ אַראָפּ
געשטאַנען, זיך גע'צלמ'ט און נאָך יאַקאָוון געזאָגט
די תפילות פאַרן גוסס. נח האָט געקוקט, געהערט.
פון די אַרכיפּעס, פעדיאַס און דער גאַנצער באַנדע
גיבורים, רוצחים, בעלי־תאווה'ניקעס איז געוואָרן
אַ כאַפּטע קינדער — אומבאַהאָלפענע, צעשראָקענע,
און וויפיל רשעות ס'האָט אין זיי געזאָטן נעכטן, מער נאָך
האָט אויף די ליפּן איצט געציטערט טרויער און הכנעה.
ער האָט דערפילט אויף זיך פעטרוכאָס אויגן, אים אַרויסגעפירט
אין דרויסן, און אין האַנט אַריינגעשטעקט אַ פּאָר מטבעות:
— שפּאַן איין דאָס פערד און ברענג פון שטעטל בראַנפן.

דער יונג האָט זיך אַוועקגעיאָגט. אין בודע האָט דער עולם
די תפילות אָפּגעזאָגט, נאָר שווייגן נישט געקענט מער.
ס'האָט זיך אַ וואָרט אַרויסגעריסן: — אַט אַ מענטש דער'הרג'עט!
— מיר וועלן אַלע ענטפערן. — דאָס וועט דיר זיין אַ משפּט'ל,
אַן אמת'ער. מע מעג זיך שוין באַצייטנס פּאַקן.
נח האָט געוואָרט: באַלד וועלן זיך די רייד דערקייקלען
צו אים, דעם שולדיקן אין אַלץ... נאָר כל־זמן ס'קרעכצט דער „גוסס"
וועט קיינער נישט דעם קול אַ הויב טאָן — מעג ער וואַרטן.

דער יונג איז אָנגעקומען, און די בודע האָט געקוקט
ווי נח הייבט דעם קאָפּ פון סידאָר'ן און טראָגט דאָס העלדזל
פון פלאַש צום מויל אים. דער גערוך פון ברעניקן געטראַנק,
די ערשטע טראָפּנס אויפן גומען האָבן אויפגעריסן קוואַלן
פאַרגראָבענע פון גבורה און מיט לעצטע כוחות האָט דער „גוסס"
גענומען זופן שלוק נאָך שלוק. אַריינגעזופּט, אַוועקגעפאַלן.

באַלד איז די סטענקערריי געוואָרן שוואַכער, שטילער, אויפגעהערט.
מ'איז אויף די שפּיצן פינגער צוגעטראָטן — יאָ, ער אָטעמט.
די פליִיצע הייבט זיך. ס'גייט אַ הויך פון מויל. ער שלאָפט...

אין אָוונט, ווען דער שטאַרקער שלאָף פונם געזאָלט זיין מת
האָט לעצטע זיכערקייט געבראַכט, האָט זיך צעדורשט נאָך רייד.
אַוודאי איז דאָס בלוט געדיכט פון זינד. דער טייוול אָבער
איז אויך נישט אָבי ווער. היינט שדים, רוחות כל'ערליי,
גילגולים און דיבוקים... אָט אַ מעשה מיט ברונים אַ פּאָר'כישופ'טן,
אַ דעמב וואו ס'האָט געוואוינט אַ רוח... נאָר ווער ס'האָט
דעם שפּרוך, דעם ריכטיקן, וועט גובר זיין. און גלייך אַ מעשה
ווי מ'האָט אַ שד געטריבן פון אַ פרוי, און אַז עס האָלט שוין
ביים גובר זיין דעם שד, צעהוקעט זיך אויף אים די גאַנצע בודע
און ס'הילכט אַ קינדישע די שמחה פון נצחון. נח הערט.
די רייד פון בודע פאָרן זיך מיט רייד פון ייִנגלעך אין ישיבה,
מיט גמרות, דינים, שפּרוכן קעגן כל המינים שדים:
שברירי—ברירי—רירי—רי! ווי איינס ביים חכם און ביים פּויער
די מורא פאַרן חושך און די בלינדע חכמה קעגן אים
און איינס ביי ביידן די מלחמה מיט דער טומאה אין די אָדערן.

דער שלאָף ביי סידאָרן האָט אָנגעהאַלטן שיר נישט אַ מעת־לעת.
אויף מאָרגן, אַז מ'איז אָנגעקומען פון דער אַרבעט און דערזען
ווי יאַקאָוו קאָרמעט אים, האָט זיך צעלויכטן יום־טוב. פון קאַצאַפּ,
דעם לאַנדסמאַן זיינעם, ביזן פּאַלישוק, האָט יעדער
זיך צוגעזעצט צו אים מיט גוטע רייד. דערנאָך געפּרואווט:
— איצט וועט ער זיין שוין אָרנטלעך. נאָך וואָס אוועקגיין?
נאָר סידאָרן איז בלויז גענוג געווען צו הערן וועגן פּלעשל
וואָס נח האָט אים איינגעגעבן, ער זאָל אָפּציען וואָס גיכער.
ער איז אַוועק אינמיטן טאָג ווען עולם האָט געאַרבעט
און קיינער, אויסער יאַקאָוון, האָט זיין אַוועקגיין נישט געזען.

9.

ביי דער וואַלד־פרוי אין די בוזימדיקע היילן
פון אַ שנירל הענגט דער גואל אויף אַ צלם.

כוואַליעס וויב די דינע ריפּן זיינע בריען
און ער שטעכט צוריק מיט נזיר'דיקע קניען.

קלעמט דאָס האַרץ איר אויף זיין מאַנצבילשקייט דער וויסטער.
טוליעט זי אים שטייפער אין די גרויסע בריסטן.

רופט ער, אַ געפּייניקטער, צו איר חתנים נייע —
זאָלן אויף אַ ווייל כאַטש פון גיהנום אים באַפרייען.

די חתנים האָבן פיינט דעם שטעכעדיקן נזיר
און זיי שליידערן אַוועק דעם צלם אין די גראָזן.

נאָר באַפּרוכפּערט און באַפּרייט פון פרעמדן קלאָמער
ברענגט זי אים צוריק אין בוזעם ווי אַ מאַמע.

מעג ער שטעכן מיט די נזיר׳דיקע קניען —
כוואַליעס וויבּ די קוואָרע לענדן זיינע בריען.

## .10

זיצט דער גרויסער באַלעבאָס אין זיין קאַנטאָר,
גלעט דאָס שפּיצל באָרד:
— ס׳גייט דאָס וואַלדהאַקן ביי אייך כשורה.
נאָך אַ וואָך — און ס׳וועלן אָנקומען די פורן
מיטן זאַמד און וועגענער מיט שפּאַלן,
איז מיר איינגעפאַלן:
איידער איבערגעבן צו אַן ערל די השגחה,
זאָל אַ ייד אַריינקריגן די וואָכערס.

מאַרק סעמיאַנאָוויטש איז זיכער,
אַז דער ייד וועט זיין אַ מומחה גאָר אין גיכן:
ווי צו מעסטן ערד פון בערגלעך אָפּגעשניטן,
ווי צו מעסטן זאַמד די טאָלן צו פאַרשיטן,
ווי צו מעסטן שפּאַלן וואָס גייען אונטער שינעס —
די סאָסנאָווע דיקער, די דעמבאָווע דינער —
און ער לאָזט אַ ווערטל פאַלן כלאחר יד:
— קלאָפּטער מיינט נישט דווקא זיבן פוס קוואַדראַט
אָדער זיבן פוס די הייך.
אַז ס׳וועט האַלטן זעקס צי וויניקער, וועט אויך
קיינעם חס ושלום ניט פאַרשאַטן.
פּרוּווט דער ייד זיך מאַכן תמ׳עוואַטע:
און אַז ס׳מעסט זיך אויס אַ קלאָפּטער פולע זיבן?
זאָגט דער באַלעבאָס: — עס טאָר נישט קיין זיבן!

קומען אינזשענירן מעסטן און בראַקירן,
שפּאַנען מיט די בלייערס, ביכלעך און פּאַפּירן,
וואָס די גנבה אָפּענער, אַלץ וויטער אָפּגעטראָטן,

אויפגעדעקט די שפּרינקעלעך און נישט דערזען די בלאָטע,
און דער באַלעבאָס פון הינטן שפּרייזט
ווי אַ חדר־ייִנגל וואָס האָט אויסגענומען ביים פאַרהערן,
און די פּלייצע זיינע לערנט:
— זעסטו, צדיק מיינער, ווי מען מאַכט אַן עסק?
קיינער וויל נישט פאַסטן קיין תעניתים
איינצושפּאָרן נאָך אַ רענדל פאַרן קיסר.
אמת — וואָס כ׳מוז אָפּשטעקן די פייגל
וואָלט פאַר דיר געסטייעט אויף דריי יאָר פּרנסה,
אָבער אַז מען וויל די הינער זאָלן אייער לייגן,
קען מען זיך ניט שטעלן אויפן ביסל פּראָסע.

איצט האָט שוין דער באַלעבאָס, דער שררה,
מער נישט מורא פאַרן חבר פון איבער דער גמרא.
האָט געגנוג זיך אָנגעבידעוועט מסתמא פריער,
ער זאָל אים דעם גט איצט וואַרפן פאַר דער טיר.
אלא וואָס די אויגן שוויגן האַרט און טרויעריק —
האָט ער פאַר אַזעלכע זאַכן קנאַפּ וואָס מורא:
גרעסערע צדיקים טוליען זיך אין פיינע פּעלצן,
וועט עס אויך אין נח׳ן דעם מוסר׳ניק צעשמעלצן,
וועט ער נאָך אַליין אַמאָל אויך זיצן אויפן זאָטל
און דאָס מזל דאַנקען פאַרן גוטן חבר מאָטל.

## 11.

נישט איך האָב געשמירט מיין ברויט מיט פּוטער,
נישט איך דאַרף פּוטער צום ברויט.
געשמירט האָט מיין ברויטגעבער, דער גוטער,
וואָס קען נישט טרינקען זיין וויין אַ באַרוטער
אָן פּוטער ביי מיר אויפן ברויט.

ס׳גייט נאָך ווי אַ הונט דעם תקיף זיין גדולה
און פאַרשמעקט זיין לעבן מיט הונט.
איז — זוכט ער צום טיש זיינעם עסער אַ פּולע,
זיי זאָלן מיט מענטש באַשמעקן זיין גדולה
שטאָט ריח פון בייזן הונט.

איך זע דיין שיינע כוונה, מיין חבר,
און דעם שכר פאַר מיין מראה מענטש.
געוועזן שוין אַ שלאַנג און געוועזן אַ חוה,
דיין טיש אָבער האָט נישט אַזאַ מין פּאַטראַווע
צו קויפן מיין מראה מענטש.

וועסט קריגן משרתים גענוג פאַר אַ שמירה
מיט פוטער אויף זייער ברויט.
נאָר מיינס אַז דו זאָלסט אויך מיט לאָפּעטעס שמירן —
אַלץ איינס וועט מיין גומען דעם טעם גישט פאַרלירן
פון טרוקענעם, שוואַרצן ברויט.

## .12

גייט אַרויס אַ ייד אַ פרייען טאָג אין וואַלד צו בלאָנקען,
זיין מיט זיך אַליין אַ ווילע אויף אַ שטילער לאָנקע.

זעט ער: איבער שטעגל, וואָס ער האָט באַטראָטן,
שוועבן זומער־פערדלעך, ווי אַן אויסמושטירטע ראָטע,

און פאַרויס פון זיי, מיט פליגל גאָלד און ברוין באַבלימלט,
ווי הוזאַרן אויסגעפּוצטע, שמעטערלעך צעשיינטע שווימען.

טראַכט ער: אויב זיי פליען דאָ, איז דאָך דאָס שטעגל זייערס,
און דער וואַלד איז גרויס גענוג פאַר יעדן גייער,

און געשטראַל פון זון וואָס אויף די ביימער פלעמלט
וועט דיר ווייזן שפּעטער ווי דעם וועג אַהיים צו נעמען.

ערשט וואוהין ער קערט זיך אָפּ, פאַרלויפן זיי דעם וועג אים
ווי מען וואָלט זיי מיט אַ כיון אים געשיקט אַנטקעגן.

חידוש'ט ער זיך: ווען האָט וואַלד עס איינגעפירט אַזעלכע זיטן,
אַז מען זאָל אַ נייעם מענטש אַנטקעגנקומען מיט אַ סוויטע?

נאָר די רייען פלאַטערדיקע וועג־ווייזער פאַרויס אים שווימען
ביז מען ברענגט אים אויף אַ פעלד מיט קאָרן־בלומען.

טעפּעט ער אַ בלימל אין די פינגער, זעט ער:
ס'איז אַ טעלערל אַ ווייס באַזוימט מיט געלע סאַמעט־בלעטער,

און דאָס טעלערל אַליין — אַ מחנה ווייסע שטענגלעך
איינגעטוליעט איינס אין אַנדערן אין קרייזיקע שערענגעס,

האַלט זיך אַלץ צוזאַמען אויף אַ דינעם זייל אַ גרינעם,
און דער זייל פון באָדן ציט פאַר זיי חיונה.

ווער־זשע זיינען די יחידים וואָס מע רופט זיי בלומען?
איז דאָך יעדער גאָר אַ רבים אין אַן איינס צונויפגענומען,

איז דאָך יעדער איינס דער סכום פון אַלע זיינע גלידער,
און דער סכום פון אַלע סכומים ווערט אַ גרויסער יחיד ווידער —

יחיד־וועלט — איז איינציקער און אַלץ אַזוי פאַרקניפּט אינאיינעם,
אַז וואָס אַלץ איז יעדן איינציקנס און קיינער איז נישט איינער.

זעט ער: צווישן גראָזן שטייט אַ ווערוריק און באַטראַכט אים.
מיינט ער — דאָס האָבן די שמעטערלעך, וואָס האָבן דאָ געבראַכט אים

צוגעשיקט דעם ווערוריק נאָך אַמאָל אים אויסצופּרואוון.
זאָגט ער: איצט פאַרשטיי איך שוין און טו פאַר פריער תשובה.

אַלע זיינען מיר פון וועלט און אַלע גאָר געהויבענע יחסנים,
קומט אונדז, יעדן איינעם, אַ קבלת פּנים,

שטעל איך זיך דיר אויף אַנטקעגן מיט אַ ברוך הבא
און איך וועל עס טאָן אויך פאַרן האָז און קראָליק און דער זשאַבע.

נעמט דער ווערוריק אָן דעם כבוד און אַ שפּרונג צווישן די ביימער.
קוקט אים נאָך דער ייד און רעדט צום דעמב דאַנעבן לאמור:

— ס'איז ניט שייך מיט די שפּרינגערלעך אַריינצולאָזן זיך אין חקירה
וועגן ברידערשאַפט פון ברואים, וועגן איינקייט פון יצירה.

אָבער איר, ר' דעמב, אַ וואָרצלדיקער און אַ זקן קיין עין הרע
האָט דאָך סיי דעם נגלה, סיי דעם נסתר איינגעקריצט אין אייער
קאָרע, —

ווייסט איר דאָך דעם זהר: יעדער בוים און גראָז און בלימל
האָט זיין שטערן אָדער מזל אַ ממונה איבער אים אין הימל,

און אַז יעדער נפש האָט דאָרט זיין ממונה, זיינען מיר געבונדן
מיט די שטערן און מזלות אויבן, מיט דער ערד און אָטעם אונטן,

און אויב אייך, ר' דעמב, איז ניט באַשערט זיך מיט דער ערד צו שיידן,
שפּאַן איך אייך אַנטקעגן, שפּאַן איך פאַר אונדז ביידן.

פּלוצלינג ווי ער רעדט, אַ נאָדל אין דער ליפּ אַריינגעשאָסן
און עס זומט מיט בייז הנאה פאַר די אויגן אים די אָסע.

זאָגט ער: איך פאַרשטיי דיין לצ׳ישע כוונה —
ביסט געקומען אָן דער שנאה, אָן דער רשעות מיר דערמאָנען.

ברענט די ליפּ מיט סם, ווערט אָנגעדראָלן ווי אַ קישן,
טאַנצט ער אונטער פון יסורים: — כ׳נעם אויך אָן די רשעות,

כ׳נעם די רשעות אויך אַריין, און מעגסט מיך ברייען, סמ׳ען —
ס׳איז כדאי מיט דיר אפילו זיין אין וועלט צוזאַמען.

פון די געל און ווייסע בלימלעך ציט אַ הויך אַ קילער,
קילן אים די סאַמעט־בלעטלעך ס׳ברעניקע געשווילעכץ,
און אַ מחנה שוואַלבן, ווי אַ חדר קינדער אויף דער פריי,
טראָגט זיך מיט אַ צוויטשעריי: כדאי, כדאי, כדאי...

## .13

אַט אַזוי האָט נח זיך פאַרשאַפט אַ נייעם חבר.

אָנגעקומען פון שפּאַציר אין וואַלד אַליין,
זעט ער — עולם אין אַ קרייז אויף דר׳ערד צעשפּרייט
און אינמיטן אויף אַ קלעצל זיצט דער יונגער אינזשעניר.
אויפן גראָז דאָס היטל מיטן ווייסן דעכל,
דער מונדיר אויף אים אַ ווייסער, געקראָכמאַליעטער,
און די שטיוועלעטלעך בלאַנקען. ס׳פּנים ווייס
און די וואָנצעלעך פאַרשפּיצטע שוואַרץ. זיצט ער,
לייענט פון אַ ביכעלע און מיט זיך נאָכצומאַכן
דאָס מוזשיצקע לשון, אוןביים עולם אויגן סטאַרטשען
און די ווערטער שפּרינגען אָפּ פון פּנים׳ער צוריק.
און פאַרשטייט עפּעס פּעטרוכאַ — וועט ער וואָגן
עפּענען אַ מויל ווען אַלע שוויגן?... זעצט זיך נח אויך.
לייענט נאָך דער יונגער אינזשעניר און שטעלט זיך אָפּ.
— ווער וועט זאָגן עפּעס? קוקן אַלע, שוויגן אַלע.
זעט מען — ס׳ווערט דעם פריץ, נעבעך, קאַלעמוטנע,
טראַכט זיך נח: פּאַרט עפּעס דאָ מעשה טאַטע
און עס פּאַסט נישט זיינע קעסט־קינדער פאַרשעמען,
מאַכט ער: — איך וועל זאָגן! — צינדן זיך ביים פריץ אָן
גאוה׳דיקע אויגן: — כ׳האָב נישט דיך געפרעגט.
דיך האָט מען געשיקט דאָ באַלעבאַטעווען און גנב׳ענען,
גנב׳ע און האַלט ס׳מויל! טוט אַ וואָרטשע יאַקאָוו:
— זעסטו, פּאַטערל, דאָס רעדסטו לשון הרע!

פּראָוווט דאָס פּריצ׳ל די גאוה האַלטן: — וואָס־זשע —
גנב׳עט גאָרנישט? — ניין, נישט אונדזער נח.
זוכט ער שטיצע ביי די אַנדערע, נאָר אַלע שווייגן.
שמייכלט ער פאַרלאָרן: — נו, ווילסט זאָגן, זאָג!
דרייען זיך די פּנים׳ער צו נח׳ן, הייבט ער אָן
מיט אַ פּסוק וועגן דעם, אַז אין שווייס פון פּנים
עסט דער מענטש זיין ברויט — איז דער טייטש:
נישט צו ליידיקגייער האָט געגעבן גאָט די ערד.
הערט דער עולם, קומען ראיות וועגן קיסר
וואָס האָט אויסטיילן געוואָלט דאָס פּריציש לאַנד
צו די פּויערים פאַר גאָרניט, קומען קשיות
וועגן מאַכט פון פּריץ און אוראַדניק,
ענטפערט נח: — זיי וועלן עס בעסער וויסן —
(„זיי״ — דער אינזשעניר, הייסט עס) געפינט שוין
אויך דער פּריץ לשון און ווען ס׳קומט
ביז צום זונטיקדיקן מאַלצייט, שטייט דער אינזשעניר
מיט אַ לעפל אין דער האַנט און ס׳האַרץ קוועלט אָן
וואָס אָט שטייט ער מיט אַ לעפל גלייך ווי אַלע,
און ער חנ׳דלט זיך צום יידן, אירצט אים,
בעט אים איבער פאַרן חשד און ס׳איז אים היימלעך.

ווערט אַן אָפּטער גאַסט דער יונגער אינזשעניר.
ניין, נישט גוט איז אים, וולאַדימיר זשדאַנאָוון.
ס׳בענקט דאָס האַרץ נאָך גרויסע אמת׳ן,
נאָר קיין מוט זיי נאָכצוגיין, דאָס לעבן איינצושטעלן
איז נישטאָ. זיינען דען נישט די חברים זיינע
אויך אַזעלכע זינדלעך באַלעבאַטישע ווי ער —
טאָ פונוואַנען קומט צו זיי דער כוח
אין די קרייזלעך זיך צו קלייבן, אין די דערפער זיך צעקריכן,
פאַר די ריכטער זיך צו שטעלן, אין סיביר זיך לאָזן שיקן?
און פאַרוואָס ביים אים, ביי זשדאַנאָוון, אַ שרעק אַזאַ
פאַרן טאַטנס שטעלע, פאַר דער מאַמעס טרערן,
פאַר דער שוועסטערס שידוך? נח הערט און וויס:
נישט קיין גרויסן כבוד לייגט אויף אים דאָס פּריצ׳ל
מיטן ווידוי זיינעם. פאַר אַן אייגענעם, אַ גלייכן
וועט ער שרעקן זיך און שעמען דאָס צו טאָן,
נאָר אין וויסטן וואַלד און פאַר אַ יידל נאָך דערצו —
וואו איז גרינגער אָפּצוּוואַרפן ס׳מיסט פון דער נשמה?
און דאָס פּריצ׳ל פאַרשעמט זיך אויך פאַר אים.
ווערט פאַרשוואונדן אויף אַ וואָך און קומט דערנאָך
מעשה רבי גאָר, מיט מעשיות און מיט ביכלעך.

אָרט נישט נח׳ן. אים רודערט אויף דאָס האַרץ
פונם גרויסן פּריץ וואָס האָט ביזן לעצטן העמד
אויסגעטאָן פון זיך און אומגעקומען אויף דער תליה;
פון דעם יונגן פירשט אין קאַזעמאַט אין פעסטונג
מיט אַ יחוס־בריוו נאָך העכער פאַרן קיסר׳ס;
פונם מענטש, דעם אינו נראה, וואָס האָט ווינטער ערשט
אויפגעריסן האַלב פון קיסר׳ס פּאַלאַץ —
נעמט ער אָן די תורה, שאָקלט זיך איבער די שירים
און מאמרים און דער רבי איז צופרידן.

נאָך צופרידענער איז נח. נישט אַזוי פון רבי׳ן
ווי פון דריטן שטומען שותף צו די רייד.
אַז פּעטרוכאַ האָט גענומען נאָכשפּירן די טריט זיי,
האָט זיך זשדאַנאָוו אויפגעקאַכט: — וואָס קריכסטו נאָך?
האָט אים נח איינשטילט: — ער מיינט קיין בייז נישט.
און דעם יונג אַ רוף געטאָן: — קענסט הערן.
איצטער גייט זיי נאָך פּעטרוכאַ ווי אַ גרויסער שומר.
ער איז בלויז געהער. די אויערן פאַרשפּיצט,
גראָע אויגן פאָלגן נאָך דעם ריר פון ליפּן
און דאָס מויל איז אָפן אין כסדר׳דיקן דאָרשט.
קוקן בלינד די אויגן — מיינט עס: ער באַנעמט נישט.
צינדן זיך די אויגן — מיינט עס: ער איז מסכים.
ווערן אומרואיק די הענט ביי אים, איז טייטש:
ער וואָלט וועלן זיין אַ שותף צו די מעשים
וואָס מע רעדט פון זיי. ווערן נעבן אים די רייד
אמת׳ער, באַזינטער — ס׳איז ממשות דאָ אין רייד
ווען פּעטרוכאַ זיצט און הערט זיך צו.

קומט עס צו וויכוחים. נח בלעטערט אין אַ מעשה־בוך
וואָס דאַרף לערנען ווי צו לעבן מיטן אמת.
דער מחבר, ווייס ער, איז אין גלות אין סיביר,
זוכט ער קדושה און געפינט נישט. קאָכט זיך זשדאַנאָוו:
— און דער מאַן, וואָס האָט זיך אומגעבראַכט
צו באַפרייען ס׳ווייב פאַר ליבע צו אַ חבר?
דריגעט נח מיט די אַקסל. — נו, און דער
וואָס האָט ליב געקראָגן ס׳קראַנקע גאַסן־מיידל
און גענומען פאַר אַ ווייב? — ענטפערט נח:
— אונדזער נביא הושע האָט עס שוין געטאָן אַמאָל.
— קיינמאָל נישט געוואוסט פון אַזאַ נביא —
בלאָזט זיך זשדאַנאָוו. ליגט אַ וואָרט אַזאַ
אויפן שפּיץ פון נח׳ס צונג, נאָר בעסער שווייגן.

און אַט קומט דער רבי מיט אַ גרויסער פּלוגתא.
איז אַ כיתה דאָ וואָס טענה'ט: גאולה ברענגען
זאָל דאָס פאָלק אַליין, דאַרף מען גיין צו אים
לערנען מיט אים גאולה. זאָגט די צווייטע:
אַז מע פּאַקט איין תפיסות און מע פּייניקט
פּאַרן וועלן צוקומען צו פאָלק, מוז מען האַקן קעפּ.
וואו־זשע איז דער אמת? ענטפערט נח:
— און אַז משה וואָלט געגאַנגען צו די ציגלמאַכער —
וואָס וואָלט ער גע'פועל'ט? רייד פון פרייע מענטשן
וואַרפן אַן אַ שרעק אויף קנעכט. איבער גוואַלד
מוז מען זיי באַפרייען. מוז מען גיין צו פרעה'ן.
און אַז פרעה איז פאַר'עקשנ'ט, שלאָגט מען מכות
האַרב און האַרבער. ביז עס ליגט זיין בכור נישט
אויף דער ערד אַ טויטער, ווערט זיין האַרץ נישט ווייך.
בריט דעם פריץ: — איר ווייסט אַלץ.
נאָר פעטרוכאָס אויגן לויכטן: ער איז אויך
מיטן יידן מסכים. האָט דער פריץ נישט קיין ברירה,
שטימט ער צו — מסתמא איז אַזוי.

זשדאַנאָדוו וואָלט דעם ייד אַ מעסט געטאָן די מאָרדע
פאַר די קלוגע רייד זיינע, פאַרן שטילן צער אין זיי.
עפּעס פילט ער — וואָס ער זאָל נישט טאָן מיט אים,
גוטס צי רשעות — וועט דער ייד אַלץ אומטראָגן
אָט דאָס שטילע ווייסעניש אין די געהירן.
אָבער ס'איז אַ שאָד. אים איז געוואָרן ליב
ווי דער ייד קאַליטשעט אים דאָס לשון,
ווי ער מאַטערט זיך אַרויסצוברענגען די רעיונות,
ווי ער בעט אים מיט אַ וואָרט אַרויסצוהעלפן;
ס'איז אים ליב דער דריטער מיט זיין שטומען הערן —
אָט־דאָס „פאָלק" וואָס לערנט ביי אים חכמה;
ס'איז אים ליב זיך צו באַרימען: — איז ביי מיר
אַזאַ פּאַרל דאָ אין וואַלד — אַ ייד וואָס רעדט
און אַ פויער־יונג וואָס שווייגט — — — און דערציילן
נסים פון דעם פּאָרל. שטיקט ער איין דעם כעס.
און קומט ווידער זיצן מיט די צוויי.

## 14.

אונטער מאָכיקן דעמב אין פאַר'כישופ'טן וואַלד
איז אַן אייזערנער קופערט באַהאַלטן,
אינם קופערט אַ האָז, אין האָז אַ קאַטשקע,

אין דער קאַטשקע אַן איי —
אין דער איי האָט דער בייזער מכשף קאַשטשיי
זיין נשמה באַשטאַט און געלאָזט זיך בלויז גוף,
אַן נשמה אַ גוף,
אין געמויערטן שלאָס, הינטער ריגלען און שטאַנגען
האַלט קאַשטשיי אַ בת־מלכה געפאַנגען.
ווער קען גיין מיט אים פירן מלחמה,
די בת־מלכה באַפרייען,
אַז ער טראָגט אום אַ גוף אָן נשמה
און זיין לייב לאָזט קיין בלוט נישט און פילט נישט קיין פיין?

ווייס פעטרוכאַ — דאָס אַלץ איז אַ מעשה'לע בלויז,
וואָס מע טראַכט עס פאַר קינדער אויס,
און נישטאָ גאָר קיין אייזערנער קופערט און איי,
און דערפאַר טוט אים וויי,
וויל ער ווייס — עס איז דאָ דער מכשף קאַשטשיי
מיט אַ שלאָס און מיט ריגלען און זעלנער אַ סך
אויף דער וואַנט, אויף דער וואַך.
און דערפאַר טוט אים וויי,
וויל וואָלט אמת געווען דער האָז מיט דער איי,
וואָלט פעטרוכאַ אַזוי ווי ער שטייט און גייט,
אָן זאָטל און פערד, אָן פאַנצער און שווערד
צו פוס אויסגעמאָסטן די גאַנצענע ערד
און געפונען דעם דעמב און צעקוועטשט דאָס איי —
די נשמה פון רשע קאַשטשיי.

נאָר אָט איז געקומען איינער וואָס ווייסט
און געבראַכט אים אַ טרייסט:
עס איז נישט בלויז פאַר קינדער אַ מעשה:
עס איז דאָ צום פאַר'כישופ'טן קופערט אַ וועג
און אויך ווייסער וואָס ווייסן דעם וועג.
איצט קוקט פעטרוכאַ אַרויס אויפן טאָג
ווען דער ווייסער וועט קומען צו אים מיט אַ זאָג:
— איך ווייס, אַז נישטאָ אין דיין האַרץ קיין שרעק,
און דורך דאָ און דורך דאָרט איז צום קופערט דער וועג.
עס הערט שוין פעטרוכאַ דעם קול פון זאָג,
נאָר עס ווייס נאָך נישט דער, וואָס דאַרף זאָגן דעם זאָג,
אַז אין וואַלד ביי דער האַק
שטייט אַ יונגער באַטראַק,
פעטרוכאַ ביים נאָמען,
און איז גרייט צו גיין אויף קאַשטשייס נשמה.

## .15

דעם קיסר'ס ברויט נישט פון דימענט־זאַנגען,
דעם קיסר'ס בעט נישט פון פּערל־פּוך.
צו וואָס ביי דער הערשאַפט זיין געפאַנגען
און מערן ביי דינער פּאַרכט און פלוך?

פאַרשווינדט דער קיסר. הייסט פירן זיין ברודער
אַ ליידיקן אָרון מיט גרויס פּאַראַד,
און שררות מאַכן ביי דער טרויער־סעודה
דעם נייעם קיסר אַ הויכן וויוואַט.

פאַרשווינדט דער קיסר — און אַ מענטש אַ גייער
אין פאַסטעלעס איבער די וועגן שפּאַנט.
אין שטעט הויערט טרויער פון פּוסטער לוויה,
ס'הויערט שרעק פּאַרן נייעם קיסר אין לאַנד.

קומט אַן דער מענטש צו אַ דאָרפישן קלויסטער
און רעדט צום עולם: — ברידער, הערט!
עס האָט אייער הערשער פון זיך דערלייזט אייך
און אייערס איז איצט אייער מי און ערד.

דערהערן זשאַנדאַרן מיט שווערד און פּיסטוילן,
און בלוט אויף זיין פּנים און סערמיגע פּלייצט.
מע שלעפּט אים ביים קאַרק ווי אַ קאַלב ניט דערקוילעט:
— אָט־דער האָט דאָס פאָלק קעגן קיסר געהייצט.

שטייט אויף פאַרן ריכטער אַ מענטש אַ צע'דמ'טער
און מלכות שיינט פון זיין ווייסער האַנט:
— עס מאַכן אַ טעות דיינע באַאַמטע,
נישטאָ מער קיין קיסר אין אונדזער לאַנד.

ווער ס'איז געווען איבער אייך אַ קיסר
איז מיד געוואָרן פון אייגן בייז.
איצט גייט ער זיך אַליין דערלייזן
ביי די וואָס ער האָט פון זיך דערלייזט.

רייסט אויף דער ריכטער פון אימה די אויגן
און צאַפּלט אַרויסצוריידן אַ וואָרט,
און ס'טראָגט אַ שטאָפּעט צום קיסר געפלויגן
אַן אַלאַונטערטעניקסטן רעפּאָרט.

קומט אָן צוריק אַ שטאַפּעט פון קיסר,
און ס'ווערט אין פעלד אַ תליה געגרייט,
און ס'פּאָלגן נאָך מיט אַ שטומקייט פון מתים
דער גלח און תליון דעם גייער צום טויט.

ער גייט און זיינע ליפּן מורמלען:
— אַ, מאַן פון נצרת, מיין ליכטיקער גאָט!
היינט וועט מיין שטומקייט איבערטורמען
די געטלעכקייט פון דיין לעצטן טראָט.

עס האָט דאָס פּאָלק ווי כוואַליעס צעברויזטע
געפלייצט מיט דיר צו דיין לעצטן גאַנג,
און אייביקע דורות דיין נאָמען גרויסן
פאַר טשוועקעס אין הענט אויף אַ הילצערנעם שטאַנג.

איך ליג שוין אַ טויטער אין גילדענעם אָרון
און ס'היטן מיין טויטקייט שווערד און ביקס.
מיין קבר אין פעלד וועלן רעדער פאַרפאָרן
און ערד פאַרדעקן מיט ווילדן געוויקס.

## .16

אַ בריוו מיט יאַנקלס האַנט געשריבן:

צום ערשטן שיק איך דיר, מיין ליבער מאַן, אַ מזל־טוב.
היינט זיבן טאָג האָב איך געבוירן דיר אַ טאָכטער.
האָר האָט זי רויטע, דיינע, און אויגן בלאָע, מיינע.
די שכנות זאָגן, אַז זי וועט אם ירצה השם
די וועלט פאַרשיינען. איך האָב שוין גענוג פאַרגאָסן טרערן,
כאָטש נישט דאָס ערשטע מאָל ווער איך אַזוי געלעגן
מיט דיר פאַרוואָגלט ערגעץ אין דער פרעמד.
האָב איך געמוזט דעם שאַמעס רופן און אַ גילדן געבן,
אַז ער זאָל שבת אויסרופן אין שול איר נאָמען — שפרה,
אַ נאָמען נאָך דיין מאַמען, זי זאָל זיין אַ גוטע בעטערין פאַר איר.
אַ נס טאַקע וואָס אין דער גוטער שעה האָט מיר דער באַלעגאָלע
געבראַכט די שכירות דיינע און איך האָב געהאַט
דער באַבען צו באַצאָלן. ביז די ערשטע וויען
האָב איך נאָך אַלץ געשטעפּט אויף דער מאַשין, נאָר אָפּטראָגן
אין שוואַלניע דאָס געניי שוין נישט געקענט. אַ דאַנק אָבער
זיין ליבן נאָמען האָבן גוטע לייט מיך נישט פאַרלאָזט.

די שענקערין קומט אָפּט אַריין און צוויי מאָל איז געווען
ר׳ מרדכי׳ס טאָכטער, די נגידית׳טע, און מיט דער דינסט
מיר אָנגעטראָגן זאַכן כאָטש אַ חתונה צו פּראַווען.
וואָס טויג מיר אָבער אַלץ אַז איך בין דאָ אַליין
און דו ביסט אין אַ וויסטן וואַלד פאַרוואָרפן צווישן גויים
און נישט קיין שבת, נישט קיין טיש. אַז כ׳וועל זיך זעצן
צוריק צו דער מאַשין, וועל איך דיר אויפנייען
אַ צוויי פּאָר העמדער און זיי שיקן מיטן באַלעגאָלע.
און צווייטנס שרייב איך דיר, אַז ס׳איז געווען אַ בריוו
פון שמעונ׳ען. ער לערנט אין ישיבה און די מומע דיינע
האָט אים געגעבן אַ געלעגער אין דעם זעלבן חדר
וואו דו ביסט יינגלווייז געווען און ער האָט אַלע טעג
ביי דיין משפחה נאָר. און יאַנקל קריגט שוין איצט
צען גילדן אין ציגעלניע. יעדן פרייטיק ברענגט ער מיר אַ רובל
און מיטן האַלבן רובל קומט ער דורך די וואָך.
איך האָב געמוזט אים מאַכן אַ פּאָר נייע שטיוול
און ס׳האָט גענוג געווינט מיין האַרץ אויף זיינע הענט —
אַזוי געשוואָלן זיינען זיי געוואָרן. ווען וועט שוין
אויף אונדז די אמת׳ע ישועה קומען, אַז מיר זאָלן אַלע
צוזאַמען קענען זיין אין נחת און אין פריידן, אָמן.

צום סוף פון בריוו, פון יאַנקלען גופא:

ליבער טאַטע: וואָס די מאַמע הייסט מיר שרייבן
פון מיינע הענט, איז עס געווען אין אָנהייב נאָר
און ס׳טוט מיר מער נישט וויי. אברהמ׳ל, וואָס דו קענסט אים,
איז גוט צו מיר, און יעדן שבת גיי איך אין בית־מדרש
און לערן פאַר זיך, איך זאָל נישט פאַרגעסן וואָס איך קען.
אַז דו וועסט קומען, וועסטו מיך פאַרהערן
און זיך מיט מיר נישט דאַרפן שעמען. ס׳איז נאָך זעקס חדשים
ביז איך וועל נעמען לייגן תפילין, וויל איך זייער,
אַז דו זאָלסט זיין מיט אונדז ביי מיין בר־מצוה.

## .17

אַן עלנדער מענטש אין אַ וויסטן העק
מיטן יאָך פון אַ וועלט אויף די פּלייצעס —
דאָס איז דער אַפּטייקער פון קאַברין
מיראָן מאַטווייעוויטש רייצעס.

ס׳האָט טשאַרלז דאַרווין שוין קלאָר געשטעלט
דעם שרש פון מענטש אין גאָרילע.

און אָגיוסט קאָנט האָט דעם פאָרשער־געדאַנק
באַשטימט פּאָזיטיווע צילן —

און דאָ איז מען אַלץ מחדש נאָך
ביי דער לוזשע די לבנה,
און ס'לעבט אַ פאָלק אין פינצטערניש
און ווילדע זאַבאָבאָנעס.

מען האָט אין פּאַריז צעשיסן געמוזט
די קאָמונע מיט האַרמאַטן,
און ס'ציטערט שוין דער דייטשער רייכסטאָג
פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן —

און דאָ קריכן נארישע יונגעלייט
צעבונטעווען דאָרפישע בלאָטעס,
און ס'קראַצט דער מוזשיק די פּאָטיליצע
און שיקט זיי אָפּ צום טאָטער.

וואָס וויל מען נעבעך מיט סאָציאַליזם
אין אָט־דער פינצטערער אַזיע,
וואו מע פאָרט דריי נעכט צו אַן אוניווערזיטעט
און צוויי צו אַ גימנאַזיע ?

איז וואָס קען טאָן אַ מענטש אין קאָברין
מיטן האַרץ אין דער גרויסער אייראָפּע ?
ער שטעקט אין בוך צווישן פּילן און זאַלב
און ברומט צווישן פּלאַסטער און טראָפּנס.

די שפּיציקע נאָז פון ציימונג אַרויס
באַפאַלט ער די בידנע קליענטן,
נאָר יעדערער ווייס, אַז דער כעס איז נישט ווערט
אַ שטרוי אַן איבערגעבראָכענעם.

מעג ער טשעפּן אפילו דעם קיסר און גאָט
רב און גלח פאַרשוואַרצן ווי סמאָלע —
ס'איז זיכער מיט אים די גאַטשאַלסטוואָ אין שטאָט :
ער מיינט נישט קיין קראַמאָלע.

די זאָוויסעס אים ביי דער צונג זיינען לויז —
איז לאָזט ער זיך וואוילגיין אַביסל.
נאָר וויל מען אַ שמעק טאָן פון גרויסער וועלט
האָט רייצעס צו איר דעם שליסל.

איז קומט מען טרינקן זיין ווישניאַק און טיי
און פון הויכע ענינים אַ רעד טאָן.
דער פּריסטאַוו מיט ביסמאַרקן ווערט פּאַני־בראַט
און דער סטאַראָסטע מיט גאַמבעטאַן.

ווער ס׳פּאַרט מיטן שנעל־צוג פון פּראַגרעס,
ווער ס׳ציט אַן אָקס ביי די לייצעס —
עס טראָגט צווישןביידע זיין לעבן אַרום
מיראָן מאַטווייעוויטש רייצעס.

## 18.

אַ זונטיק. די אַפּטייק. מיראָן מאַטווייעוויטש און נח.
— ווער האָט אייך דאָ געשיקט, זאָגט איר? אַן אינזשעניר?
אַהער שיקן דאָקטוירים, נישט קיין אינזשענירן.
איר האָט אַ קוויטל? אַ רעצעפּט, מיינט איר! אָ! דאָס גאָר!
וואָס טראַכט ער זיך, דער זשדאַנאָוו? ס׳איז ביי מיר
אַ קהל׳ישע ביבליאָטעק? און גיט מיר נאָך אין נדן אַן —
אַ ייד! אַ יחוס נאָ דיר! ווער האָט אים געזאָגט
אַז כ׳בין אַ יידן־פריינד? ווי נאָר אַן אָנשיק ערגעץ —
מע קריכט צו רייצעסן! וואָס דאַרפט איר עס
די אַלע זאַכן — רעוואָלוציע, סאָציאַליזם? ס׳איז נישט ער —
ווי הייסט ער אייערער — דער משה מענדעלסאָן!
עסטעטיק, עטיק, גאָט — אַ קוגעלע אַ יידישער מיט צימערינג
און ראָזשינקעס. און אין דער אמת׳ן גאָר אַ בוכהאַלטער!
געשעפּטלעך יידישע!... נישטאָ ביי אייך קיין קאָפּ! איין אַריסטאָטל
האָט אַלע אייערע חכמים אויסגעטרייסלט פונם אַרבל.
געהערט פון אַריסטאָטעלן? אַוודאי, יאָ,ביים רמב״ם.
אָט־דאָ אַ קאָפּ געווען! ווען נישט דער תלמוד — וואָלט געווען
אַ קאָפּ. און ווייטער נישט. נישטאָ. אַז ווער עס האָט אַ קאָפּ
אַנטלויפט פון אייך. די וועלט מיט קלאָרע אויגן גייט
צו וויסנשאַפט, צו אמת — און ביי אייך, מע זיצט אַלץ
און מע לויזט די פּשט׳לעך. וואָס־זשע לויפט איר שוין?
ווער — איך? אַ רשע מה הוא אומר? זע נאָר!
אָט־דאָס איז דאָך די קרענק ביי אייך! זאָל עמעצער
אַן אמת וואָרט זיי זאָגן, ווערט באַלד אַ גוואַלד:
מען האָט זיי פיינט! מע דאַרף אייך פיינט האָבן.
ווי זאָגט איר? שנאה וואַקסט ווי דערנער אין די מוחות
וואָס דער פאַרשטאַנד האָט נישט צעאַקערט?.... הער נאָר!
מליצה גאָר! און איך בין עס דער מוח מיט די דערנער!

מיך, הייסט עס, האָט דער אַקער פון פאַרשטאַנד נישט אָנגערירט!
איר ווייסט ווען איר זאָגט עס? הם . . . געקומען
פון וואַלד אַרויס מיך לערנען שכל! וואָס אַזוינס?
דער שכל וואָס אין קאָפּ איז נישט גענוג? פאַרשטענדיק האַרץ!
מליצה, פעטער־לעב! איר האָט זיך אָנגעהערט
מיט ווערטער כל'ערליי און פּלאַפּלט נאָך. ווער זאָגט אייך,
אַז כ'וועל אייך גאָרנישט געבן? וועט אַוועקלויפן
צום קריסט און מסר'ן: דער מיאוס'ער אַפּטייקער
ליגט אויף די ביכער זיינע ווי אַ שיילאָק אויף די גראָשנס!
וואַרט, כ'וועל אייך אויסקלייבן. ווי האַלט איר עס?
ס'איז נישט קיין האַק אין גאַרטל. כ'וועל עס בעסער
פאַרפּאַקן אין פּאַפּיר. און טאָמער פעלט עפּעס —
איז קען איך דעם פּאָדראַטשיק אייערן, ער קומט אַריין צו מיר,
וועט איר באַצאָלן ווי אַ טאַטע פאַרן גאַנצן בוך.
איז וואָס דער נאָמען אייערער? איך מוז פאַרשרייבן.
און שרייבט זיך אונטער דאָ. מיט אייער האַנט טאַקע.

## .19

נח קלאַפּט אין טיר.

קום אַריין, ווער ביסטו?
— בירגער נח.
— וואָס פאַרלאַנגסטו, בירגער נח?
— פון אַ ווייטן וואַלד בין איך געקומען,
אַלע קולות פון דער שטאָט פאַריז באַנומען,
ברענגט מיך אַ פאַרלאַנג אַהער:
לאָז מיר זיצן קעגן דיר אַ ווײַלע,
קוקן אין דיין פנים, בירגער ראָבעספּיער.

— וואָס קען דיר מיין פנים זאָגן מער
ווי דו ווייסט אַליין? האָסטו דאָך געלערנט!
כל־זמן פרעה וועט נישט זען זיין בכור אויף דר'ערד
וועט זיין האַרץ נישט ווייכער ווערן.

— יאָ, איך האָב געלערנט.
און געזען די קעפּ זיך קייקלען אויף דער ערד.
און דעריבער האָט עס מיך געבראַכט אַהער
אין דײַן פנים קוקן, בירגער ראָבעספּיער.

— ביסט געקומען זוכן אויף מיין פנים שאָטנס?
דו, וואָס מיטן נאָמען פון רחמנות'דיקן גאָט

האָט מען דיך אויף אַלע פייערן געבראָטן,
ביסט געקומען זוכן אויף מיין פּנים שאָטנס?

— נישט קיין שאָטנס! איך אויף אַלע פייערן געבראָטן
און געבלוטיקט אונטער שאַרף פון כל־ערליי משחיתים
קום צום כהן־גדול פונם נייעם גאָט
זען אויף אים דאָס ליכט פון מאָרגנדיקע נסים:
ווי געקעפּטע קעפּ
וועלן ווידער ווערן צוגעקלעפּט,
ווי דאָס בלוט פון אונטער גיליאָטינע
וועט צוריק אין לעבעדיקע גלידער רינען,
ווי פון האַס וועט ווערן ליבשאַפט
און פון טויט וועט ווערן ברודערשאַפט.

— דו, געצונדענער פון צאַרנדיקן עמוס,
זעסטו נישט די האַנט פון אַלטן אל־נקמות?

ווער האָט דען דעם גאָט פון באַרג מוריה
אין די וויסטע היילן, אין די קעלערן פאַריאָגט?
רוים, וואָס האַלט די וועלט געבויגן אויף די קניען
און אַליין די קרוין פון אַלע מאַכטן טראָגט.

ס׳האָט מוריה בלויז דעם חלף אויפגעהויבן,
אָבער פאַלן אויפן האַלדז אים נישט געלאָזט.
גלויבן האָט פאַרלאַנגט מוריה, פעסטן גלויבן,
ריינסטע ליבשאַפט, טריישאַפט אָן אַ מאָס.

קענען רוימישע טיראַנען און פאַרגוואַלטער
לאָזן ריינע ליבשאַפט הערשן אומגעשטערט?
שווערד און צלם אין איין וואָפן אויסגעשטאַלטיקט,
ווער עס זוכט דעם צלם, קריגט דעם שווערד.

וואָס דער שווערד פאַר רוים, זאָל פאַר מוריה זיין דער חלף.
שווערד איז ווילדע תאווה, חלף איז פאַרשטאַנד.
ס׳וועט דער חלף פון מוריה אַזוי לאַנג אויף קאַרקן פאַלן
ביז דער שווערד וועט רוים אַרויספאַלן פון האַנט.

— אל־נקמות האָט אין טרויער זיך באַהאַלטן
ווען עס איז זיין שטראָף געפאַלן.
אונטער הילך פון האַס צעשאַלטן
פאַלט אויף קעפּ דיין חלף.
בלאַנק פון משפט, ליכט פון דין
לויכט דיר פון דער גיליאָטינע,

הערסטו יושר אויפשאַלן מיט פרייד
הערסטו הענער אויסקרייען דעם מאָרגן,
ווען דער שוואַרצער טייוול קרייט
טויטן האַס פון טויזנט גאָרגלען.

— גאָט פון יושר, קלאָרסטער זין און העכסטער וויסן
האָט זיין כהונה מיר פאַרטרויט.
ווער עס מיינט, אַז ער קען ווערן מיין געוויסן,
נעמט אַליין אויף זיך דעם טויט.

פריינט צי חבר, וויטער אָדער נאָענטער —
קיינער וועט נישט אויסמיידן דעם דין.
פאַר מיין גאָט וועל איך אַליין זיין דער געמאָנטער
און געשטראָפטער, אויב ס׳איז שטראָף וואָס איך פאַרדין.

— דיינע אויגן טונקלען ווי אין נאַכט געבאָדן
און דיין פנים איז פון גרוי פאַרצערט.
אפשר אויפמאַכן די לאָדן,
בירגער ראָבעספיער?

— האָסט געהערט שוין אַלץ וואָס איז געווען צו הערן
און געזען אויך וואָס מיין אויג באַהאַלט.
קענסט זיך שוין אין וויטן וואַלד אומקערן,
בירגער פונם וויטן וואַלד.

— יאָ, איך האָב געזען דיין פנים און דיין קול געהערט.
קען איך גיין שוין, בירגער ראָבעספיער.

— נישט מיין בריאיק וואָרט און נישט מיין טונקל פנים
זיינען פאַרן וויטן וואַלד אַ גינציקע מתנה,
בירגער פונם וויטן וואַלד.
אויפן וועג אַהיים וועסטו דורך שליאַכן שפאַנען,
וועסטו טרעפן פאָסטעכער מיט סטאַדעס אויף די לאָנען,
וועסטו שניטער זען די גאַרבן קלייבן,
וועסטו ווינטן זען די מילן טרייבן,
וועסט אַ נס דערזען אין יעדן שטוב און קאַמער:
נס ביים זעג און נס ביים האמער,
נס ביים אָל און נס ביים נאָדל,
נס פון אייגן שטיקל באָדן,
נס פון דאַך איבערן קאָפּ,
נס פון יאָך וואָס איז אַראָפּ —
ברענג אין וויטן וואַלד די בשורה פון דעם נס —
און דעם קראַנקן מענטש, וואָס רעדט צו דיר, פאַרגעס!

מאָרגן, פון המון געטראָגן, קען בלויז נח הערן
דעם געדעוו און הילך ווען ס'פּאַלט דער קאָפּ פון ראָבעספּיער'ן.
— כ'וועל די בשורה ברענגען אינם וואַלד אין ווייטן,
ווי דער חלף קען זיך אויף אַ שווערד פאַרבייטן
און ווי דאַפּלשאַרפיק ס'איז דער שווערד,
בירגער ראָבעספּיער!

## .20

צוויי מאָל אין זיבן טעג האָט נח דורכגעלעבט די שרעק
פון אומגעריכטע רייד וואָס שפּאַרן זיך צום גומען.

דאָס ערשטע מאָל פאַרנאַכט. ער איז אַריין אין בודע.
דורך לאָך פון דאַך איז פון צעפּלאָמטע וואָלקנס
אַריינגערונען אָפּשיין. נאָר צו פּנים'ער אויף נאַרעס
שוין נישט דערגרייכט. בלויז שטערן פון ציגאַרקעס
האָבן געגליט און ס'האָט געוואָלקנט פון מאַכאָרקע־רויך.
איז אָנגעקומען אַזאַ שפּירונג, ווי די אַלע וואָס ער קען דאָ,
מיט פּנים'ער און נעמען, זיינען נישט זיי גופא,
נאָר מוסטערן פון זיך אַליין, יחידים פון אַ מין אַזאַ
אָן אומעטומיקן, אַלציטיקן, און ס'האָט אַ שפּאַר געטאָן:

— שטומקייט אייערע,
לאַנג פאַרשפּונטעוועטער, שרפ'ענדיקער אַקוויט!
אין די ווייטן, אין די צייטן טליען זשאַרן,
וועט דער ווינט אַ פונק צו אייך דערשאַרן —
אוי, וועלן אַ פלאַקער טאָן די נעכט,
אוי, וועט דער גיהנום זיך צעסמאַליען!

דאָס צווייטע מאָל בייטאָג. מע האָט דערהערט
אַ בריטשקע אויפן וועג און גלייך דערזען די געסט.
נאָר נח — ניט דעם אַלטן אינזשעניר, ניט זשדאַנאָוו'ן —
ס'האָטביידן זיי פאַרבלענדט דער באַלעבאָס.
אין בלאַנקן טשעסוטשאַ, אין בלאַנקען הוט, אין גילדענע פּענסנע
איז ער אַרויסגעטראָטן פרינציש־חתנ'דיק, און אויף אַ רגע
האָט נח אָנגעוואָרן זיינע אייגענע אויגן און געקוקט
מיט אַלע צוואַנציק פּאָר פון די וואָס הינטער אים.
אַ רגע בלויז, נאָר אין דער רגע האָט ער קלאָר געהערט:

— אוי, וועסטו באַצאָלן!
פאַרן יום־טוב'דיקן הילוך דיינעם,
פאַרן גאָלד אויף דיר,

פאַר דער קאָרע אויף די שווערע לאַפּעס אונדזערע,
פאַר די נעכט ביי דיר אין בודע —
אוי, וועסטו באַצאָלן!

## 21.

אלול׳דיקע ווינטן יאָגן דורכן וואַלד,
בלעטער אין לבנה נאָנטן אומקום פּילן.
וואָס האָט אלול אָנצעיאָגן פּחד אויף אַ מענטש,
אַז ער האָט חדשים־לאַנג שוין נישט געלייגט קיין תפילין?
אלול איז בלויז אָנזאָגער. ווי ס׳פּירט זיך אויף אַ מענטש —
דאָס וועט מען שוין זען ביים משפּט ראש־השנה.
אלול בלאָזט אין שופר, אלול בלאָזט אין ווינט,
קלאַפּט אין די געהירן ווי אַ האַרבער מאַנער.
ווען בין איך שולדיק? כ׳צאָל דאָך יעדן טאָג,
טראָג מיין עול הכנעה׳דיק, געדולדיק.
עפּעס איז מסתמא אַלץ נאָך נישט דערצאָלט,
פאַרן האַרבן שופט ביסטו שולדיק.

פּויעגט דער באַלעבאָס, דער גוטער באַלעבאָס:
— פאָרט איר נישט אַהיים אויף ימים־נוראים?
— היים איז שוין געוואוינט צו יום־טוב׳ן אָן מיר,
ס׳ווילט זיך נישט צו ווייט אַוועק פון מיינע גויים.
שטעטל ציט חיונה פון געבוי אין וואַלד,
טאַר ניט שטיין ביים טיר אַ שיינער אורח.
— נח ב״ר צבי! — און ס׳דאַכט: נישט ער אַליין,
נאָר אַ גלגול זיינער שטייט איבער דער תורה.
וויקלט זיך אין טלית, מאַכט די אויגן צו,
וויל ווי קינדוויז ציטערן ביים הנני׳ העני —
שול ביי שמונה־עשרה ווי צעברומטער וואַלד,
וואַלד אויף מאָרגן ווי צעברומטער ראש־השנה.

אָט איז זי די היימישע, די לייבלעכע, די זאָרג:
ס׳גייען גזירות אויפן שענקער מיטן קרעמער,
ס׳גייט דער פּריזיוו פון די הייזער צונעמען די זין,
ס׳גייט דער ציגנז־מאַנער די בעבעכעס פאַרנעמען.
עפּעס קלייבט זיך אויך אויף נח ב״ר צבי,
עפּעס ברענגען אים די תשרי׳דיקע ווינטן.
פרעמדער ווערן פּנים׳ער און מענטשן הי
ווי נישט זיי זיינען פאַרגרייט פאַר אים אויף ווינטער.
וואו וועט עס אים פירן? וואָס וועט אים געשען?

ווינטן טראָגן בלויז אַ בלינדע בשורה,
ווינטן קומען אָנצויאָגן, אָנצוזאָגן: ס'גייט:
וואָס עס גייט וועט אָנטראָגן דער שטורעם.

קאַרקן אָנגע'טלית'ט, קעפּ פון שולד באַשווערט,
שיין פון ווייסע ליכט אין ברום פון תשובה פלאַטערט.
ביין, נישט אויסקויף איז דער ווייסער יום־הדין,
נישט קיין טיר צום היכל פון רחמנות'דיקן טאַטן.
פולע גאולה איז עס! אויס מיט וואָך און יאָך,
אויס מיט זאַטקייט, בלאַטקייט, שטומעניש און שווינדל.
שיף פון טויזנט יאָרן שניידט זיך דורכן ים,
זיכער און געפרואווט אין אַלע שטורעמווינטן.
אָפּגעגעבן זיך, און פריי און ריין אַליין ווי ווינט —
זאָל זי זאָגן, זאָל זי קלאָגן וואָס זי וויל, די תפילה.
איבער אויסגעלייזטע ים'ען וועט די שיף זיך יאָגן פריי
ביז מ'עט זי צוריק פאַראַנקערן נאָך נעילה.

מאָרגן — וואַלד און אינזשענירן נעמען אָפּ געהילץ.
הויכע קלאָפּטערס אָנגעלייגט מיט שוועלן.
דורכגעגאַנגען, דורכגעקוקט און כשר אַלץ,
נאָר דעם לעצטן פינטל אויפן „גוט" צו שטעלן.
טוט עפּעס אַ סמאַליע נח'ן די צונג,
טוט עפּעס מיט גוואַלד אַ ריס דאָס מויל אים:
— ס'פעלט צו יעדער שוועל אַ צאָל אין גרעב,
אונטער אָנגעשמירטער סמאָלע — סענקעס פוילע.
שטויבען, בייזע בליצן: — ווער איז דאָס דער ליץ?
— עפּעס אַ צעדרייטער, איז געריירט פון זינען.
צישעט מאַרק סעמיאַנאָוויטש: — וואָן פון דאַן, פאַדליעץ!
אייער דוך זאָל זיך אין וואַלד מער נישט געפינען.

אָט איז עס געקומען, אָט איז עס געשען:
טריף געמאַכט דעם קרופּניק, טריף געמאַכט דאָס טעפּל.
פלאַקערט אויף אים זשדאַנאָוו: — וואָס האָט איר געטאָן?
— לענגער נישט געקענט די גנבה אויף זיך שלעפּן.
וואַלד־העקער צעשראָקענע טאָפּטשען זיך אַרום,
טוליען זיך ווי קינדער ווען מען שטראָפט אַ חבר.
נח, אַ צעשטורעמטער, שפּאַנט און קייט אַ וואָרט:
— ביסט אפשר די שלאַנג, נאָר איך בין דיר נישט חוה.
יאָגט אים זשדאַנאָוו אָן און רעדט אין אים אַריין,
אַלטער יאַקאָוו פלאַנטערט זיך אין ווערטער ווי אין פּענטעס,
אַלטער יאַקאָוו צלמ'ט זיך אויף דעם וואָס גייט אַוועק
און פּעטרוכאַ שטייט פון טרערן אַ פאַרבלענדטער.

## .22

מאַלאַשקין, דער ביי וועמען זשדאַנאָוו האָט געפּועל׳ט
ער זאָל דעם יידן אין אָרטעל צו זיך אַריינגעמען,
איז צום אָרטעל געקומען פון פעלדפעבעלשאַפט. פאַרלאָרן
די בענדלעך האָט ער צוליב דער פאַרשאָלטענער רציחה,
וואָס האָט אים צוגעטיילט אַ שם פון קאַטאַרזשאַן אויך דאָרט
וואו ריטער אויפן לייב זיינען געווען אין פולן גאַנג.
און האַמעוועט דאָס רוצח׳יש בלוט — כאָטש טו זיך אָן
אַ פּעטליע אויפן האַלדז! דער הונט, דער גראַף, דער זיידע,
וואָס האָט אַ קנעכט געבוירן מיט אַ הויף־מויד,
אַ טאַטן פאַר מאַלאַשקינ׳ען, האָט אים געלאָזן אַ ירושה:
דעם הערשערישן הפקר פון אַ פּריץ אין אַ פעל אַ קנעכטישער
פון ממזר־זון, אַ דין געטאָקטן פּנים פון אַ האָר
מיט שווערע פויסטן פון מוזשיק. פּרוביר, דערשטיק אין זיך
די ממזר־יוכע! און אַז זשדאַנאָוו האָט געבראַכט
דאָס יידל דאָ, האָט אים אַ ברי געטאָן נישט אויפן יידל,
נאָר אויפן פּריצ׳ל וואָס מיינט — ער קען אים אָנוואַרפן
אַ ליאַדע פאַדלע. לענגער ווי אַ וואָך, אַ צווייטע וועט דאָס יידל
נישט אויסהאַלטן: אויב נישט אַליין אַנטרינען, וועט מען אים
אַרויסטראָגן פון דאַנען אויפן שטעטלשן בית־עולם:
דער גאַנג איז נישט קיין ווייטער — בלויז אַ מייל.

געווען געגנוג אַ קוק פון באַלעבאָס, די מחנה זאָל זיין גרייט
זיך איינקויפן ביי אים אין חסד. גלייך דערקענט,
אַז ס׳האָט דאָס יידל קיינמאָל נאָך קיין לאָם און רידל
נישט אָנגערירט, קיין שינע שטאָל, קיין בעליק ניט אַ הייב געטאָן.
דעם ערשטן אינדערפרי זיינען די שטיוול אים אַנטרונען,
און וואו ר׳האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז גרייט געווען
אַ גרוב, אַ שטיין, אַ פלאָקן פאַר די פיס. מיט וועמען
ער האָט אַ נעם געטאָן אַ שפאַלע, איז אויף אים
געפאַלן דאָס געוויכט פון סאַמע מיטן און אויף יענעם —
דער גרינגער עק. פון העלער הויט האָט יעדע ווילע
אים עפּעס צוגעקוועטשט אַ פינגער פון אַ האַנט, אַ פוס.
ביים פערטן טאָג, ווען קוים די גלידער שלעפּנדיק נאָך זיך
און אויסגעפּאַסט פון ברויט מיט וואַסער, האָט ער
ביי זיך געפּועל׳ט עסן פונם קעסל, האָט אַ וואַנט
פון פלייצעס יעדע שיסל אים פאַרשטעלט. געקומען זשדאַנאָוו,
גע׳ טענה׳ט מיט מאַלאַשקינען, און ס׳האָבן אונטער נאַרע
זיך אָפּגעזוכט די שטיוול. אָבער ער איז שוין ווי אַלע
געגאַנגען באָרוויס. טאָג און נאָך איינער ווערט גרינגער.

מע קען די ברענענדיקע גלידער אויסציען און איינשלאָפֿן.
און נאָכדעם ווידער די נגישות — פֿון די פּיס־נעגל
און ביזן שאַרבן ברענט אַלץ, ברעכט און שפּאַלט זיך.

קיין פּנים'ער נישט אויסגעטיילט, קיין נעמען נישט געוואוסט;
וואָס איז דער חילוק ווער עס טוט אים די יסורים אָן?
און אַז ביינאַכט אויפֿן געלעגער יאָ געחלומ'ט פֿון אַ נס —
פֿון איינעם כאָטש אַ מענטש, וואָס זאָל באַהאַלטן צאַפּלען
מיטן אַלטן יאַקאָווס יושר — איז קיין כוח נישט געווען אַרויסצולאָזן
די שפּירערס פֿון נשמה און דעם למד־וואָוניק אָנטאַפּן.
און דאָך, אינם פֿאַרצערנדיקן פֿייער, ווען דאָס לייב
איז מער נישט צוגעקלעפּט געווען צו ביינער, נאָר צו האָלאָוועשקעס
וואָס קרישלען זיך, איז העלקייט אַלץ געהאָנגען פֿאַר די אויגן
מיט וואָרנונג און פֿאַרזאָג: נישטאָ אַזאַ גיהנום,
וואו ס'זאָל קיין נס נישט הויערן. ער וואַרט אויך דאָ,
דער נס, נאָר מוזסט דערשפּירן אים, צו אים גענענען,
וועט ער דערקענען זיך צו דיר. אַנטרינען טאָרסטו נישט.

געקומען איז דער נס אַזוי משונה'דיק און אומגעריכט,
אַז קיינמאָל וואָלטן אים די שפּירער נישט דערטאַפּט.
פֿאַרנאַכט. ער וויל זיך צושפּאַרן צום שיסל און סע שטייט
ווי אַלעמאָל פֿאַר אים אַ פּלייצע, און ווי זייטיק־ווינקלדיק
ער זאָל נישט וועלן זיך פֿאַר'גנב'ענען, דערשפּירט די פּלייצע
און לאָזט נישט צו. עס ציען קלעשצעס אין די ליידיקע געדערים,
ס'פֿאַרבלענדט דעם מוח, כאַפּט ער מיט רציחה אָן דעם מענטש
ביים אַרבל: — לאָז! די פּלייצע דרייט זיך אויס פֿאַרשלאָפֿן,
און אויף אַ ווייסן פּנים, איבער ווייסלעך־בלאָנדע וואָנצעס,
פֿון אונטער ברעמען וואָס כמעט קיין ברעמען נישט,
פֿאַר'חידוש'טע קוקן אים אָן צוויי שטאָליק־בלאָע אויגן,
פֿאַר'חידוש'טע און אומשולדיקע... ווי אַ שפּיז אין וואונד אַריין
דערלאַנגט דער חוזק אין דער פּיין, און נח פֿילט נישט מער
ווי ס'פֿליט זיין האַנט צו יענעמס פּנים... מיילער אויפֿגעריסענע
און גלעזערדיקע אויגן קוקן — ס'האָט דער מלאך־המות
געכאַפּט דעם יידליק אויף דער ווענטקע — צו פֿאַרטשעפּען זיך
מיט קיינעם נישט, נאָר גראָד מיט סיטשן. אָבער סיטש איז שטיל.
באַטראַכט דעם שלעגער, פֿלאַכע וואָנצעס שפּרייטן זיך,
צעשמייכלט זיך, צעלאַכט זיך, קייכט, פֿאַרכלינעט זיך,
און אָט די אָרעמס אויסגעשטרעקט, אַ כאַפּ געטאָן דעם ייד,
אַ הייב געטאָן איבערן קאָפּ און מיטן פּעקל אין דער לופֿט
אַ טראָט געטאָן — האָפּ! האָפּ! —עס טאַנצט דער קאָזאַק —

און העכער נאָך אַ הייב און מיט אַמאָל אַראָפּגעשטעלט
אויףביידע פיס אויף דר'ערד און ווידער זיך צעקייכט.
נאָר אָט־אָ זעט ער ווי דאָס פּעקל זעצט זיך אויף די קני
און פאַלט. איז כאַפּט ער אים אַרום, פאַרהאַלט אים
און חוזק'ט אויפן קול: — ווער האָט געהאָט פון אייך דעם מוט
פאַרפאָרן סיטשן אין דער מאָרדע? אַ זשידאָק! אַ לאַפּסערדאַק!
איז זאָג איך: האַדי! מער זאָל מען ניט טשעפּען אים!
וויל אַרבעטן — זאָל מען אים לאָזן. עסן וויל ער — זאָל ער עסן!
און שטופּט די לעפּל נח'ן אין האַנט אַריין. נאָר נח
מיט שווינדלדיקן קאָפּ קען נישט די לעפּל אָננעמען און זעצט זיך
צוריק אַרונטער — אויגן צוגעמאַכט און ליפּן ווייס.
דער קאָזאַק מינטערט אים. דער עולם עסט און קוקט.
נאָר איינעם רופט עס — דעם באַלעבאָס. ער שפּאַנט אַריבער,
טוט מיטן פוס אַ שטורכע דעם גע'חלש'טן און רעדט צו סיטשן:
— אַן עסק דייגער — מינטערן די פּאַדלע. ס'עסן ווערט דיר קאַלט.
דער קאָזאַק הייבט די אויגן אויף: — נעם צו דעם פוס!
אַז כ'האָב געזאָגט: ניט טשעפּן אים — האָב איך געמיינט
אויך דיך. פאַרשטאַנען, באַלעבאָס?...
דערנאָך זיינען געזעסן
דער קאָזאַק מיטן יידן און געגעסן פון איין שיסל קרויט.

## .23

נישט דער ברי פון קנאַקעדיקע פלאַמען,
נישט די שפּיל פון ליכט־פלעקן אויף שטאַמען
האַלט דעם עולם אַרום וואַלד־שייטער צוזאַמען.
ווי אַ פּיאַווקע וואָס ציט אָפּ די בייזע בלוטן,
ציט דאָס פייער אָפּ פון האַרצן דאָס נישט גוטע,
ציט מען אויס דעם גוף, דעם נישט־דעררוטן,
לאָזט מען אויגן, ווינט־פאַרווייעטע, פאַרזינקען
אין דעם קונדס'דיקן טאַנץ פון פייער־צינגער
און מ'הערט ווי ס'גרימפּלען סטרונעס ביי דעם זינגער:

— אַז וואוהין איך, וואוילער יונג, זאָל נישט אַ וואָרף טאָן זיך,
אין די וועלדער, אין די דערפער — אומעטום ראַגאַטקעס,
אומעטום ביי די ראַגאַטקעס שטאַרקע קאַראַאולן — — — —

ווינט אין ביימער־שפּיצן מעסט זיך מיטן זינגער,
שציפּעט פרעסטל אויערן און פינגער,
טראָגט מען הענט אַנטקעגן פייערדיקע צינגער
ווי זיי אויסגעשטרעקט צום טרויעריקן פרעג פון זינגער:

— זאָג מיר, זאָג מיר, מוטער לייבלעכע,
אונטער וועלכן שטערן האָסטו מיך געבוירן,
וואָסער מזל האָסטו צוגעטיילט מיר?

איצט פאַרלייגט דער ווינט אַליין די טענה צו דער מוטער
און ער ברומט אַ הימוויי אין די אומעטיקע בלוטן.
— עך! — רייסט עמיץ איבער שטומקייט פון מינוטן.
האָט זיך סיטשן אויך פאַרבענקט אַהיים צום כוטאָר?
פּנים מיט אַ נעץ פון ליכט־פלעקן באַשפּונען,
קול ווי פון אַ טונקעלן און טיפן ברונעם,
קלאַפּט ער מיט איין פינגער בלויז איבער אַ סטרונע:

— ... נישט געזונט איז אויפן דאָן ביי אונדז.
ס'האָט צעמוטיעט זיך דער וואוילער שטילער דאָן,
פון זיין שפּיץ און ביזן שוואַרצן ים,
ביזן שוואַרצן ים, ביזן אַזאָווער,
איז צעמישט דער גאַנצענער קאַזאַקן־קרייז:
מער נישטאָ קיין אַטאַמאַן ביי אונדז,
שוין נישטאָ סטעפּאַן טימאָפייעוויטש,
מיטן צונאָמען סטענקאָ ראַזין.
מ'האָט געפּאַקט דעם גוטן ברודערל,
אים פאַרקניפּט די ווייסע הענט,
אין דער מויערדיקער מאָסקווע אָפּגעפירט
און אויפן באַרימטן רויטן פּלאַץ
אָפּגעהאַקט דעם אימפּעטיקן קאָפּ.

ווינט אין ביימער־שפּיצן, ליכט־פלעקן אויף שטאַמען,
פיש מיט רויטע עקן, הענער מיט די רויטע קאַמען
שווימען, פלאַטערן אין קנאַקעדיקע פלאַמען,
פון די רויטע פלאַמען ווייסער בלאָ פון רויך
דורך דער בלאָער נאַכט־בלאָ ציט זיך אין דער הויך.

## 24.

די צוויי פּוס וועגט פון בודע איינגעדעקט מיט ערד,
דעם גרויסן דאַך מיט סכך און צוויגן, איז געקומען
אַ שניי און נאָך אַ שניי און זיך אָוועקגעלייגט ווי שטרוי
אויף סטריכעס דאַרפישע, און ס'איז געוואָרן ווינטער.
פון בודע ביז דער באַן־ליניע דער שטעג ווערט פריש
נאָך יעדן שניי געטראָטן און די בודע וואַקסט אַריין

אַלץ ענגער אין אַ גרוב פֿון ווייסקייט. פֿריע נאַכט,
און אין דער ראָד פֿון שטיינער אינדערמיט, וואו ס'זידט
בייטאָג דער קעסל, קנאַקט אַ שייטער ביזן שלאָפֿן גיין
און וואַרעמט הענט און טריקנט וואַליקעס און אַניטשעס.

דער שייטער פֿלאַקערט. דרויסנדיקע זאַווערוכע
דורך לאַך אין דאַך טוט זיך אַ ריס אַריין, שטיקט צו
די פֿלאַמען, שמייסט מיט רויך און ווידער קנאַקט דער פֿייער
און לעקט די פּנים'ער. אַזוי פֿיל פּנים'ער — און נח —
ער זעט זיי נישט. צו וואָס? איז נישט אין סיטשן
די גבורה פֿון זיי אַלעמען? איז נישט אין אים די רשעות
און שנאה אַלעמענס? איז נישט אין אים דאָס גוטס?
ער איז דער כּולל זייערער. און ער איז אויך דער סוד
פֿון די משיח־טעג וואָס דאַרפֿן קומען צווישן נח'ן און זיי.
האָט דאָך קיין פֿעדער נישט געקענט באַשרייבן די רציחות
פֿון סיטשעס אָבות איבער זיינע. איצט איז דער פֿאַרזאָג:
— האָב פֿיינט דעם ייד! — געוואָרן ווי אַ שטיין אַן אָנגעבונדענער
אויף סיטשעס האַלדז. ער מאַטערט זיך דעם שטיין אַראָפּוואַרפֿן.
אין וואַלד ביים שליאַך מאַרקירט ער אויס צו טאָן אַן אַרבעט
בשותּפֿות מיטן יידן, ער זאָל קענען אים אַרויסהעלפֿן.
אין בודע רוקט ער זיך צו אים, פּרובירט זיך ריידן, אויספֿרעגן
פֿון היים, משפּחה, נויט. אפֿילו ווען ער זיצט פֿונוויטן
פֿאַרגעסט ער נישט אַ בליק צו טאָן, פֿאַרזיכערן: כ'בין דאָ.
פֿאַרוואָס? ווייל ער האָט נח'ן געזען זיך ברעכן אין דער מי
און זיך נישט לאָזן איבערברעכן. נח איז געוואָרן וואַלד.
דאָס מוסר־שטיבל און דער „תּניא" האָבן אָנגעטאָן אַ קאָרע,
און דורך דער קאָרע ערשט דערשפּירט דער היידאַמאַק,
אַז אונטער איר איז מענטש, איז נאָנטער, ברודער.

דער שייטער פֿלאַקערט. צווישן אַלע דאָרט אויך סיטש
אין פֿייער שפּייט די קערנדלעך מאַכאָרקע דורך די ציין,
און נח פֿון דער ווייט אויף זיין געלעגער זיצט און זעט:

שוין דעם וואַלד אַדורכגעשניטן,
באַן אויף רעלסן קנאַקט,
לאָזן זיך צוויי וואַלדהעקער
אַרויסגיין מיטן טראַקט —
נח דער חב"ד'ניק
און סיטש דער היידאַמאַק.

לעבל ברויט און וואַסערקענדל,
האַמער, זעג און האַק,
גאָר דאָס האָב און גוטס פאַרלייגט
אויף פלייצע אין אַ זאַק —
נח דער חב״ד'ניק
און סיטש דער היידאַמאַק.

איז נישט קאָזאַק אַ רוצח?
ייד — אַ לאַפּסערדאַק?
ס'איז דאָס האַקן שליאַך דורך ווילדוואַלד
זיי געווען געשמאַק —
נח דעם חב״ד'ניק
און סיטש דעם היידאַמאַק —

איז די שנאה פון די זיידעס —
ווערימדיקער בראַק —
אויך צעהאַקט, צעמאַלט געוואָרן
צווישן מאָך און פניאַק
ביי נח דעם חב״ד'ניק
און סיטש דעם היידאַמאַק.

אַלטער חושך פראַלט פונאַנדער
קעגן דעם וואָס וואַגט,
גייען זיי אויף וואַלד־געפּלאָנטער
מיט דער העלער האַק —
נח דער חב״ד'ניק
און סיטש דער היידאַמאַק.

## .25

אַן אָוונט ביי די רייצעסעס. אַ סאַמאָוואַר. ביים טיש
אַן אָפיצער, דער יונגער זשדאַנאָוו, מאַרק סעמיאָנאָוויטש.
מע רעדט פון ביסמאַרקן, פּראָגרעס, דער נייער באַן,
און פלוצלינג דער אַפּטייקער צום פּאָדראַטשיק:

— פאַר אייך האָב איך אַ מעשה. איז געווען ביי אייך
אַ ייד אין וואַלד — — —

די באַלעבאָסטע, סאָפיאַ לעאָפּאָלדאָוונאַ,
שטאַרצט אויס די אויגן. דאָ ביי זייער טיש ווערט נישט גערעדט
פון יידן. ווער עס טרעט די שוועל אַריבער ווייס עס.

און פּלוצים — ער אַליין. זי וויל אים אָפּשטעלן, פאַררייבן,
פאַרווישן די אומאַנשטענדיקייט, נאָר דער מאַן, ווי ס'וואָלט
אַריין אין אים אַ קליפּה:

— פלעגט ער קומען אַלעמאָל
צו מיר נאָך ביכער. דאָ, סוף זומער, אויסגערונען.
געמיינט — אַוועק שוין. שטעלט זיך מיט אַמאָל אַריין
אַ וואַלדהעקער אין פּעלצל, וואַליקעס, איך טו אַ קוק —
מיין יידל. וואו זענט איר געווען? אַריבער — זאָגט ער —
אויף אַרבעט מיט דער האַק. און קוקט עס אויס:
אַ ברוינער, צוגעפרוירענער. איר ווייסט דאָך: איך
בין נישט פאַרליבט אין יידן. אָבער דאָס — פאַרשטייט — — — —

עס בייטן זיך ביי מאַרק סעמיאָנאָוויטשן די קאָלירן.
נאָר סאָפיאַ לעאָפּאָלדאָוונאַ פאַלט דאָך אַריין
דעם מאַן אין מיטן וואָרט און ראַטעוועט דאָס הויז.
אַרויס אין גאַס פרעגט מאַרק סעמיאָנאָוויטש ביי זשדאַנאָוון:
— וואו האָט איר עס באַשטאַט דעם יידן? — ביי מאַלאַשקינען.
— איך האָב דאָך אים אַרויסגעטריבן! — פון די דעסיאַטניקעס!
וואָס מאַכט אייך אויס אַ וואַלדהעקער צי רעלסן־לייגער?
— אַ שיינער וואַלדהעקער! — מאַלאַשקין וועט נישט קאַרמענען
אַ מענטש אומזיסט... ווי רואיק, ווי קאָרעקט ער ענטפערט עס,
דער ליבעראַלער שנעק! אים אויך געפעלט נישט וואָס דער זשיד
האָט אַ יד־אחת מיט די אַלטע אינזשענירן און באַ'גנב'עט
דאָס פאָטערלאַנד! געוואָרן אַ באַשיצער פונם אמת־זאָגער.
און יענער, מעשה למד־וואָווניק, פראַוועט צדקות
אין פעלץ און וואַליקעס ביי דער קאַנאַליע, ביי מאַלאַשקינען!

די דינסט, די שיקסע, האָט דאָס בעט אים אויסגעוואַרעמט
און לאַשצעט זיך צו מאַרק סעמיאָנאָוויטשן. ווענדט ער אָפּ
די לאַסקעס אירע, ליגט מיט אויגן אָפענע און קען נישט
איינוואַרגן אין זיך די עגבערייי פון ייִנגלשע זכרונות.
די קיך ביים פעטער. דינסטיק. נח'ס טאָג. פון אַלע טעג זיינע —
דער זעטיקסטער. און מאָטל איז אַ חבר. וואָס אים וועט פאַרפעלן
צום שיעור — ווייל ער האָט אויך פאַר וועלט־זאַכן אַ לערער —
וועט נח אים דערזאָגן שפּעטער. און דאָס פאַלטנדל,
וואָס נח טראָגט, איז אויך פון זיינע — מאָטלס — פּלייצעס.
זיצט נח ביי אַ ווינקל טיש אין קיך איבערן איבערבייס
און מאָטל, מעשה חבר, דרייט זיך אַרום אים און רעדט,
און רעדנדיק פאַרטשעפּעט ער אין וועג די דינסט, די שיקסע.

זי איז ביי אים שוין אויסגעלערנט, לאָזט זיך — ווערט ער
אַלץ היימישער און שטעקט שוין מיט אַ האַנט ביי איר אין בוזים —
כלאחר־יד אַזוי — דעם שמועס אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.
ער נעמט די אויגן נישט אַוועק פון טעלער — נח — ביז אַ ריס
און איז נישטאָ. ס׳קומט וועטשערע — ער איז נישטאָ.
ביים שיעור צומאָרגנס זעצט זיך מאָטל נעבן אים, ווי שטענדיק,
נאָר יענער זעט אים נישט. איצט אַרט שוין נישט דער שיעור:
עס פּלאָגט דער דינסטיק — וואו וועט נח עסן? גייט ער
אים איבערבעטן. נאָר ביים ערשטן וואָרט כאַפּט נח
דאָס פּאַלטנדל און וואַרפט אים צו: — ס׳איז דיינס,
איך דאַרף עס נישט. מוז מאָטל אָנקומען צום פעטער, אויסטראַכטן
אַ ליגן וועגן ברוגז און ביים פעטער פועל׳ן, ער זאָל אַליין
דעם חבר גיין צום טיש מיט אַלעמען פאַרבעטן.

נאָך איבערבייס הייסט מאַרק סעמיאַנאָוויטש דעם שליטן שפּאַנען:
ער דאַרף אַ קוק טאָן ווי עס גייט דאָרט ביי מאַלאַשקינען.
געקומען, רעדט מיטן דעסיאַטניק, און די אויגן שפּירן נאָך
די איינגעבויגענע איבערן פּלאַנט. דערזען. ער ליגט
און שרויפט אַ הייקע. צייגט ער אָן: — אָט־דער, דער רויטער —
ער טויג עפּעס? מאַלאַשקין שמעקט אַ פּאַסטקע, היט זיך:
— פון אָנהייב נישט אַזוי. איצט בעסער, אַרבעט אָרנטלעך.
וואָס נאָך קען מאַרק סעמיאַנאָוויטש דאָ דאַרפן?
ער טופּעט מיט די פיס ווי כלומרשט צו דערוואַרימען זיי
(ווי קאָן אים קאַלט זיין אין די הויכע שיינע באָטעס?)
און לאָזט זיך גיין צווישן די אַרבעטער. דערגאַנגען,
זיך אָפּגעשטעלט. געוואויגן אַ מינוט די ריזיקע — דעם כבוד
פון גרויסן באַלעבאָס — פאַר׳הפקר׳ט זיך, און מיט אַ קול
ווי פון אַ מיטן אַ געשמועס: — נח! — יענער הייבט דעם קאָפּ,
שפּרינגט אויף. — קום אָן אַ זייט. איך דאַרף דיך זען.
אַוועקגעשפּאַנט אַ צענדליק טריט. דאָס קול איז זייער ווייך:

מ אַ ר ק   ס ע מ י אַ נ אָ ו ו י ט ש:

אַז ד׳האָסט געוואָלט פאַרבלייבן דאָ אין וואַלד,
האָסט דאָך געקענט מיר זאָגן. וואָלט איך דיר פאַרשאַפט
אַן אַנדער אַרבעט. ס׳איז נישט פאַר די כוחות פון אַ יידן,
בפרט נאָך ביי דעם כלב דאָ.

נ ח:

אַ דאַנק אייך. ס׳מאַכט נישט אויס.
מיר איז דאָ גוט.

מ. ס.:

וואָס עפּעס אירצטו מיך?

נ ח:

אַ פּועל אירצט דעם באַלעבאָס.

מ. ס.:

וואָס טויג עס דיר?
איך ווייס — דו ביסט דער אַלטער מוסר׳ניק און ס׳טאַטשעט דיך
דער אמת ווי אַ וואָרים. ווי אַנומעלט ביים געהילץ. פאַרפאַלן.
נאָר מאַטערן זיך גלאַט אַזוי — צו וואָס? און האָסט אַוודאי׳
אַ ווייב מיט קינדער — וואָס קענסטו דאָ אָפּשפּאָרן פאַר זיי?

נ ח:

(באַטראַכט דאָס פוטערן היטל מיטן פעלץ און באַטעס)
ס׳איז דאָ אַ תוך־זאַך וואָס איר קענט נישט זען.

מ. ס.:

וואָס איז דאָס?

נ ח:

דאָ איז מיין פּלאַץ.

מ. ס.:

ביי די מוזשיקעס?

נ ח:

ביי אונדז אביונים און ביי זיי מוזשיקעס. איר, דער גביר,
זענט איינס מיט זייערע פּריצים. איך, דער אביון,
מיט זייערע מוזשיקעס.

מ. ס.:

דו — איינס מיט די מוזשיקעס?
דו — מיט דער לומדות, מיט דער גאוה, מיטן טלית־קטן
אויף יעדן וואָרט? וואָס פאַר אַ מין עניוות פּראַוועסטו?
מיט וועמען שפּילסטו אַ צו־להכעיס?

נ ח:

וואָלט איר איינגעזען,
אַז אמת איז קיין וואָרים נישט, נאָר ברויט און וואַסער

דאָס לעבן צו דערהאַלטן, וואָלט איר אפשר איינגעזען אויך,
אַז אייערע לומדים האָבן נישט מיט וואָס זיך איבערנעמען
אַנטקעגן די מוזשיקעס.

מ. ס.:
גאָר אַזוי? ביי זיי די תורה גאָר?
און דאָס איז דיר אַ נייער מין ישיבה?

נ ח:
איר'ט געטראָפן.

מ. ס.:
איז וואָס פאַר אַ מסכתא לערנסטו ביי זיי?

נ ח:
מסכתא פראַצע, מסכתא ערלעכע יגיעת כפים.
ווער ס'לערנט די מסכתא דאַרף נישט אָנקומען דערנאָך
צו מוסר־ספרים צו פאַרהיטן זיך פון גנבה, גזלה, שווינדל.

מ. ס.:
אויב דיר איז ניחא, איז מיר ליב. קענסט בלייבן דאָ,
זיך וואַלגערן אין בודע, לאָזן זיך פון זיי באַשטינקען
און לערנען זייער תורה. זאָל מאַלאַשקין זיין דיין ראש־ישיבה!

אַוועקגעשפּאַנט, און שוין ביים שליטן, ווען מאַלאַשקין וויקלט אים
די פעל, די בערענע, אַרום די פיס טוט ער אַ זאָג:
— גיב אַכטונג אויפן רויטן, זאָל נישט שווינדלען ביי דער אַרבעט.

♦

סיטש פאַדעט אַרום נח'ן. דער אָנפאָר פון פאַדראַדטשיק,
די סודות'דיקע רייד, זיין בייזקייט ביים אַוועקפאָרן —
עס האָט דעם יידן איינגעטונקט אין רעטעניש, אין חשד.
מע טרעט אים דרך־ארצ'דיקער אָפּ דעם פלאַץ ביים שיסל,
נאָר יעדער טריט זיינער ווערט נאָכגעשפּירט. און סיטש פאַרנעמט
די שושקעריי פון בודע און דער נאָמען "ייד" ווערט ווידער
מיט פחד און מיט שנאה אָנגעדראָלן. האָט ער אים פאַרנאַרט
אין זאַק אַריין, דער ייד? צעוויכט דאָס האַרץ אים ווי אַ לעמעלע,
און איז'ן איז ער גאָר דער זשיד, דער טייוול, וואָס די מאַמעס
מיט אים די קינדער סטראַשען אין די וויגן. פאַדעט ער
אַן אָנגעלאָדענער. ביז אָונט איינמאָל שפּאַנט ער צו:
— טו אָן דאָס פעלצל! כ'דאַרף דיך עפּעס פרעגן.

אין דרויסן האַלב־לבנה׳דיק. מיליאָסן ביימער־פינגער
דעם גאָרגל כאַפּן אָן מיט ווייסן פראָסט. מע שפּאַנט.

סיטש:
דער גרויסער באַלעבאָס — ער איז פון אייערע?

נח:
פון אונדזערע.

סיטש:
פאַרוואָס איז ער אין כעס אויף דיר?

נח:
ווייל איך בין נישט ווי ער.

סיטש:
און וואָלסט געקענט?

נח:
אַזאַ ווי ער זיין — ניין.

סיטש:
איז ער אַ קרוב דיינער?

נח:
(האָט קיין ברירה נישט, דערציילט פון מאָטל דעם אַמאָליקן
און מאַרק סעמיאָנאָוויטש, דעם איצטיקן.)

סיטש:
איז אמת!
איר זענט גנבים! איינס אין איינעם. אַלע אייערע!

נח:
די אינזשענירן זיינען אייערע. ווער ס׳וויל זיך אָנשטאָפּן
מיט פרעמדס — דער גנב׳עט.

סיטש:
ס׳איז נישט גלייך.
דעם יידנס קאָפּ דערביי. ער גיט — זיי נעמען. איר זענט אַלע
פּאַרקויפטע שקורעס, יודושקאָס. איר׳ט אונדזער גאָט פאַרקויפט!

נ ח :

ווילסט פרעגן אָדער שלאָגן ?

ס י ט ש :

כ'וויל זאָלסט ענטפערן.

נ ח :

אויף וואָס ?

ס י ט ש :

דעם אמת : זענט איר מענטשן אָדער שדים ? און פאַרוואָס
פאַרקויפט אונדזער דערלייזער ?

נ ח :

גוט ! פאַרוואָס האָט איר פאַרקויפט
דעם קאָפּ פון סטענקאַ ראַזינען צום צאַר ?

ס י ט ש :

ווער האָט פאַרקויפט ?

נ ח :

קען זיין — געווען אַזאַ, וואָס האָט געוואָלט דערדינען זיך,
געלאָפן און גע'מסר'ט : דאָרטן איז ער !

ס י ט ש :

וואו פאַרנעמסטו זיך ?

נ ח :

וועל איך דיך פרעגן אַנדערש : אויב די זיידעס דיינע האָבן
אויף פּיקעס פּיצלעך קינדער אָנגעשטאָכן און ביי טראָגנדיקע
ווייבער
זיי פון די בייכער אויסגעריסן, דאַרף איך זאָגן : דו
און אַלע דיינע וועלן אייביק בייזע חיות בלייבן — דאַרף איך
דאָס זאָגן אָדער ניין ?

ס י ט ש :

איר האָט אַ גאָט דער'הרג'עט !

ער שרייט עס אויס מיט אַ רציחה, נאָר דאָס קול ווי נישט פון אים,
נאָר פון צעטומלעניש אין אים, און הינטער וויסער נאַכטשיין
די אויגן ווי אין בלינדקייט איינגעטונקען. שרייט אויס נח :

— וואָס ווייסטו וועגן גאָט דיינעם? און איידער סיטש
האָט צייט צו ענטפערן, אים אָנגעכאַפּט ביים אָרבל: — קום!
עס הייבט זיך אָן אַ גאַנג איבערן שטעג צום באַן־פּלאַנט,
אַ גאַנג פון צוויי, און מיט די צוויי אַ דריטער, און צום דריטן
באַלד נעמען צושטיין מחנות אַנדערע — אביונים, קאַליקעס,
פאַרשטויסענע, פאַרהונגערטע נאָך ברויט און יושר —
און ס׳רעדט דער דריטער דורכן מויל פון יידן, רעדט
אַזעלכע רייד וואָס קיינמאָל נישט געהערט נאָך נישט פון פּאָפּ,
נישט פון מאָנאַך און נישט פון בעטלער ביי דער שוועל
פון צערקווע... שטוינען, שרעק און צאָרן שטייגט ביי סיטשן.
וואָס טוט דער ייד? ער נעמט אַוועק זיין גאָט, זיין הימלדיקן,
און שטעקט אים אונטער עמיצן, וואָס קען אין לאַפּטיעס אומגיין,
מיט שלעפּער שלעפּן זיך, אַנטקעגן פּריצים שטעלן זיך,
ביי סוחרים אויסטרייסלען די טייסטערס — נישט קיין גאָט:
אַן אַטאַמאַן, אַ בונטאַוושציק אַזאַ... ע ס טויג נישט!

ס י ט ש:
גענוג! איך וויל נישט מער.

נ ח:
האָסט מורא דאָס צו הערן?

ס י ט ש:
נישט מורא, נאָר איך וויל נישט. כ׳וויל דעם קאָפּ
דיר שפּאַלטן.

נ ח:
האָב איך דאָך געפרעגט ביי דיר:
ווילסט שלאָגן אָדער הערן?

ס י ט ש:
איך האָב שוין געהערט.
איצט ווייס איך וואָס דו ביסט.

נ ח:
וואָס בין איך?

ס י ט ש:
אַן אָנריידער, אַ כיטרער טייוול. איך, אַז איכ׳ל וועלן
דיך אומברענגען, וועל דיך אַ מעסט טאָן מיטן פויסט און אויס.

דו רעדסט ... דו גנב'עסט זיך אַרײַן און בױערסט, בױערסט...
איך זע נישט, מײנסטו? כ'זע אפילו װי דו ציטערסט,
װײל װײסט מיט װאָס סע שמעקט, און בױערסט װײטער.

נ ח:

אין װאָס־זשע גײט עס דיר?

ס י ט ש:

שװײַג, פײַניקער!
(מיט פײַן אַרױסגעשריען און די פױסטן אײַנגעשטײַפט).

נ ח:

דו טוסט נישט רעכט. נישט הײַנט — װעסטו אַ צװײטן מאָל
דעם פױסט אויף מיר אַראָפּלאָזן. באַפרײַ דיך, טו דאָס הײַנט.

ס י ט ש:

(ער שטײט פאַרגראָבן, דער גרײַצטער, אָטעמט שװער)
פאַרװאָס מוז איך עס טאָן?

נ ח:

מוזסט די רציחה אויסלאָזן,
זאָלסט קענען גלויבן.

ס י ט ש:

און פאַרװאָס קענסטו?

נ ח:

װײל איך בין אַ געשלאָגענער.

ס י ט ש:

איך װײס — דו מאַטערסט זיך. ס'איז ביטער דיר
און שװײגסט. און אַז דו נעמסט שוין רעדן, רעדסטו אמת.
איך קען אַזוי נישט. אָט האָב איך געזונגען װעגן סטענקאָן.
קען זײַן — איך האָב אים ליב. איז װאָס? קומסטו און זאָגסט:
קענסט אויך אַ סטענקאַ ראַזין זײַן. נײן, ערגער נאָך. דו זאָגסט:
דו האָסט דעם כוח און דײַן גאָט באַפעלט דיר דאָס צו װערן.
ער איז אַלײן אַזאַ געװען... ס'איז שרעקלעך... אַזאַ אמת,
אַ שרעקלעכער אַזאַ, דאַרף קומען נישט פון דיר... דיך
האָב איך פײַנט.
װאָס מער דו זאָגסט מיר אמת, מער װיל איך דיך פײַנט האָבן.
דיר גלויבן קען איך ניט. און װיל... איז װי קען מען עס מאַכן?

ווי קען מען גלויבן און נישט פיינט האָבן? ניין, ענטפער נישט.
זאָג גאָרנישט! שטיי דאָ... איך וויל גיין אַליין.

זיך אָפּגעקערט און אימפּעטיק אַליין געלאָזט זיך צו דער בודע.

◆

קומט אָן ניטל. אָנגעטראָגגן
בראָנפן, וויסן ברויט און פליישן,
נאָר דעם באַלעבאָס מאַלאַשקין
שטייט נישט אָן צו האַלטן יום־טוב
מיט די פשוט'ע מוזשיקעס,
לאָזט ער זיך אַוועק אין שטעטל,
טרינקט מען, זינגט מען און מע הוליעט.
וואָס־זשע טוט מען מיט דעם יידן,
ניכטער, טרויעריק און שטום?
זאָגט מען: סיטש, פאַרגיס דעם האַלדז אים!
מאַכט ער: אַז איר ווילט, פאַרגיסט!
אים פאַרדרייט די הענט אַהינטער
און אַריינגעקערט אַ פלעשל
און געלאָזט זיך ווידער הוליען.
ווי מע טאַנצט אַזוי האַלב־שיכור —
און דעם יידן שוין פאַרגעסן —
ערשט מע קוקט: די ציין צעשצירעט
און ער לאַכט צו זיך אַליין.
פורקעט מען דעם חבר: זע נאָר!
גאַפט אויך סיטש אויפן בייז וואונדער:
— וואָס האָסטו אַזוי הנאה?
— איך? ס'איז גאָרנישט! אַ געדאַנק.
— וואָס פאַר אַ געדאַנק? — אָט הער:

ס'איז פאַראַן אַזאַ מין מענטשן
וואָס נישט זכרים, נישט נקבות,
רופט מען זיי אַנדרוגינוס.
הייגט־זשע, ווען אַ מענטש איז צווישן,
נישט מיט האַרן, נישט מיט קנעכט —
ווי ווּעסטו אים רופן?
ענטפערט סיטש: דיזעלבע זאַך.
העלפט אים נח: אַן אַנדרוגינוס.

און אַז איינער איז אַזאַ
וואָס די פּריצים טרייבן אים

און מוזשיקעס וויל ער נישט —
ווי ווּעסטו אים רופן?
ענטפערט סיטש: דיזעלבע זאַך.
העלפט אים נח: אַן אַנדרוגינוס.

איז דאָס וואָרט אַנדרוגינוס
נישט קיין וואָרט וואָס לאָזט זיך זאָגן,
פסק'נט עולם שיכור'ער:
רוף אים פשוט-פּראָסט: אַנדראָשקאַ.

ווערט אַ ליד אַזאַ פּאַרפּאַסט:

האַלב אַ האָר און האַלב אַ קנעכט,
נישט קיין האָר און נישט קיין קנעכט —
אַן אַנדראָשקאַ.
באַלעבאָס און דינער גלייך,
דעם באַדינט און דעם געיאָגט —
אַן אַנדראָשקאַ.

ביי מוזשיקעס קיין מוזשיק נישט
און ביי פּריצים נישט קיין פּריץ —
אַן אַנדראָשקאַ.

קומט אַרויס אַ באַלאַלאַיקע,
נעמט מען גרימפּלען אויף אַ סטרונע,
וואַקסט אַרויס דערפון אַ ניגון
און מע לאָזט זיך אין אַ טענצל —
אַן אַנדראָשקאַ.

שלעפּט מען אויך אין קאָן דעם יידן,
דרייט ער זיך מיט זיי און טופּעט,
און דער גאָרגל קרייט אַ ניגון —
אַן אַנדראָשקאַ.

◈

געוועזן אַ טשאַד און מיטן יום-טוב אויסגעוועפּט זיך. ווידער טראָגט דער ייד זיין כמורנעם פּנים און דער קאָזאַק אַ צעטומלעניש. מאַלאָשקין זעט. איצט האָט ער דאָפּלטן רשות איבערן ייד: פון באַלעבאָס און אויך פון אָפּגעפרעמדטן קאָזאַק. פּרוּווט ער זיך אים אונטעריאָגן, טראָגט אים איינער אונטער דאָס אַנדראָשקאַ-ליד און ביי דער ערשטער צוטשעפּעניש: — איכ'ל פון דיר מאַכן אַן אמת'ן אַנדראָשקאַ! — און דעם פּויסט אין נח'ס ריפּ אַריין.

זיך איינגעקאָרטשעט, אויפגעשפּרונגען און אַ וואָרף געטאָן:
— די הענט האַלט אין דער היים! — און טאָמער נישט?
(איצט האָט שוין נח אויך אַ פּויסט) — וועל איך ניט שאַנעווען.
מער דאַרף ער נישט, מאַלאַשקין. — אַלע זענט איר עדות,
ער וואַרפט זיך אויף מיר שלאָגן. האַלט אים צו!
אַ רגע — זיינען נח׳ס הענט געבונדן אויף זיין רוקן
און שטיל ווי צו אַ גוטער סעודה גייט מאַלאַשקין.
ס׳איז פריי פאַר אים דעם קרבנ׳ס פּנים, רוקן, ברוסט,
און ס׳לאָזט די פויסט זיך וואוילגיין. סיטש פון ווייטן
אַ ציטערדיקער שטייט: האָט דאָך געוואָרט, דער ייד, אויף קלעפּ -
איז האָט ער עס! און סיטשן אויך אַן אַנלערנונג:
האָסט נישט געהאַט אַליין קיין כוח אָנצונעמען זיך די קריוודע
פון דיין פאַרשוועכטן גאָט, האָט זיך אַן אַנדער האַנט געפונען.
מאַלאַשקין אָבער ווייס נישט וועמעס שליחות ער פירט אויס.
ער דאַרף באַווייזן סיטשן ווער ס׳איז באַלעבאָס דאָ
און וויל פונדעסטוועגן באַווייזן אויך אַביסל מענטשלעכקייט:
איז שטילט ער איין דעם אַפּעטיט און הייסט דעם יידן אַפּלאָזן.
דער ייד פאַלט פון די פיס און שלעפּט זיך קוים אַוועק.
און ווידער איז מאַלאַשקין מענטשלעך: הייסט אים נישט
צוריקשלעפּן און שטעלן צו דער אַרבעט ווי מע דאַרף עס טאָן.

מע קומט אַהיים מיט נאַכט. דער ייד ליגט אַ פאַרשוואַלענער
און מאַטערט זיך דעם אָטעם ציען. גייט מען צו די קעסעלעך,
נאָר סיטש אָנשטאָט אַליין צו עסן, טראָגט עס אים אַפּריער.
— דאָ האָסטו! נח עפנט אויף די אויגן, די פאַרלאָפענע,
און מאַכט זיי ווידער צו. — טוט ווי? די אויגן בלייבן שטייף
נאָר ס׳רירן זיך די ליפּן: — בויג זיך צו! זיך צוגעבויגן
און הערט די ווערטער — אָפּגעהאַקטע, שטיקלדיקע:
— איך האָב שוין מיינס געקראָגן... מעגסט שוין איצט
נישט פיינט האָבן... אַ רגע בלייבט ער נאָך אַזוי געבויגן,
די אויערן זאָלן אָראָפּשלינגען די ברענענדיקע שטיקער קויל
פון נח׳ס מויל, און טראָגט דאָס קעסעלע צוריק. שטעלט עס אַוועק
און זעצט זיך אויף זיין נאָרע. אַלע אברים ציען
זיך איינצושרימפּן, ווערן קליין, צעביילט, צעוואונדיקט
ווי יענער מיט די צאַפּלדיקע ליפּן. בודע זעט זיין שטומעניש
און עסט מיט פּחד. טויג עס נישט מאַלאַשקינען.
און אַז דער קאָזאַק שטומט, איז וואָס? און ס׳פאַלט אים איין:
עס קען אַמאָל נישט טויגן ביים פּאָדראַדטשיק אויך.
איז עסט ער אָפּ און רוקט זיך צו צום יידנס נאָרע
און רעדט בנימוס: — וואָלסט געדאַרפט זיך אויפהייבן.

כדאי צו מאַכן אַזאַ וועזן פון אַ קלאַפּ! געמיינט —
ביסט שוין אַן אונדזעריקער — נעמסט און גיסט אַ קלאַפּ.
באמת האָב איך דיך אַזוי, פון אויבן אויף נאָר — — —
ער קלייבט זיך אויסציען די דרשה לענגער און דערזעט —
ביים זייט דער קאָזאַק: — גיי אַוועק פון אים. — וואָס איז?
— איך זאָג דיר: גיי אַוועק! — און איך זאָג: מיש דיך נישט!
דער ערשטער פויסט וואַרפט אום מאַלאַשקינען, ער שפּרינגט צוריק
און פּאַטשט מיט די הענט און רופט נאָך הילף, נאָר קיינער וואַגט נישט
זיך אָנצונעמען, בייגט ער זיך אַרונטער צו דער ערד
און בעט זיך: — אַז איך גיי אַוועק... געבוג שוין... כ'גיי אַוועק..
די בודע גראָבט די אויגן איין, מען זאָל ניט אויפשיסן אין לאַכן.
און סיטש זעצט זיך אַוועק ביי נח'ן צופוסנס, זיצט.
זאָגט נח'ס שכן: — ווילסט, וועט מען זיך בייטן מיט געלעגערס?
ער ציטערט אויף ווי אַ געכאַפּטער ביי דער האַנט: — צו וואָס?
איך האָב מיין אייגענעם געלעגער! און אַנטלויפט צו זיך.
עס גלוסט זיך קיינעם שוין נישט היינט ביים פייער זיצן,
ווערט נאַכט געמאַכט באַצייטנס. נאָר דאָס פייער ברענט
און שיסט מיט ליכט צו די וואָס האָבן עס פאַרלאָזט.

## 26.

פייער אונטער קעסל רייסט זיך צווישן שטיינער.
אין די ווינקלען גליווערדיקע שאָטנס פונם מיטן טאָג.
טראָגט זיך אַן אַ וואָרקענדיקע קלאָג
און אַ מאַמעלע צופוסנס זעצט זיך ווייגען:

— אפשר בעסער וואָס מען האָט מיך צוגענומען פון דער וועלט
איידער איך האָב דיר אַ ברוסט געגעבן זויגן.
ווי איז מיר אויף יענער וועלט,
אַז איך קען נישט אויפהייבן די אויגן
מיט אַ זון אַזאַ, פאַר'טרפה'ט און פאַרפוילערט.
ווי איז מיינע אויערן
אַז איך הער קיין יידיש וואָרט נישט פון דיין מויל.
ווינד איז מיר און גרויל,
אַז איך זע ווי יעדער גזלן ווערט אויף דיר בעל־מיצר
און ער שלאָגט דיך מכות רצח.

— שפרה, מאַמעלע, דאָס איז דאָך בלויז אַ משל.
— וואָס אַ משל?
— אַלץ אויף וואָס דו ביסט געקומען קלאָגן:

איך אין וואַלד, מיין גוי׳יש ברויט און לשון
און די בייזע לייט וואָס שלאָגן —
ס׳איז אַ משל!
— קעגן וואָס אַ משל?
— האָסטו נישט אין טייטש־חומש געלייענט
אַלץ וואָס טוט איצט מיט דיין זון געשען?
מוז ישראל נישט אַזוי דעם גלות טראָגן,
עסן פרעמדע קעסט,
רעדן פרעמדן לשון
און אַז מע פאַרגעסט,
אַז מ׳איז אויך נישט מער ווי קנעכט געדונגענע,
האַקט מען אים די לונגען אונטער —
זעסטו נישט אויף וואָס איך בין אַ משל?
— וואָס איז אויסגעפאַלן דווקא אויף מיין קינד
ער זאָל זיין דער משל,
זינדיקן און אָפּקומען פאַר אַלע זינד?

— שפרה, מאַמעלע, נישט רעכט אַזוי צו ריידן —
וועסט דערצערענען חלילה די אמהות אין גן־עדן!
איז די מוטער רחל
ווען געקומען מיט תרעומות פאַרן כביכול
וואָס ער האָט פון אַלע שבעים אומות
דווקא אירע קינדער אויסגעקליבן
פון דער מאַמעס היים צו זיין פאַרטריבן?
די חכמים זאָגן: אַלע זינד קויפט אויס דער גלות.
און זיי זאָגן: וואו אַ קללה
פאַלט זי אויף ישראל׳ן דעם ערשטן,
נאָר דערפאַר ווען עס וועט אָנקומען די גרויסע פרייד,
וועט ישראל זוכה זיין אין איר דער ערשטער.
וואָס־זשע דאַרפסטו זינדיקן מיט דיינע רייד?

— אַז דו רעדסט אַרויס אַ יידיש וואָרט,
קוקסטו ווי דיין זיידע אויס, דיר צו לאַנגע יאָר.

— שפרה, מאַמעלע, דו קומסט פון עולם־האמת,
דאַרפסטו דאָך שוין וויסן קלאָר:
וואָס די אויגן זעען איז בלויז אַ רמז
אויפן אמת, אויף דער לעבעדיקער וואָר.
מאַלע וואָס מע טראָגט נישט פאַר אַ בגדים
פאַר די אויגן אויבן אויף.

נישט די פרעמדע בגדים, נאָר דאָס כשר שטיקל פּאָדים
וואָס אין זיי באַהאַלטן, האַלטן אויף דעם גוף.
גיי צו די אמהות, וועלן זיי דיך טרייסטן:
ווי דו זעסט דעם זון אונטערן האַרבן עול,
ווּעסטו זוכה זיין צו זען אים אַ דערלייזטן
ווען עס וועט דערלייזט ווערן דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.
וויין נישט, מאַמעלע!

פייער אונטער קעסל ברעכט זיך דורך דער צאָם פון שטיינער.
קאָפּ אין גליווערדיקן טונקל איינגעזונקען —
הערסטו שיפען, נאָר דו זעסט קיין ליכט און פונק נישט.
ס'רעדט נישט קיינער, ס'וויינט נישט קיינער.

## 27.

זונטיק אויפן וועג פון שטעטל. סיטש איז אָנגעלאָדן. נח נאָך מער:
האָט אים אומגעשלעפּט אַ גאַנצע שעה איבערן מאַרק,
איצטער שלעפּט ער אים צוריק און בלאָזט זיך — וואָס האָט
ער געוואָלט?
שווייגט מען. ביז ער טוט אַ בורטשע, סיטש:—אָט זעסט, איך קען ניט.
— קענסט נישט וואָס? — איך מוז זיי פיינט האָבן, די יידלעך דיינע.
קרעמער, קרעמערקעס — מע רייסט דיך ביי די אַרבל... נח — בייז:
— דאָס ביסטו געגאַנגען אויסגעפינען?

טוט עס סיטשן באַנג. ער דרייט אויף קריק: — און וואָס
מיינסטו ביי אונדז?
מענטשן ווי חזירים לעבן... וויסן גאָרנישט... יעדער פאָלק אַזוי...
וואָס אַ פאָלק מיט זיינע פעלערן.

ס'העלפט נישט... נישט געדאָרפט געוועסט פאַרטשעפּן זיינע יידן...
שיסט ער אויס:—וויסט וואָס? מיר וועלן גאָר אַוועקגיין אין סיביר.
— נו, און דאָרטן? — דאָרטן, זאָגט מען, איז פאַראַנען ערד אַ סך.
וועלן מיר פאַרלייגן זיך אַ ווירטשאַפט. וועסט זיך אויסלערנען.
ביסט דאָך נישט קיין מפיל־קינד.

נח — וויכער: — דו קענסט גיין, נישט איך. — געפעלט דיר נישט?
— בין אַ ייד, מיך לאָזט מען נישט. — אפילו אין סיביר נישט?
— אַ געשמידטן — יאָ, אַ פרייען — ניין. — וואָס האָבן זיי צו דיר?
— וואָס האָסטו געהאָט צו מיר, ווען איך בין אָנגעקומען?

סיטשן ווילט זיך נישט געדענקען. ווילט זיך אויך נישט אַפּלאָזן
אַזאַ וואוילן ענין: — עד, וואָלט גוט געווען!
וואָלסט דאָרט אַנדערע ווי דו אַזעלע יידן מיטגעבראַכט.
און פון אונדזערע אַ סך. מע וואָלט זיך איינגעאַרבעט.
אָט ווי איך מיט דיר. און אויסגעלערנט זיך נישט פיינט האָבן.
גאָט איז גאָט און מענטש איז מענטש.

תלמיד זאָגט די תורה נאָך געטריי. ווי קען דער רבי
זיך נישט אָפּרופן: — ביסט גוט צו מיר, איוואַן! — דער נאָמען
קומט פון רבי'נס מויל ווי אַ מתנה. גאוה'ט זיך דער תלמיד:
— נישט פאַר דיר. דו ווייסט נישט. איך האָב טראַכטונגען אַ סך.
אָט פון סטענקאַן: איך זאָל זיין אַן אַטאַמאַן ווי ער,
וואָלט איך נאָך קיין מוידן נישט געיאָגט זיך. כ'ווייס שוין ווי
ס'דאַרף צו זיין אַן אַטאַמאַן אַן אמת'ער, מיט גאָט אַזאַ, מיט יושר.
טראַכטונגען אַ סך ביי מיר פאַראַן...

נאָך אַ האַלבן וויאָרסט אין שניי. צעלאַכט זיך סיטש:
— אַז איך האָב דיך מיטגעפירט אין שטעטל, ווייסטו וואו געגאַנגען?
— ניין. — אין אַן ערטעלע אַזאַ. געוואָלט דיך מיטנעמען, מכבד זיין.
נאָכדעם נישט געקענט דיר זאָגן און געטראַכט: וועל דיך איבערלאָזן
און אַליין פאַרקירעווען. דערנאָך פאַרשעמט זיך אויך דערפאַר
און אַ מאַך געטאָן: עט, כאַפּט דער שד עס! וועל אַ צווייטן מאָל
גיין אַליין. — וואוהין? — פרעגט נח. — אָט אַ מענטש דאָס איז!
אַ נקבה'לע אַזאַ פאַראַן. פון וואָס דען רעד איך?

נח'ן פאַרגיסט דאָס פנים. טענה'ט סיטש ווי אַ געקריוודעטער:
— נישט געגאַנגען דאָך, וואָס ביסטו בייז? — איך בין נישט בייז.
— אַז נישט בייז, טאָ טו אַ שמייכל. — נח פאָלגט, און
צוגעקלעפּטער שמייכל
קלעפּט זיך שטייפער צו, ווערט אמת'דיק און העל אונטער די וואָנצעס.

## 28.

און ווידער אַ זונטיק. פון די שנייאיקע פלאַכטעס
אויפן דאַך האָט געקאַפּעט מיט ברודיקע טראָפּנס,
ווען מאַלאַשקין איז אָנגעקומען פאַרנאַכטלעך
און אויסגעקראַכט ווי פון פלאַש אַ פּראָפּן:
— די זשידעס האָבן דער'הרג'עט דעם צאַר.

האָבן אַלע אַרום מיט אַמאָל פאַרגעסן,
אַז חדשים ווי נח דאָ טאָגט און נעכטיקט,

און מיט אויגן אין אים זיך איינגעגעסן
ווי ער איז עס דער וואָס מע פֿאַרדעכטיקט —
— אַ זשיד וואָס האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

אַ זשיד איז בטבע אַ שד, אַ מכשף,
אויף אים איז קיין טייוולשע זאַך נישט קיין חידוש:
אָט עסט ער מיט דיר פֿון איין שיסל קאַשע
און איז גאָר באמת דאָרט מיט די זשידעס —
די זשידעס וואָס האָבן דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

האָט מען גאַרנישט געטאָן חוץ אויף אים צו קוקן
און קייען אויף אַלע אופֿנים די נייעס.
נאָר ער האָט געזען די ציין פֿון פֿאַרציקונג
און זיך אָנגענאָדלט ווי אין פֿאַסטקע אַ חיה —
דער זשיד וואָס האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

און ער האָט געזען אויף סיטשעס שטערן
ווי ס׳ראַיען אין מוח ביי אים די מחשבות:
ביז וואַנען דו וועסט זיי דעם אמת דערקלערן
שפּילסטו אַ שפּיל מיטן מלאך־המות —
צי יאָ צי נישט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

גערעדט האָט מען לאַנג און געזען ווי דער קאָזאַק
שנירלט און צוקט די ברעמען, די וויסע,
נאָר כל־זמן ער זיצט האָט נישט קיינער די העזה
אַ רודער צו טאָן די הענט וואָס בייסן
צום זשיד וואָס האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

אַזוי איז אויף זיי דער שלאָף געזונקען
מיט וואָלפֿישן הונגער נישט באַפֿרידיקט,
און ס׳האָבן די כוואַליעס פֿון כראָפּען פֿאַרטרונקען
דאָס לעצטע געשאַר און טריט פֿון יידן —
דעם ייד מיט דער שולד פֿאַרן מאָרד פֿון צאַר.

דער שנייאיקער שטעג איז צעווייקט און צעבלאָטעט,
נאָר פּיס ביים יידן געניטע וואָגלער.
ביז טאָג וועט צעיאָגן די וואַלדישע שאָטנס
וועט האָבן זיין לעבן אין שטעטל דערטראָגן
דער ייד מיט דער שולד פֿאַרן מאָרד פֿון צאַר.

## .29

אַ ווייב, וואָס דערקענט זיך ווידער צום מאַן נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג,
ווערט איבערנאַכט פון אַ וויסטער יתומה אַ ציטעריקע בת־יחידה.
נאָר מער נאָך ווי ס'האָט אין איר עלנט געשלונגען אין זיך די יתומה
מוז שלינגען אין דאָפּלטן עלנט די בת־יחידה. געקומען אַ מאַן
און נישטאָ אים. די ברילן מסתמא געלאָזן אין וואַלד, און נאַקעטע אויגן,
צעטומלטע, ביסטרע, שלאָגן זיך אָן כסדר אָן חפצים אין שטוב.
ער קומט און גייט און קומט און גייט און קען ניט קיין צענדליק ווערטער
דאָס מויל און ווערטער, צעביסענע שטיקלעך, פּלאָנטערן זיך
ווי ער האָט געלעבט אין וואַלד און מיט וואָסערע מענטשן געווען
און ווי מיט זיי אויסגעקומען און מאַלע וואָס נאָך — עפּנט זיך נישט
קיין מויל אים אַנטקעגן, און ווערטער, צעביסענע שטיקלעך,
פּלאָנטערן זיך
צווישן די ציין און שלינגען זיך אײַן צוריק. אָט ליגט אין וויגל
אַן עופ'לע — צוויי טראָפּנס וואָסער ווי ער. זי זעט ווי ער פּרוּווט זיך
אַ שמייכל טאָן, געבן אַ פינגער דעם קינד, נאָר ס'בלײַבט אים די האַנט
אַ פאַר'גולמ'טע הענגען און ווידער פאַרכמורעט רוקט ער זיך אָפּ.
ניט אַנדערש—דער וואַלד האָט אים כישוף געטאָן. איז ווי קען דוואָשע
דערציילן, אַז ס'פעלט איר אויף מצות און פליײש? עס איז נישט
קיין נײַעס ביי איר
פון צוזאָגן, באָרגן און נישט דערצאָלן צוויפּצושטוקעווען נאָך אַ פּסח,
און אפשר מיט ליבן יום־טוב אין שטוב וועט ער ווידער דערפילן
די היימלעכקייט, ווערן אַ מאַן און אַ טאַטע און ס'וועט זיך דער
כישוף אָפּטאָן.

דער זון, דער בר־מצוה, קומט אָן פון ציגעלניע צו בדיקת־חמץ.
מע גיט זיך שלום, מע מעסט זיך אָפּ, די מאַמע העלפט אונטער
דערציילן ווי ס'גייט אים די אַרבעט, און מאָרגן לאָזט יאַנקל צום
ערשטן מאָל
דעם טאַטן זען ווי מאַנצבילש ער לייגט די תפילין. עס דאַכט זיך —
דער זון האָט אַביסל אָפּגעצויגן די מרה שחורה. נאָר שפּעטער אין טאָג
הערט נח אַ דינגעניש צווישן מאַמע און זון אין דרויסן. די רייד
געשטיקטע,
און מאַמעס קול מיט תחנונים. עס אַרט אים, און ס'איז אין
דערזעלביקער צייט
אים איבערדריסיק און ווייט. איז טוט ער גאָרנישט אַליין ביז דוואָשע,
פאַרביסן די ליפּן, שטעלט זיך אַריין אַ פאַרכליפּעטע. מוז ער שוין הערן.
זי איז ביז דער לעצטער מינוט פון דער הויט געקראָכן ניט אָנצורירן

דעם יינגלס צען גילדן, וואָס זי האָט אָװעקגעלייגט פאַרן שניידער.
נאָר דאָ,
אַז ס'האָט איר פאַרפעלט צו מצות — איין גאָט האָט איר האַרץ געזען,
אַז זי וואָלט זיך ליבער דאָס לייב געשניטן ווי רירן זיינע פינף גילדן...
אַוודאי איז ער געערגערט און ס'קומט אים דאָס שטיקל בגד אויף
יום־טוב,
נאָר זעליק דער שניידער איז נישט אַזאַ גזלן, ער זאָל פאַרהאַלטן
דעם ראָק אויף נאָך פסח. און דאָ — כאָטש קוש אים די פיס:
ער גייט נישט... זי רעדט און שלינגט די טרערן, און ס'איז
נישט אַזוי
די שולד קעגן זון ווי דאָס מודה זיין זיך אָט־אַזוי פאַרן מאַן.

רופט נח דעם זון: — וואָס ווילסטו נישט פאָלגן דער מאַמען?
וועסט זאָגן דעם שניידער —
מע וועט אים דערצאָלן נאָך יום־טוב. דער יינגל שטייט
מאַנעריש־האַרט:
— איך גיב מיינע שכירות אַוועק יעדע וואָך. ס'איז גענוג. איצט
וויל איך
די גאַנצע צען גילדן — זי האָט ניט געדאַרפט זיי רירן! די האַרטקייט
דערמאָנט דעם פאָטער אָן יענע פון צווישן וועמען ער קומט, נאָר דאָ,
ביים זון, דערצערנט עס: — ווער איז די זי? — ער זעט,
דער באַרויבטער,
מע כאַפּט אים ביים וואָרט און קלאַמערט זיך שטייפער צו זיינס:
— איך וועל מיט פינף גילדן נישט גיין! און ווידער: — ווער
איז דאָס די זי?
און ווידער: — מיך אַרט נישט, אַז איך וועל אויף יום־טוב
אָנטאָן דעם אַלטן ראָק!
— וועסט ענטפערן גלייך אָדער ניין? דער ענטפער איז — אויגן אין זיך
און האַסטיקער אָטעם. ווערט שטומער דער צאָרן אין פאָטער,
צעטומלטע אויגן
נעמען זיך שטויסן אין חפצים אַרום, און ווייס דער ניט־גוטער פון וואַנען
עס רוקט זיך אים אונטער אַ שטריק און שוין אין דער האַנט מיט איר
צישעט ער אויס: — בעט איבער דער מאַמען און גיי צום שניידער!
גרוילט אימה אין יאַנקלען, נאָר מיט פאַרשצימעטע ציין, דער
שטריק צו־להכעיס
רעוועט ער אויס: — קענסט שלאָגן, איכ'ל נישט גיין! אַ רעווע אַזאַ
און אַ בראַנד אויף דער פּלייצע ביז ס'וואַרפט זיך די מאַמע
אין מיטן אַריין
ווערט אָפּגעשטויסן און וואַרפט זיך צוריק, דעקט איין איר קינד

מיטן אייגענעם לייב און שרייט מיט באַנומענע קולות: רוצח! קאַט!
דו ביסט נישט מיין מאַן! איך קען דיך נישט! גיי אין וואַלד
אַריין, גזלן!

זי ליגט אויפן בעט און פאַרדעקט נאָך אַלץ איר קינד מיט זיך.
נאָר ווען גליאַיק רחמנות גראַבט איין איר האַנט אין זיין פּלייצע,
צעקרעכצט ער זיך ווידער, שפּרינגט זי אויף און שיילט פאַמעלעך
פון אים דעם ראָק, טלית־קטן און העמד. מיט בלאָע און רויטן פּאַסן
שניידט זיך די שטריק איבער דער פּלייצע — בייט זי נאַסע האַנטיכער,
און אַלע אברים אין איר שיידן זיך אָפּ פון דער ווילדער רציחה,
וואָס איז נעכטן געווען איר מאַן. און ער, אַ קופּערנער, שטייט
און גאַפּט מיט צעשמאַלצענעם גלאָז, שטייט אין אַ קאַלך־אויוון
וואו ס'האַט אים אַריינגעשליידערט עפּעס אַ בראַנדיקע פויסט,
און ס'לייב פון זון, און דאָס פּנים פון ווייב און זיין אייגענע האַנט —
עס גיסט זיך צעשמאַלצענער גלאָז אויף אַלץ. נאָר פון די נאַסע טיכער
בלאָזט מיט אַ קילקייט אַ ווינטל, ברענגט עס צוטראָגן פון ערגעץ
דעם ווייבס געשרייען: אין וואַלד אַריין, גזלן!... אין וואַלד אַריין...
וואַלד... נאַסע טיכער אויף פּלייצע... סידאַרס פּלייצע און ריטער...
יאַנקלס פּלייצע און שטריק... וואַלד... מאַלאַשקין מיט פויסטן...
מאַלאַשקין דאַרט אים, ער דאָ — יאַנקלען. דאָ — ער דער מאַלאַשקין.
נח מאַלאַשקין! אַ זיווג אַזאַ. אין וואַלד געשלאָסן, מיט פויסטן
פאַר'קנס'ט,
מיט פויסטן ביי אים אין די ריפּן, מיט שטריק אויף דער פּלייצע
ביי יאַנקלען,
פאַר'קנס'ט און פאַר'חתמ'עט, אַן אייביקער זיווג: נח מאַלאַשקין...

די מוטער איבערן וויג זויגט דאָס קינד און זעט ווי דער מאַן
זוכט אין שופלאָד אַ ריינע העמד אין באָד אַריין. וואָלט זי געקענט
אים זאָגן וואו ס'ליגט, נאָר אַלע ווערטער זיינען פון מויל אַנטנומען.
געפינט ער אַליין און גייט. די האָר אויפן קינד און די אויגן פון
קינד —
די האָר און די אויגן פון אים — זיינען מליץ יושר פאַר אים.
טרייבט זי די נאַכטיקע זעליקייט, שטעלט איר אַנטקעגן די פּיין פון זון
און רופט דעם עלנד, דעם דלות, די נויט זיך צו שטעלן פאַר איר
און געבן איר גבורה. און ער טראָגט דעם גוף, דעם פאַרוואַלדיקטן גוף,
צו טבילה. שמייסט זיך און בריט זיך, בריט בראַנד מיט בראַנד —
אַהיים אַז ער קומט, בלייבט ער זיצן ווי דעמלט ווען מ'האָט אים
פון טיפוס, פון הקדש צוריקגעבראַכט. ליגט אויפן בעט יאַנקלס ראָק,
וואָס די מאַמע אַליין האָט פון שניידער געבראַכט. ס'ווערט טונקל.
זי טוט אָן די ווייסע יאַקע. צינדט ליכט. ס'ווערט יום־טוב.

דער טיש ווערט צום סדר געגרייט. שטייט ער, שפּאַרט זיך אָן
אָן אַשאַק פון פענצטער און דאַוונט מעריב. — גוט יום־טוב!
זי ענטפערט.

זי ענטפערט, ווייל קעגן זיין פנים און בלאָסן ליכט אין זיין קול
ווערט בטל איר קריוודע און ס'איז דאָך יום־טוב ביי גאָט.
איז בעט זי מיט וואונקען ביים זון ער זאָל זיך אַ כוח אָנטאָן
און פרעגן
די קשיות. ווען ס'קומט פון זונס מויל דאָס ערשטע פאַרדומפּענע:
— טאַטע!
ווערט קאָפּ און אַקסל פון פאָטער ווי שטיין, ער זאָל בייקומען קענען
דעם קאַלך־אויוון בראַנד, וואָס שלאָגט אים אין פנים, און הערן
הערט ער:
— פאַרוואָס איז יצחק געפירט געוואָרן צו דער עקדה, ווייל זיין
טאַטע אברהם
האָט פעסטקייט געזוכט אין זיין גלויבן? פאַרוואָס האָט יעקב'ס לייב
אונטער בראַנדיקע שטריק געמוזט צאַלן דערפאַר וואָס זיין טאַטע נח
האָט זיך אָנגעטרונקען אין וואַלד מיט רציחה און דעם וואַלד
נישט געקענט
די רציחה צוריקצאָלן? פאַרוואָס מוז דער אומבאַהאָלפענער שוואַכער
דער קרבן זיין פאַר דער אומבאַהאָלפנקייט פונם שטאַרקן?
אַזוי פרעגט דער זון, און דער טאַטע דערנאָך, אַז ער הייבט אויף
דאָס קול,
ענטפערט: — ווייל קנעכט זיינען מיר ביי די מאַכטן פון רשעות
און ווילדקייט.
מע טרייבט מיט בייטשן אין אונדז די רציחה אַריין, מיר זאָלן באַהערשן
אויך איינער דעם צווייטן מיט מורא און גרויסן מיט אונדזערע מעשים
די מאַכט פון רשעות און בלוט. מוז מען אָוונט און מאָרגן און מיטנטאָג
בעטן אויף כוח צו קענען דערהאַלטן דאָס ליכט וואָס שטאַרקט אונדז
מיט ליבשאַפט און גוטס פון בני־חורין. און טאָמער פאַרשפּעטיקט
די תפילה און ס'קומט נישט דער כוח, שניידט זיך די בייטש אין
נשמה אַריין,
און רויט פון רציחה ווערן די אויגן וואָס זוכן דאָס ליכט. פייניקן מיר
איינער דעם צווייטן, ראַטעווען מיר זיך איינער אָן צווייטן, מאַכן
איינער פון צווייטן אַ קרבן ביז עס קומט דער נס פון דערבאַרמונג
און דעמלט
זעט מען ווי רוצח'יש עס האָט די קנעכטשאַפט געמאַכט אין אונז
דעם גאַנג צו גאולה.

דאָס ווייב פאַלט אַוועק נאָכן סדר. דער זון אין שלאָפבאַנק לייגט זיך.
דער טאַטע בלייבט זיצן אַליין. פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און ער זיצט.

ס׳גייט נאַכט און ער זיצט. פאַרטאָג וועקט זיך איבער דער זון
פון אַ שמערץ
אין דער וואונדיקער פּלייצע און זעט: אין פולן אַנטאָן און שטיוול, האָט דער טאַטע זיך צוגעשפּאַרט נעבן אים אויפן ראַנד פון שלאָפּבאַנק און האַלט אים אַרומגענומען. פאַרגראָבט ער די אויגן אין זיסן געוויין און לאָזט זיך ווייטער שמערצן פון דער האַנט וואָס האָט אים געשלאָגן.

## 30.

פינף תליות, פינף טויטן, פינף נעמען אין שוואַרץ
פון געדיכטע צייטונג־שורות
זאָגן אָן דעם וואַלד אַ בשורה:
— נישט דער ייד האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.
פינף תליות, פינף טויטן, פינף נעמען אין שוואַרץ
פון געדיכטע צייטונג־שורות
לאָזן הערן דעם יידן, דעם ריינעם פון מאָרד:
אַז מע מאַכט פון מחשבה וואָרט,
מוז מען געבן לעבן דעם וואָרט.
ווער ס׳האָט מצדיק געווען אויף פּרעה׳ן דעם דין
איז אַ שותּף צו די,
וואָס האָבן מקיים געווען דעם פּסק־דין.

פינף נעמען ריידן פון שוואַרצע שורות:
ביסט געקומען, אַ פּרעמדער, דיין גלויבן צו שטאַרקן
מיט תמימות פון וואַלדישער גבורה
און געטראָפן האַס פון באַלאָדענע קאַרקן
און אַנטלאָפן פון בלינדער נקמה אין נאַכט.
האָסט דיין גלויבן צוריקגעבראַכט אונטער דיין דאַך
און דעם וואַלד ווי טומאה געבריט פון דיין הויט.
מיר האָבן די קעפּ צו פּעטליעס געשטרעקט
אַז דער וואַלד מיט העק זאָל זיך ברעכן אַ וועג
צו דעם זין פון אונדזער טויט.
איצט וועלן די סלופּעס פון אונדזער תליה
מיט נייעם גלויבן דעם וואַלד דיר באַבליען.

פינף נעמען אין פּעטליעס צום הימל דערהייכטע
ווי פלאַמיקע צייכנס
שיקן אַ וואָרנונג דער גרויסער מדינה:
וואו אַ סאָפּיע אין אַ פינצטערער כאַטע ביים שפּינען,
וואו אין פעלד אַן אַנדריי ביים מיסט און פאַרזיי,
וואו אין וואַלד אַ טימאָפיי מיט לאָם און האַק,

וואו אין וואַנדער נאָך אַרבעט אַ ניקאָלאַי אַ באַטראַק,
וואו אין וועג אַן איוואַן ביי לייצע און שפּאַן —
ווער עס זעט זייער שטומען געדולד פון פי
און די ציין פון פאַרהונגערטע חיות,
זאָל געדענקען די נעמען פון תליה:
סאָפיע, אַנדריי, טימאָפיי, איוואַן, ניקאָלאַי —
די זעלביקע אותיות און ווערטער
פון די זעלביקע פעלדער געגנערטע.

פינף קדושים געהאַנגענע
ריידן צו דורות פאַרגאַנגענע:
צי פּיקע און שווערד פון צעיושעטע האָרדעס,
צי קנאה פון גלויבן האָט אייך געמאָרדעט —
אָ, ווייטע ברידער־מאַרטירער —
מיר קויפן ביי אייך מיט אונדזערע לעבנס
פאַר אונדזער פאַרבלענדטן בלוט אַ פאַרגעבונג.
ווי לאַנג נאָך עס טאָגט נישט דעם נביא'ס ברכה,
ווי לאַנג נאָך פעלקער אויף פעלקער פאַכען
די בייטש פון אייגענע פלייצעס צעשונדענע —
אָ, ברידער מאַרטירער —
זאָלן אונדזערע העלדזער געשטרעקטע צו חלף און שטריק
זיין צווישן פעלקער אַ בריק
און דערהאַלטן דעם גלויבן אין ווייטן וואונדער —
אין דער ברכה פון נביא, דער ברכה פון פרידן,
דער ברכה פון פעלקער־ברידער.

קאַפּיטל נײַן

# לויפער און גייער

## .1

טרעפט אַ ייד אַ יידן :
— שוין אַ מעשה, זאָגט מען, ווידער !
ענטפערט אָפּ אַ חושכ'דיקער ייד :
— שוין ווידער.
— וואו איז דאָס געשען ?
— אומעטום.
— וואָס הייסט ?
חושכ'ט אָפּ דער חושכ'דיקער ייד :
— נישט אַ שייגעץ אַ געקוילעטן
פון אַ הינטערגעסל,
נישט אַ שיקסע פון אַ דאָרף
ווי אין אַ פּראָסטן יאָר—
היינט האָט מען אונדז ערב־פּסח
צו דער שוועל געבראַכט צושלעפּן
אַ דער'הרג'עטן — אַ קיסר.

## .2

פון איינעם אַ וואַלד איז אַנטרונען אַ ייד.
אין איינעם אַ וואַלד האָט אַ פּריצ'ישער ממזר
געקנאָטן די בייסיקע פויסט מיט אַ שבועה,
אַז ער וועט אים נאָך פּאַקן, דעם אַנטרונענעם ייד.
נאָר אונטערן קרעפּ אויפן קיסר'ס פּאָרטרעט
אין פירשטלעכע זאַלן און מיניסטאָרישע קאַנצעלאַריעס,
ביי קאָרטן און וויין־טישן אין אָפיצערישע קלובן,
ביי שרייב־טישן אין רעדאַקציעס פון צייטונגען —
אומעטום האָט געווימלט מיט קרובים און לייבלעכע
פון פּריצ'ישן ממזר אין וואַלד, און זיי, וואויל־געלערנטע,
האָבן יאָ שוין געוואוסט ווי צו פּאַקן דעם ייד.

ס'האָט פרילינג אַ שיין געטאָן. ערד פון אוקראַינע
האָט אָפּגעטאַיעט פון שנייען און גליווער
און דעמפּיק געאָטעמט מיט ריחות־טומאַנען

פון אירע פאַרדרעמלטע זאַפטן. און אַז ס'איז דערגאַנגען
צו אייניקלעך פון הײדאַמאַקעס אַ שיפּעדיק וואָרט:
— דער ייד! — האָבן נאָזלעכער פלאַטערדיקע דערשפּירט
אין צעוואָרעמטע ריחות פון היימישער ערד אויך דעם ריח
פון יידישן בלוט, האָבן אייניקלעך פון הײדאַמאַקעס
זיך זאַמלען גענומען מיט דרענגער און מעסערס,
מיט לאָמען און העק און פון שטאָט צו שטעטל אַוועק:
— אונזער ערד וויל פון יידנס געשעפטן און הייזער
און פון אָדערן זיינע איר שפע צוריק.

האָט דער ייד, וואָס אַנטרונען פון וואַלד, צווישן שחרית
און מוסף דערהערט אין בית־מדרש די בשורה
און ס'האָט זיך פון זיינע ליפּן אַרויסגעריסן אַ זאָג:
— דער וואַלד גייט . . . דערנאָך האָט דער חזן
געזאָגט: ומפני חטאינו — און איבער דער פּלייצע
האָט זיך דער פריצ'ישער ממזר געבויגן: — דו זעסט?
דו ביסט נישט אַנטרונען! דאָס בלוט פון מיין טאַטן
אין מירמל־פּאַלאַצן און ס'בלוט פון מיין מאַמען
אין ליימענע כאַטעס — עס וועט זיך צוזאַמען
אַ לאָז טאָן אויף דיר, און דיין חבר, דער הײדאַמאַק,
אַן אָפּגענאַרטער פון דיר, איז ביי מיר אין רשות.
ער אויך גייט אויף דיר און עס וועט דיך נישט מיידן . . .

## 3.

מיטוואָך האָט מען פּאַגראָמירט יעליסאַוועטגראַד
און פרייטיק — גאַלטע.
און צווישן מיטוואָך מיטן פרייטיק איז געווען אַ דאָנערשטיק,
און דאָנערשטיק האָט מען אין פּעטערבורג
פיר מענער און אַ פרוי
פאַר אויפרייסן דעם קיסר אין זיין קאַטש
געהאָנגען.

זיינען דער מיטוואָך מיטן פרייטיק,
צוויי כוליגאַנעס שכור'ע,
מיט פלאַנטערדיקע טריט געשפּרונגען איבער גאַסן,
פאַרקוקט אין פּנים'ער און פענצטער יידישע
און גאַוועדיק געשריען:
— בעי זשידאָוו!
און דאָנערשטיק, אַ שוואַרצער אבל
מיט אַ שבועה פון נקמה

אויף איינגעשטייפטע ליפּן,
האָט זיך געשאַרט דורך הינטערגעסלעך
צו עמעצן וואָס וועט אים עפענען אַ טיר.

פון שכור'ן געריוו פון מיטוואָך מיטן פרייטיק
האָט קראָם און קלויז און שטוב
אין פּחד זיך געקאָרטשעט
און דורכן פּחד תּפילה'דיק געשאָלטן:
— שפוך חמתך!
און דאָנערשטיק, דער שוואַרצער אבל,
איז ערגעץ אין אַ שטאָל אין שטרוי
געלעגן אַ פאַרגראָבענער
און זיך מיט נעגל איינגעקריצט אין לייב
די בייזע שבועה פון נקמה.

## 4.

צום דאַוונען יום־טוב האָבן פּיס נישט פרעגנדיק פאַרטראָגן
אין קצב'ישן בית־מדרש. ר' יחיאל האָט זיך אויפגעצונדן:
— אין וואַלד מיט גויים? אין אַזעלכע צייטן. קומט דאָך אייך
באמת שלום!... הענט קצב'ישע מיט כּוח ווי ביי וואַלד־מענטשן
האָבן זיך שווער געשטרעקט. רחמיאל שענקער האָט זיך צוגעכאַפּט
ווי אַ פאַרבענקטער ברודער, און אברהמ'ל ציגלמאַכער
האָט אַ צעשיינטער הינטער אַלעמען געוואָרט און שפּעטער
געמאָלדן, אַז זיי לעבן גוט אויף דער ציגעלניע, ער און יאַנקל.
נאָר ווען דער חול־המועד האָט אַ פרעג געטאָן: — נו, און חיונה?
האָט דער קצב'ישער בית־מדרש נישט געהאַט קיין ענטפער.
כּדאי אפשר אַריינקוקן אין הויכן גביר'ישן בית־מדרש?
יאָ, ס'איז כּדאי געווען. ס'האָט בלויז עזריאל אים דערבליקט,
און שוין געווען מיט אים: — סאיז גוט וואָס איר זענט דאָ!
— וואָס איז? — איר וועט שוין הערן... ווידער, הייסט עס,
דער אידים מיטן שווער... דו לויפסט פון זיי כּסדר
און עמעצער ביים קאַרק ברענגט דיך צוריק.

ווען ער האָט מוצאי־יום־טוב אָנגעקלונגען אין באַקאַנטן גלעקל,
האָט אים באַגעגנט ראָזע. מיטן ערשטן קוק ווי אַלעמאָל
אַ צי געטאָן זיך אויף צוריק, נאָר בלויז אַ רגע,
און באַלד זיך אויפגעהייטערט, שיר נישט אָנגעכאַפּט
ביים האַנט, געפירט אין שטוב, אַוועקגעזעצט אין ווייכן שטול:
— איר קומט פון וואַלד, פון פויערים... האָט איר דאָך זיי

דערקענט . . . טאַ זאָגט — ווי טײַטשט איר די געשעעענישן איצט ?...
ער האָט געזוכט וואו הינצוטאָן די אויגן פון דער אַנדערשקייט
אין איר, נאָר זי, מיט אַ פּאַרפּלייץ פון קשיות ווי אַ קינד,
האָט נישט געלאָזט צו זיך קומען. האָט ער ווי אַ געפאַנגענער
געמוזט אַנטפּלעקן די מחשבות פאַר דער אשה — ווי עס קומט
דער האַס אין פויער און פאַרבלענדונג — נאָר די ווערטער
פון זיך געשלעפּט און פּלוצלינג אָפּגעהאַקט : — וועט ר׳ עזריאל
נאָך לאַנג זיך זאַמען ? . . . . אַ באַליידיקטע, און דאָך מיט גוטסקייט
צום ווילדן מענטש, האָט זי געשיקט דערוויל דעם פאָטער רופן.
ר׳ מרדכי איז אַריין אַ ברוגז׳לעכער : — ברוך־הבא ! . . .
די יונגע האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין צדקות, מעג מען שוין
כפּרות שלאָגן מיט די אַלטע . . . מילא . . . זאָגט זשע מיר :
פאַר וועלכע מעשים האָט מען אייך פון וואַלד אַרויסגעיאָגט ?
פאַר וועמען איינגעשטעלט זיך און מיט וועמען זיך צעשלאָגן ? . . .
אַנטקעגן דעם האָט נח אויפגעשמייכלט און מיט היימישקייט
דערציילט וועגן די וואַלדישע מלחמות. ווען עזריאל איז געקומען,
האָט ראָזע פּינקטלעך נאָכדערציילט און ווי נאָך אַ וויכוח
פאַרענדיקט מיט אַן אויספיר : — אַלץ דאָס זעלביקע ! אָט איז ר׳ נח
אַליין געווען אַ וואַלד־העקער, געלעבט אונטער איין דאָך מיט זיי . . .
מע זוכט דעם ייד ! . . . ר׳ מרדכי גליקזעליק האָט צוגע׳חוזק׳ט :
— איר זעט ס׳אַרע מין יידן מ׳איז געוואָרן. וואָרט׳ס —
איר וועט נאָך דאָ אין הויז משיחים אַנטרעפן . . .

ערשט ביי דער טיי האָט אים עזריאל אָנגעהויבן אויסטייטשן
דעם „נס" דאָ : נח וועט אַהיימנעמען אַביסל ציטונגען
און זען, אַז וואָס אים האָט פון וואַלד פאַרטריבן, יאָגט
דורך גאַנץ איראָפּע. נישט קיין חילוק — שטריימל־ייד
צי פראַק־ייד — אַלע זיינען פּיאָוקעס און ס׳איז צייט
זיי אָפּרייסן פון פעלקער׳ס לייבער. וואָיעט עס פון אומעטום
און ס׳כאַפּן זיך די אויסגעגליכענע, אַז מ׳האָט צו פריי אַביסל
משיח׳ן געהאַלטן ביי דער באָרד . . . — נישט בויטיק די איראָניע —
האָט ראָזע אָנגעבלאָזן ס׳מויל. — ס׳איז קיין איראָניע נישט.
פון מיינעטוועגן מעג עס זיין פון טאָטער . . . זענט איר איצט
אין צייט געקומען — העלפן די בעלי־תשובה ווערן יידן.
— מיט וואָס ? — האָט נח נישט פאַרשטאַנען. — לערנען יידישקייט.
— כ׳האָב זיך אַ וואָרט געגעבן נישט צו זיין מער קיין מלמד.
— דאָך נישט מיט קינדער ! יונגע לייט, דערוואַקסענע. און גיין
אַהיים צו זיי . . . ער האָט גענומען ציילן הייזער וואו עס וואַרטן
אויף נח׳ן תלמידים. — נאָך איינע — האָט ראָזע צוגעוואָרפן :
אויף רחל קאָרנפעלד . . . עזריאל׳ן האָט זיך דאָס מויל צעקרימט
ווי פון אַ שטאָך ערגעץ. — דערציייל שוין וועגן די משיחים אויך —

האָט זיך געדרייצט מיט עמעצן ר׳ מרדכי. ווי זיך אָפּגעטרייסלט,
האָט דורך פֿאַרקלעמטע ציין עזריאל ווידער אויסגעטייטשט:

— איר וועט אויך פֿון די בלעטער זען ווי ס׳איז דער רעיון
פֿון ישוב־ארץ־ישראל זיך צעוואַקסן מיט אַמאָל: נישט גלאַט
קאָלאָניעס, דערפֿער, נאָר אַ גאַנץ שטיק לאַנד אַרויסקריגן
פֿון טערק און אויפֿבויען אַ יידישע מדינה. דאָס מאָל שטאַמט עס
פֿון קריסטן גראַד, פֿון ענגלענדער. נאָר אַז עס ריידן קריסטן,
האָט עס אויך אָנגעצונדן די בעלי־תשובה. איינער אַט אַזאַ
קומט אויך אַריין צו אונדז. — דעראַנדאַ! — האָט אַ שמייך געטאָן
ר׳ מרדכי. — טאַטע, כ׳בעט דיך — איז די טאָכטער אויפֿגעשפּרונגען,
עזריאל האָט מיט פֿאַרוואורף זיך געווענדט צום שווער:
— ר׳ נח האָט נאָך צייט צו הערן . . . און צו נח׳ן כּלאחר־יד:
— דעראַנדאַ איז אַ העלד פֿון אַ ראָמאַן. איר וועט עס לייענען.

ער האָט אים מיטן פּעקל צייטונגען דערנאָך באַגלייט צום טיר:
— מיר זייַנען אַלטע פֿריינט . . . (עס גייט שוין ווידער עפּעס!)
ביי אונדז זענט איר אַן אייגענער. ביי אַנדערע וועט בעסער זיין
איר זאָלט זיך אַנדערש אָנטאָן. — צוליב וואָס? — מע דאַרף נישט
דעם יונגן דור מיט לאַנגן ראָק און שטיוול אָפּשרעקן . . .
ער האָט געפּועל׳ט, נח זאָל ביי אים זיך באָרגן אַ גאַרניטער
מיט קורצן רעקל און פֿאַרביטן אויך די שטיוול אויף קאַמאַשן.
נאָר ביי די רייד וועגן אַ קאַפּעלוש האָט נח זיך פֿאַר׳עקשנ׳ט:
— דאָס היטל מעג זיי אָנשטיין . . . און די פּשרה איז געבליבן.

.5

— וואָס לערנט זי — חומש? — זי לערנט נביאים.
— וואָס עפּעס נביאים? — אַזאַ מין מעטאָדע.
— ס׳וועט פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים דערציִען.
ביי גביר׳ישע טעכטער איז אַלץ מיט דער מאָדע.

פֿאַרוואָס אַזאַ כּעס אויף דער נייער פּרנסה
און חוזק פֿון יענער, וואָס האָט עס פֿאַרשאַפֿט אים?
ס׳איז נישט די פּרנסה, וואָס איז איר פֿאַרדראָסיק,
אויך נישט דער געבאָרגטער, געשניטענער קאַפּטן —

ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש, און נח ווייס עס —
ער איז מיט דעם „עפּעס" אַליין נישט היימיש,
איז טוט ער פֿאַרלאָרן אַ צי מיט די פּלייצעס:
וואָס העלפֿן דען טענות מיט יידענעס, כּלומרשט! . . .

אַ קוקאַווקע ערגעץ נעמט פּיקן מינוטן
ווען ס'קומט די שעה מיט ר' מרדכי'ס טאָכטער,
ווען קול באשה דאַרף ווערן מותר
און שנאה פון יאָרן — איינגעבראָכן.

איר האַלדז איז ווייס און אויף פּריצ'ישע פינגער
געכאַליעטע הויט שפּילט מיט זיידענעם שימער.
ס'טוט בלויז אויף אַ רגע דעם רעיון באַצווינגען,
נאָר תּפיסה'דיק ווערט אויף דער רגע דאָס צימער.

און זי, דאַכט זיך, גאַרנישט. זי הערט ווי באַנומען
און פּלעכט זיך אַריין אין די פּסוקים מיט קשיות,
און ס'ווייס ניט דער רבי פון וואַנען עס קומען
צום גומען די ענטפערס — אַ בייער מין רש"י.

ווי מחנות דערוועקטע פאַר'כישופ'טע פייגל
וואָס האָבן אין טונקעלע היילן געדרימלט,
דערשפּירן רעיונות די ליכטיקע אויגן
און פליען אַנטקעגן דער ווייניקער שטימע.

רעיונות ווי טויבן אין טרויער צעוואָרקעט,
רעיונות ווי שפּאַרבער מיט שטאָלענע פּיקערס —
זיי שפּרייטן די פליגל אין זוניקער קלאָרקייט
צו ערגעץ אַן אָקאָרשט-דערזעענעם עיקר.

זי שלינגט זיינע רייד און דעם אַלטן דערווידער
צום מענטש, וואָס זי פלעגט בישט זיין קול פאַרטראָגן,
און גליט מיט התמדה פון הייסער תלמידה
וואָס דאַרף די פאַרלאָרענע יאָרן דעריאָגן.

שפּירט נח — נישט אַלץ אין דעם גליען איז כשר,
און ערגעץ וואו שמעקט מיט געניאַר די התמדה.
און אפשר איז נישט אַזוי אומגערעכט דוואָשע
מיט חוזק פון ווייבעריש-גביר'ישער מאָדע.

נאָר פייגל-רעיונות צעפליגלטע שפּאַרן
און פליגלען אַריבער די נעץ פון איר כישוף.
אין שפּיל און געניאַר זיך אַליין טוט זי נאַרן —
אַזוי איז מסתמא דער גאַנג פון אַן אשה.

## .6

געווען אויך מאַטיע גווירצמאַן, דער בן־יחיד און מוזיניק
פון גרויסן מעל־קרעמער, און יאַשאַ רודניק, זלמנ׳ס אַ בנ׳אַק,
און באַדיאַ קורץ, אַ פריילין ערב כלה־צייט — ביי אַלע זיי
האָט נח פועל׳ן געמוזט צו קענען טייטשן דעם תנ״ך
אויף פשוט׳ן זשאַרגאָן, און האָט גע׳פועל׳ט בלויז דערפאַר
ווייל ס׳האָט אַזוי געלערנט גרישא מאַלקין.

וועגן אים
האָט נח פון עזריאל׳ן געהערט פאַרויס: — דער בחור איז
אַ שם־דבר. אַן אייזערנער זכרון. ווילדע חריפות. קלעקט אים
די תורה פון גימנאַזיע קוים אויפן שפּיץ גאָפּל. אַזאַ איינעם
דאַרף אַ צע׳כעס׳טער לערער אויפוואַרפן די יידישע געוואוינהייט
צו חקירה׳ן זיך, און וואָס ביים לערער „ייד", ווערט ביי חברים —
„זשיד" . . . דער פאָטער, מאַלקין פון ציגעלניע, איז שוין גרייט
צו לויפן צום דירעקטאָר קלאָגן זיך, נאָר גרישא לאָזט נישט.
ער וועט אַליין מיט זיינע שונאים דורכקומען. נאָר קומט
צו מיר גאָר: ווייל אַ ייד ווערן . . . איז טאָמער זעט איר —
די שטוב איז קעגן אייך, זאָל אייך נישט אַרן. ס׳איז אַ מצוה
דעם בחור אָפּצוראַטעווען.

אַ קורצער, נישט דערוואַקסן
אויף זיינע זיבעצן יאָר, מיט אויגן קוליקע און אומגעדולדיקע,
האָט דער פאַרשוין אַ מעסט געטאָן דעם לערער מיטן טוכן היטל
און שאַרף געפרעגט: — מיר וועלן ריידן ווי דאָס פאָלק רעדט?
און כ׳דאַרף אַ היטל אָנטאָן? — ווי איר ווילט. — כ׳וועל אָנטאָן.
אַרויס און אומגעקערט זיך אין אַ היטל: — טאָמער טרעפט אייך אָן
מיין מוטער מיט אַ זויער פּנים, שרעקט אייך נישט . . . באַצאָלן
וועל איך אַליין. פון וואָך אָדער פון חודש. ווי איר ווילט . . .
ס׳האָט אויסגעזען ווי ער זאָל וועלן זיך אַליין אַריבערוואַקסן
מיט איינשטעל פונם באַלעבאָס, און ווי אַ באַלעבאָס אַ מאָנער
דעם לערער אָנגעטריבן. האָט אים נח אָפּגעהאַקט:
— דאָס טויג נישט. — כ׳מאַך דאָך אַלץ. — איר מאַכט צופיל.
— זאָל אייך נישט אַרן. לערנט ווייטער. — פון אַזאַ מין לערנען
וועט איר קיין ייד נישט ווערן. — ווי זשע אַנדערש? — האָט געדולד!
מ׳האָט זיך צוריקגעקערט צו בראשית און די פּסוקים
גענומען פלעכטן אין אגדות און מדרשים. שוין דאָס קומען
פון יעדן אות פון אלף־בית מיט אַ געבעט, מע זאָל מיט אים
די תורה אָנהויבן, האָט אָנגעקניפּט אַ שמועס וועגן וואָרט

און דער פאַרהייליקונג פון וואָרט — די בריענדיקע אומגעדולד
פון תלמיד האָט זיך אָפּגעקילט, אין שוואַרצע אויגן — גייגיר
און אויפגלי פון אַנטפּלעקונג־פרייד, און נאָך אַ שעה פון רייד
האָט זיך דער שטרענגער באַלעבאָס געכאַפּט: — ס'איז אַלץ
דער אָנהייב נאָך, אָבער ס'איז גוט אַזוי, ס'איז בעסער . . .

ס'איז גוט געווען אויך נח'ן מיט אים. בלויז פריקרע
וואָס יעדן טאָג טוט אים דער תלמיד אָפּוואַרטן ביים טיר
און גנב'עט אים אַריין צו זיך אין צימער, אַ באַהאַלטענעם.
ביז איינמאָל איז אַרויס אַנטקעגן די מאַדאַם. אַ שטייפע
און גאוה'דיקע, פאַלש געשמייכלט: — וואָס באַהאַלט איר זיך
פון אונדז? איך האָב געמוזט פאַרנאַרן ערגעץ גרישאַ'ן
איך זאָל די זכיה האָבן זיך מיט אייך באַקענען . . . אים געפירט
אין סאַליע, איינגעזעצט אין אַ פאָטעל, גע'טענה'ט שטייף
מיט פאַלשער זיסקייט: — אַז מיין גרישא זאָל אַזוי פאַרגלויבט זיין
אין עמעצן, איז יענער דאָס אַוודאי ווערט. איז אפשר
האָט איר צו אים אַן עצה . . . יעדער אָנשטענדיקער מענטש
קרענקט איבער די געשעענישן — אָנשטענדיקע קריסטן אויך.
נאָר אַלץ האָט דאָך אַ מאָס! פון העלער הויט געפעלט אים נישט
דער נאָמען זיינער — רוף אים גרשון מיט אַמאָל! און רעדט
זשאַרגאָן! אין לעבנסטאָג זייַנעם דאָס נישט גערעדט . . .
די קינדער און די דינסט, די קריסטין, דרייען זיך אַרום,
און ער צו מיר — זשאַרגאָן! מע דאַרף דאָך נישט משוגע ווערן . . .
גערעדט פאַרטרוילעך, כלומרשט, נאָר מיט בייזער טענה,
ווי דאָס וואָלט ער געבראַכט דאָס אומגליק אויף איר הויז,
און נח, זיצנדיק אויף שפּילקעס, האָט געווערט זיך
מיט גאָרנישט־זאָגנדיקע רייד: — די צייט . . . אַ יונגערמאַן . . .

דער תלמיד האָט אים אָפּגעראַטעוועט, און אין זיין צימער
זיך אויפגעעפנט: — אַ רחמנות, זיי פאַרשטייען נישט . . . סע גייט
די חיה, קוילעט, רייסט — און דו קום יעדן טאָג אין קלאַס
און קוק זיי אין די אויגן ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געשען.
און נאָכדעם קום אַהיים און דאָ פאַרשטעל זיך אויך . . .
צוליב דער דינסט, צוליב די קינדער מאַך דעם אָנשטעל,
אַז מ'האָט נישט דיך געמיינט... פאַרוואָס?... ווייל מ'איז אַליין
די שולדיקע . . . אַ הויז מיט רייכטום, דינערשאַפט, און אַלץ
פון פרעמדער פראַצע — ציטערט מען, פאַרבלענדט מען זיך אַליין...
ער האָט זיך איינגעשרומפּן און געצאַפּלט. האָט דער רבי
שטיל אָנגעהויבן: — וואָס איר האָט דערזען אויף זיך איז בלויז
אַן אָנדייט אויפן גאַנג פון יידן שטענדיק. טאָר מען נישט

פון ערשטן קלאַפּ צעבראָכן ווערן . . . ווער עס זוכט דעם אמת,
דאַרף קענען קריגן קלעפּ . . . דער תלמיד, אַ געטראָפּענער,
האָט אויפגעגלאַנצט מיט שוואַרצער גאווה: — לאָמיר גיין
צוריק צום חומש . . . און דעם רבי'ן נאָך דער שעה פאַרזיכערט:
— כ'וועל זען, אַז מיינע זאָלן אייך נישט טשעפּען מער.

7.

די קראָמען־גאַס איז זוניק, אָפן אַלע טירן.
דער מאַרק — אַ רוישיקער געמיש פון דאָרף און שטאָט.
עס רופן שילדן געסט אין שענקען אין טראַקטירן.
מע פירט אַ ראָטע זעלנער זינגענדיק אין באָד.
ס'איז זוניק, רוישיק, וואָכעדיק ווי אַלעמאָל,
נאָר פּחד פאַר די אויגן עפּעס אַנדערש מאָלט.

אַ טיר ברעכט אויף אין אַ טראַקטיר. אַ רויטער שכור
צערעוועט זיך צום מאַרק אַריבער: גוואַלד, דער ייד!
מע פראַלט פון שענקען, ס'רעווען קולות הייזעריקע.
פון אַלע זייטן טריט געקאָוועטע, אַ האָגל טריט.
ביז העק און לאָמען געמען קראַכן: ייד, באַצאָל!
און הינטער טירן טויטער פּחד: שמע ישראל! . . .

געשריי פון קרבן צינדט די הייזעריקע ברילער,
געשריי פון בלוט איז טשאַדיקער פון שפּירט.
שרייט, יידעלעך און יידענעס, טוט יאָמערדיקע תפילה
צום גאָט וואָס האָט געגערט אייך און געצירט!
דער לאָם שרייט שטאַרקער, שניידיקער די האַק — — —
בריזג־בראַזג און פליק און בראָק און קריק און קראַק . . .

בריזג־בראַזג און קנאַל און קאָטעווע און טשמעליע . . .
פון קראָם צו שטיבל און פון שלאָפצימער צו שענק.
ס'איז גאָלד ביים ייד אין ווענט און אין דער סטעליע —
רייס אויף, קראַך אויף, צעקנאַל, צעדזובענק,
און זאָל פון פעדערן און פון דער ווייסער שניי
צעלייגן זיך אויף שערבלעך, שפּענער און געשריי . . .

---

די קראָמען־גאַס איז זוניק, אָפן אַלע טירן.
דער מאַרק — אַ ברודערשער צונויפגערייד פון דאָרף און שטאָט.

מע טרינקט לחיים'ס אין די שענקען און טראַקטירן,
און יונגע לייט שפּאַצירן אויף בולוואַרן און אין סאַד — — — —
וואָס אַרט דיר אַז מע לעבט? וואָס אַרט דיר אַז ס'איז שטיל?
וואָס בענקט זיך דיר אַזוי צום חיה'שן געבריל?

ס'יאָגט דער געבריל איבערן לאַנד ווי פּריליגנדיקער וואַסער,
און ס'זעט דאָס אויג און ס'אויער הערט.
וואָס איז דער חילוק: די צי אַנדערע אַזעלכע גאַסן?
דאָס זעלבע בלוט און פליש, די זעלבע ערד.
און אַז דאָס אויג וועט בלינד ווערן און גאָרנישט זען —
צי וועט אַ נס געשען? צי וועט אַ נס געשען?

## 8.

ס'וועט נישט גוט זיין מיט אייך, ברידערלעך
פון יעליסאַוועטגראַד, קיעוו, זשמערינקע,
אַז איר וועט זיך זעצן קינות זאָגן
איבער יעדער טאָפּ און טאָץ און פּערינקע,
ווי מע וואָלט ביי אונזער גילדערנער משפּחה
קיינמאָל נישט קיין שייבעלע צעבראָכן,
און די וועלט, די האַרצעדיקע מוטער,
זאָל אויף יעדן טריט אונז אונטערטראָגן
פרישע בייגעלעך מיט פּוטער.

אוי, די פּריצים פון די לעמער, ברידערלעך,
טוען טאַקע שערן זיבן וואַלן.
אָבער איר האָט פאַר געשוירענע געקרעמערט
און די נאַקעטע געריסן פאַר דער פאַלע.
אייך האָט מען פאַרגונען בלויז דעם לקט
פון די פעלן, די געשוירענע, צו ציפּן,
האָט די שאָף די אָרעמע, געמעקעט
ביז עס איז דערגאַנגען צו די ריפּן — — —
צו די העק, די לאַמען און די פלעקער.

וואָס וועט העלפן שוין אַצינדערט, ברידערלעך,
קלאַפּן זיך אין האַרץ אַריין חטאתי?
שלאָגן שלאָגט מען נישט פאַר וויפיל מ'האָט געזינדיקט
און רציחה ווערט מיט מעסטלעך נישט געמאָסטן.
נישט דעם גרויסן גנב כאַפּט מען, נאָר דאָס דרויב,

נישט דעם ערשטן, נאָר דעם לעצטן שינדער.
כל־זמן גדולה פיטערט זיך אויף רויב
און רציחה זוכט דעם אומבאַשיצטן,
וועט דער מעסער זיך אין אונזערע לייבער קריצן.

שטעלט אַריין צוריק די שויבן, ברידערלעך,
און פאַרריכט די טירן מיט די לאָדן.
ס'בלייבט ביים רויב דער שלעגער מיטן רויבער,
דער געשלאָגענער — ביים ווייטיק מיטן שאָדן.
נישט פון אייך האָט זיך דער נוסח אָנגעהויבן.
ס'גייט אַזוי פון אבות, פון קדמונים:
אָפּגעבלוטיקט, און הינטער פאַרהאַקטע טירן
חתן־כלה מיט אַ טענצל צו דער חופה פירן.
שטעלט אַריין צוריק די שויבן, ברידערלעך —
איר דאַרפט אין אייערע הייזער וואוינען.

## 9.

וואָס ביסטו פאַר אַ מוסר־זאָגער, דו וואָס ביסט אַליין
ביינאַכט פון וואַלד געלאָפן? האָסט דערזען אַ סטאַיע וועלף
די ציינער אויף דיר שצירען און אַנטרונען מיטן גוף. און זיי,
וואָס וועלף באַלעקן זיך מיט זייער בלוט, זאָלן זיך אויסשטרעקן
און לאָזן ביזן ביין דאָס לייב דערגריזשען?

ס'גייט אַ מגפה פון הריגות איבער גאָרן לאַנד —
דערציילט די שוואַרצע שריפט פון צייטונג.

נישט דו דער איינציקער. עס זאָגן אַלע מוסר. פון דער גאַס,
ווי פון אַ יענער וועלט וואַקסט אויס אַ מענטש . . . יאָ, פּיניע,
פּיניע פון די נעכט ביים טייך. דער קאָפּ שוין גראָ, נאָר אויגן יונג.
און פּלייצט מיט ווערטער ווי אַמאָל: — אָן אַנדער לעבן דאַרף מען!
ניט שענקערן, ניט וואוכערן, נאָר נערן זיך פון אייגענער פּראַצע
און זיין צו יעדן מענטש אַ ברודער. וועט די שנאה אויסרינען
און קיינער וועט נישט דאַרפן לויפן.

די וועגן זיינען פול מיט קרעכץ און יאָמער
פון טויזנטער צע'נהרג'טע און אויסגעריסענע —
דערציילט די צייטונג.

דער אַדוואָקאַט גריגאָרי מאַגיד כמאַרעט מיט די גראָע אויגן:
— וואוהין מע זאָל נישט לויפן, מיינט עס אָפּכאַפּן דעם אָטעם

בלויז אויף אַ ווייל. אויך דאָרטן וואו מ'איז פרום און גוט
צו אונדז, איז עס בלויז צדקות, נישט קיין אמת. אין דער אמת'ן
פאַרלאַנגען זיי בלויז איינס: מיר זאָלן אויפהערן צו זיין.
און מאָרגן קען אויך דאָרט די צדקות פּלאַצן.

מע שפּאַרט זיך צו דער גרענעץ אַן אַ ציל און זין,
אַבי דעם טויט־שרעק לאָזן הינטער זיך —
דערציילט די צייטונג.

ביי עליע מורה־הוראה'ס פלעמלען אויף די בלייכע באַקן
מיט אומגעזונטע רויטע פלעקן: — ס'האָט קיין זין נישט
די ווילדע בהלה. מחנות דאַרפן גיין מיט ווייבער, קינדער
און ברעכן זיך צו ארץ־ישראל. ווער דער טערק נישט לאָזן,
ווער שיסן, קוילענען, ווער ווערן אַ געשריי, ווער וועלט דערהערן . . .
פאַר גאולה מוז מען צאָלן — פיבערט עליע.

די אַנגעלאָפענע אין פרעמדע שטעט
פאַרהונגערטע, פאַרלאָרענע שלעפן זיך אום
אָן דאַך און בעטלען הילף —
דערציילט די צייטונג.

און ר' יחיאל הינטערן בעלעמער זאָגט וואָס די חכמים זאָגן:
— דער זיגל־רינג פון אחשורוש'ן אין המנ'ס האַנט טוט מערער פעולה
ווי רייד פון אַלע נביאים. ווייל די נביאים האָבן נישט באַקערט

די זינדיקע צום גוטן און די גזירה המנ'ס האָט עס יאָ געטאָן.
דעריבער דאַרף מען אין די גזירות זען די האַנט פון חסד,
און וואו זאָל מען אַנטלויפן פון דער האַנט?

## .10

איצט האָבן זיך צעפּוזשעטע מאַגנאַטן
צעקלימפּערט מיט דער צדקה־פּושקע.
עס העלפט נישט מער דער גוטער משא־ומתן
אין קאַנצעלאַריעס פון כאַבאַרניקעס — דאָס שושקען
אין אויערן און איינריידן מתנות
פאַר קלויסטערס, קעפּס־ווייבער און ווייבער,
און ס'לויערט אויף דער אייגענער גדולה אַ סכנה.
איז צייט זיך ווידער צו פאַרשרייבן
אין ספר־הזכרון פון די אייגענע — פון יענע,
וואָס וואַלגערן זיך אויף די הרודעס שפּענער

פון זייער לייב און לעבן, און זיי אָנזאָגן די טרייסט:
מיר זיינען אַלץ נאָך שטיקלעך ברידער, ווייסט —
מיר שטאָפּן נישט פאַר זיך אַליין דעם טייסטער,
מיר צאָלן פאַר הרוגים און נשרפים מעשר.

איצט האָבן זיך די לייט אין די מונדירן,
וואָס לאַנג שוין אָפּגעלאָזט דעם אַלטן שידוך,
אַרומגעקוקט — מע קען ביים חשבון אונטערפירן
אויך זיי פאַררעכענען פאַר שטיקלעך ברידער,
און אָנגעהויבן שרייען
מיט פסוקים פון ישעיה:
— אָ, טעכטער יידישע, הערט אויף צו קלינגען
מיט אָרעם־בענדער, אויער־רינגען,
מיט רינגען און בראַסלעטן,
און איר, נגידים יידישע, טוט אויס די זאַמשענע שטיבלעטן
און טוט אָן שטיוול פויערשע מע זאָל אייך נישט דערקאָנען,
ווייל אונזערע קאָקאַרדעס שטייען אין סכנה.

איצט האָבן זיך גאָט'ס פאַסטעכער
דערוואוסט, אַז צאַן־קדשים זיינען זינדיק...
מע הייסט תעניתים פאַסטן
און מע רופט די וואוכערניקעס ווייניקער אַביסל שינדן
די הויט פון די וואָס דאַרפן אָנקומען צו זייער גנאָד.
וואו זיינען זיי געוועזן ביז נעכטן?
ווער, אויב נישט זיי, האָט ס'וואָרט פון גאָט
פאַריאָגט צו די מזוזה־שרייבער, ציצית־פלעכטער, הינער־
שעכטער,
און האַלטנדיק זיך ביי דער פאָלע
פון די תקיפים, וואוכערניקעס און באַרייסער
געבענשט די רויבערשע ממשלה?
איצט וויל מען זיך מיט איינמאָל פאַרן אויבערשטן אַ פלייס טאָן
מיט אָפּפאַסטן אַ תענית
און אָפּשרייען די גזירות און סכנות...

איצט זיינען אַלע דאָ, און יעדער פרעמדער איז אַ טאַטע
דעם יתום, יעדער לאַנג־פאַרגעסענער קרוב —
אַ ברודער דער אלמנה. ס'פלאַטערט
דאָס האַרץ מיט רחמים און מ'איז גרייט צו שפּאָרן
פון אייגענעם טיש און שכל — ווער אַ ווייסע בולקע,

וועֶר אַ סגולה אָדער כאַטש אַ קליינע סגולה'קע
צו ראַטעווען די לייבלעכע, די אייגענע, די ליבע . . .
נאָר וואַרט ביז די בהלה וועט אַריבער! . . .

## .11

אַ שווינדזיכטיקער בחור גייט אַרום איבער די געסלעך
פון יידישן קוואַרטאַל אין לאָנדאָן, פירט צעפלאָמטע שמועסן
מיט אַנדערע, וואָס גריבלען זיך אין גאַנג פון וועלט און מענטש,
און שרפ'עט אויס דאָס ביסל לעבן אין אַ גליענדיקער זעאונג
פון אויפגעריכטן ייד . . . וואו נאָך איז אַזאַ פאָלק פאַראַן,
וואָס האָט אמונה, דין און יושר אויפגעשמאָלצן אין איין גוס
ווי ס'בלוט פון האַרצן? ברענג עס ווידער צו זיין שורש,
און בייע ליכט וועט אויפגיין פון יהודה . . . ס'ברענט די זעאונג אויס
דאָס רעשטל קנויט פון קראַנקן לעבן, און דער זעער גאַרט
צו עמעצן וואָס זאָל זיין יורש ווערן, זיין נשמה איבערנעמען
און פון דער זעאונג מאַכן וואָר ווי עזרא און נחמיה . . .
און דער געגאַרטער קומט . . . אַ יידיש קינד, געהאָדעוועט ווי משה
אין פרעה'ס הויף, ביי קריסטלעכע מאַגנאַטן, דעקט ער אויף
זיין אָפּשטאַם און זיין שליחות דורכן קראַנקן זעער — — —

ס'איז אַ ראָמאַן . . . ס'איז אויך אַ שוועסטער דאָ, אַ לאַנג־פאַרלאָרענע,
ביים קראַנקן וואָס דער יורש זיינער ראַטעוועט פון טויט
און ברענגט צום ברודער, ס'איז אַ ליבע דאָ — ס'איז אַ ראָמאַן.
און ס'נעמט זיך פון דער פעדער פון אַ פרוי אַ קריסטלעכער, אַ פרוי
אַ תלמיד־חכם און אוהב־ישראל . . . און דער אויסגעטראַכטער זעער,
דער מרדכי, איז שוין לאַנג געשטאָרבן מיט אַן אויסגעטראַכטן טויט,
נאָר ער און דער מאַגנאַטן־זון, דניאל דעראָנדאָ, גייען אַלץ
אַרום צווישן די ראָזעס, נאַדיאַס, גרישאַס, יאַשאַס,
און זיי האָט נח צו פאַרדאַנקען זיין פרנסה איצט. נאָר ראָזע
וויל מער ווי דורכן בוך דערציילן נח'ן פון וואַנען מיט אַמאָל
די אַנדערשקייט אין איר. זי וויל אים לאָזן וויסן אויך,
אַז גאָר די חכמה וואָס אין בוך שטאַמט פון אַ פרוי, און ער
מעג אויך אַנטפּלעקן די מחשבות פאַר אַ פרוי. און נאָך עפּעס
וויל ראָזע דורכן בוך ביי אים: געפינען יושר פאַרן מענטש,
וואָס טוט עזריאל'ן ווי און וואָס דער פאָטער חוזק'ט פון אים.

ער ווייסט שוין וועגן אים. אַן אינזשעניר, אַ פּעטערבורגער,
דער עלטסטער זון פון סענדער קופער'ן, וואָס האַלט די קראָם

מיט זילבערוואַרג אויף דער שאָסיי־גאַס. ס׳האָט אַ פעטער,
אַ פעטערבורגער גביר אָן קינדער „אויסגעליען״ אים אַמאָל
און אויפגעהאָדעוועט. איצט איז ער דאָ שוין באַלד אַ יאָר.
האַלט אויף אַ דירה פאַר זיך מיט אַ קריסטלעכן באַדינער
און דרש׳נט ישוב־ארץ־ישראל. אַז די מוטער, אַ פאַרשעמטע
פון זון, דעם דרייסיקער, וואָס האָט קיין ווייב נישט, טוט גאָרנישט
און וואוינט באַזונדער, דאַרף זיך איבערנעמען, זאָגט זי :
— מיין לעאָן, ווען ער קערט דעם פעלץ איבער, וואָלט אָנגעשלאָגן
אין הויכע פענצטער . . . וואָס דאָס מיינט ווייס קיינער נישט
און אפשר זי אַליין נישט. אָבער ס׳הענגט אַרום דעם קופער׳ן
אַ סודות׳דיקער גלאַנץ. מאַגנאַטיש אויסזען, פעטערבורגער לופט,
און וואו אַ הויז וואָס שניידט זיך אויף גרויסוועלטיקייט,
איז קופער אַ באַגערטער איינגייער.

זאָגט ראָזע איינמאָל :
— מיר לאַדן אַ פאַר מענטשן איין. ס׳וועט זיין אויך קופער. קומט...
ער קומט. צעפראַלט די טירן צווישן עס־צימער און סאַליע.
אַוועקגערוקט די טישן, שטולן אויסגעשטעלט, און שטוב איז פול
מיט אַ געמישטן עולם. דאָ דער אַלטער מאַלקין מיט די וואָנצעס
ווי ביי אַ גוואַרדיע־אָפיצער און די מאַדאַם און גרישאַ ;
ר׳ יואל וויגדערסאָן, ר׳ מרדכי׳ס שכן ביי דער מזרח־וואַנט,
וואָס פירט אָן מיט דער חברה ישוב־ארץ־ישראל ; לעבן אים —
איצט שוין אַליין אַ קרעמער — חיים דוד פויזנער, דער משורר ;
גריגאָרי מאַגיד מיט זיין שטילער פרוי ; אַפילו רודניק,
אַפילו איינער פון זאַריצקי׳ס זין, די גווירצמאַנס, אַנדערע . . .
די פרויען פאָכען זיך מיט פעכערלעך, די מענער שמועסן
אין האַלבע שטימען. ראָזע מיטן אָן אָפן שפיצן־קעלנערל
און ווייכע פאַלדן (נח זעט עס) שלייכט זיך צווישן עולם, רוישט
מיט ווייכן זייד און דינסטן צוויי סערווירן לימאָנאַד.
ס׳קומט אָן דער „חתן״ מיט דער מוטער און אַ שוועסטער.
אַזוי האָט געקענט אויסזען אויך דער „אמת׳ער״ דעראַנדאַ :
אַ הויכער, אויגן אומעטיקע, שוואַרצע, איבער טאָלן בלאַלעכע . . .
ער קען דאָ יעדן איינעם, גריסט זיך, וואַרפט אַ וואָרט
אַהין־אַהער. עזריאל גייט צום טישל וואָס ביים שוועל
פון ביידע צימערן, פירט איין : וועגן דער גאָרונג צו גאולה,
דעם נס וואָס וועט אַליין נישט קומען, עזרא און נחמיה . . .
און איצט — נישט ער, אַ מער באַרופענער וועט ריידן.

ביים טישל — קופער. צעצלט אויס די פאַגראַמירטע שטעט,
די גזירות, בלוט־בלבולים . . . דאַכט זיך — טרויער, ווייטיק . . .
נאָר באַלד רינט אויס דער טרויער, און דער ווייטיק —

נישט פון יסורים, נאָר פון כעס, פון רוגזה. קופּער פירט
מלחמה — אַ מלחמה מיט דער וועלט. זי וויל אים נישט, די וועלט,
שמייסט ער איר גאוה'דיק צוריק די זינד אירע און רשעות'ן
און ווייזט איר — ער איז בעסער. ער האָט איר, דער וועלט,
געשענקט אַ תורה און נביאים און אַ גאָט, און זי האָט אים
מיט שטיינער אָפּגעצאָלט . . . אים, קופּער'ן, וואָס טוט אַ גלעט
דעם שוואַרצן קאָפּ מיט כוואַליעדיקע האָר און שטעלט אַרויס
די ברוסט ווי מיט מעדאַלן אַ באַהאָנגענע . . . און טאָמער
איז קופּער'ס פאָלק אויך זינדיק — האָט עס זי, די וועלט,
די זינד אים אָנגעוואָרפן. זי פאַרגינט אים נישט די חכמה
און די געהויבנע נשמה זיינע. אָבער רשעות מוז דאָך אויך
אַ מאָס האָבן. איר ווילט אונז נישט — לאָזט אונז אַרויס.
גיט אָפּ וואָס אונזערס און מיר וועלן אייך פון זיך באַפרייען.

און מיט אַמאָל ווערט פון דער גאוה — האָס. נישט צו די פרעמדע,
נאָר צו די אייגענע, גע'רודפט'טע: — צעזייטע און צעשפּרייטע . . .
פון אַלעמען געטראָטענע . . . פאַגראַמען־פליש פאַר מערדער . . .
ס'איז שנאה פון אַן אָפּגענאַר'טן, אַ פאַרביטערטן צו די
וואָס האָבן אויף בזיונות און רדיפות אים אַריינגעוואָרפן
אין אָט דער זיסער וועלט, וואו ס'קען זיין אַזוי גוט צו לעבן . . .
וואָס בריאיקער דער מענטש ביים טישל, שוועבלדיקער שטיקט
די לופט אין שטוב מיט טומאָה . . .

קופּער ענדיקט . . . אַ געמורמל . . .
מע הייבט זיך פון די ערטער. נח זעט — ביים אַלטן מאַלקין
דאָס פּנים ווי אַ הייסע שקיעה . . . חיים דוד פויזנער פלאָטערט:
— נבואה, אמת'ע נבואה! . . . ביי ר' יואל וויגדאָרסאָן אַ שמייכל:
— מע קען עס מאַכן מיט אַביסל ווייניקער כעס... און נח רוקט זיך
אָן אומבאַמערקטער צו דער טיר און ערשט אין לינגן דרויסן
דערפילט ער ווי עס האַמערט אין אים צאָרן.

מאָרגן טרעפט אים
די באַלעבאָסטע אַ צעשרויפטע: — ס'איז געווען אויך אַ דיסקוסיע.
— איך האָב געהאַט געגנוג . . . האַקט אָפּ און כאַפּט זיך:
נישט דאָס דערוואַרט פון אים עזריאל . . . לאָזט ער ליגן
דעם ספר, זעט אַ צווייגל פון אַ בוים אין פענצטער, הענגט
אויף אים די אויגן אָן און ציילט די ווערטער:

— אז איך וויל
אויף עפּעס אויפהענגען מיין ראָק, האָק איך אַריין אַ טשוואָק
אין וואַנט אַריין און הענג אים אויף. נאָר האָקן טשוועקעס
אין האַרצן צי אין מוח פון דער וועלט און אויפהענגען אויף זיי
דעם שווערן גורל אונזערן — דאָס קען מען נישט. די וועלט
איז נישט נאָר בייזע פּריצים. זי האָט אויך געשמיסענע
און הונגעריקע און געקוילעטע . . . און ער, דער געכטיקער,
האָט דאָך די זעלבע טשוועקעס אויך געהאַקט אין אונז,
אין אונזער אייגן האַרץ אַריין . . . פאַרוואָס ? וויל ער אַליין
האָט אַ שלים־מזל׳דיקן גורל ערגעץ און ער דאַרף אים אויך
אויף עפּעס אָנהענגען — — — ביי ראָזען פּליסט דאָס בלוט
פון פּנים אָפּ : — נישט אמת, ער האָט אויך געקענט ווי אַנדערע
זיך אָפּ׳שמד׳ן. — מסתמא נישט געקענט און ברענט
פון שנאה אויף דערפאַר. — איר האָט אים פּשוט פּיינט —
ווערט ראָזע בלייכער נאָך. — איך קען אים נישט — ציט נח זיינס :
— ווען איך זאָל הערן פון אים ליבשאַפט, וואָלט איך אים
מיט ליבשאַפט אָפּגעצאָלט . . .

ער ווייס נישט וואו ער טרעפט,
נאָר טרעפט. זי בייסט אַ ליפּ. מער רעדט מען נישט.

## .12

צו דער וויטער פאַרפאַסערין
שרייבט נח אַ בריוו אין מחשבה אַזוי :

פיל־געאַכפּערטע פרוי !
פון אַ לאַנד פון פּאַגראָמען,
פון אַ שטאָט וואו ס׳איז נאָך נישט געווען קיין פּאַגראָם
נאָר וועט קומען מסתמא,
שיקט אַ ייד איך זיין האַרציקן גרוס
פאַרן זכות צו דערקענען כאָטש דורכן געדרוקטן פּאַפּיר
אַזאַ ליכטיקן מענטשן ווי איר.
ס׳האָט די וועלט קיין עין־הרע אַ היפּשע צאָל מייסטער
פון דער איידעלער קונץ
צו אַנטפּלעקן דעם מענטשנ׳ס נשמה
דורך דערציילן אַ מעשה.
אָבער ווען ס׳איז געקומען צו אונדז,
האָבן מערסטע, נישט דאָ געדאַכט,
שטאָט צו זען אַ נשמה, בלבולים געמאַכט.

אייך, געהויבענע פרוי, האָט אַ מלאך אַ גוטער
די מחשבה און פעדער געפירט,
און איר האָט מיטן כשר'ן אויג פון אַ מוטער
אויך דערזען ווי די שטערן פון אייביקייט פינקלען
אין די טונקעלע ווינקלען
וואו עס גליט אונטער שטויב אונזער גלויבן.

וועט איר אפשר דערלויבן,
אַז אַ ייד פון די יידן, וואָס אירווילט דערלייזן,
זאָל אייך זאָגן אַ וואָרט. כ'זע פון אייער ראָמאַן:
איר האָט גאָרנישט קעגן דער וועלט. וואָס פאַראַן
איז פאַראַן און באַדאַרף אַזוי בלייבן.
לאָרדן דאַרפן זיין לאָרדן און לעבן פון גרייטן,
פריצ'טעס דאַרפן זיך קליגן געדיכטערע נעצן צו שפרייטן
אויף צו פאַנגען חתנים פאַר זייערע טעכטער,
און ווער שטאַרקער איז בלייבט דער גערעכטער.
ס'איז די וועלט ווי זי איז
און איר ווילט זי נישט בייטן אַ האָר.
און די וועלט ווי זי איז האָט אַ פאָר טויזנט יאָר
אונדז געשלעפט אויף אַ שטריק און געסמאַליעט די פיס,
און פאַרוואָס זאָל זי תשובה טאָן איצט
און אונדז וועלן מיט חסד פאַרגעלטן?
און פאַרוואָס האָבן מיר עפּעס, דווקא מיר,
איינגעקויפט זיך ביי איר איצט אין חן,
ווען די קייט מיט'ן טרייב-שטעקן אַלץ נאָך געוועלטיקט
איבער די פון איר אייגענעם פלייש און ביין,
וואָס זי האָט זיי געמאַכט פאַר באַקליידער, באַשפייזער
און בויער פון אירע מאַגנאַטישע הייזער?

האָט איר טאַקע געטאָן ווי אַ האַרציקע מוטער
וואָס איר האָט ביז די לעצטע מינוטן
אייער נביא געלאָזט מיט זיין חלום זיך קוויקן
און זיין לעבן פאַרענדיקט בנשיקה,
און אַזוי אויך פאַרענדיקט דעם שיינעם ראָמאַן
איידער ס'האָט דער געזאַלבטער דערלייזער דעראַנדאַ
נאָך באַוויזן צו מאַכן צום גלות אַ שפּאַן
פון זיין היימישן, לאָרדישן לאָנדאָן.
ווער קען האָבן צו אייך
אויב עס האָט אייך קיין מוט נישט געסטייעט
צו פרובירן אַ שפּאַן טאָן דעם וועג פון באַפרייער?
ווער קען מאָנען פון אייך.

אַז איר זאָלט מיט די אייגענע איידעלע פיס
דורך די גריבער און מיסט פון דער וועלט ווי זי איז
נעמען אויסטרעטן טריט פאַר באַפרייער?

וועט איר זאָגן, געפרייזטע מאַדאַם:
אויך דער גרויסער ישעיה
האָט נישט מער ווי אַ מעשה דערציילט פון אַ וואָלף מיט אַ לאַם,
און זאָל קומען אַ גוואַלדיקער מייסטער
און דערציילן אַ מעשה,
וואָס זאָל בלענדן מיט העלקייט פון זיבעציק זונען,
וועגן דעם ווי די וועלט, ווי די גאַנצענע וועלט
האָט איר ריינע נשמה געפונען, —
וועט די מעשה אַלץ בלייבן נישט מער ווי אַ מעשה
און די וועלט וועט אַלץ בלייבן וועלט.
נאָר ווער ס'לאָזט זיך נישט אונטערהאַקן די פיס
פון דער וועלט ווי זי איז
גייט אַרום אין דער מעשה ווי זי וואָלט געווען וואָר,
און ביים טויזנטסטן דור
וועט זי ווערן אויך וואָר.

נייע צייטן און נייע פּאָגראָמען.
דאַרף דער גואל אויך האָבן אַ היינטיקן נאָמען,
דאַרף אַ קראַנקער משיח בן יוסף זיך גאָלן די באָרד
און משיח בן דוד זיך האָדעווען ווי אַ זון ביי אַ לאָרד.
אפשר דאַרף מען אַזוי
און איר האָט אונדז אַ חסד געטאָן ביי דער וועלט
און ביי אונדזערע קינדער, די ווייטע,
ווען איר האָט ביי אַ לאָנדאָנער שניידער
פאַרן אַלטן דערלייזער מלבושים באַשטעלט
לויטן לעצטן מאַגנאַטישן שניט.
אָבער איך, פונם לאַנד פון פּאָגראָמען אַ ייד,
אויב שוין טראָגן אַ מעשה פון דור צו דור
אַז זי זאָל אַמאָל ווערן וואָר —
זייט מיר מוחל, מאַדאַם און מייסטער,
כ'וועל שוין ליבער פאַרבלייבן ביי דער אייביקער מעשה
וועגן וואָלף מיטן לאַם.

## .13

מען האָט געקענט אויך יאַנקלען שיקן נאָכן דאָקטאָר פאַרן קינד,
נאָר נח האָט געוואָלט אַליין דעם אַלטן וואָלישעווסקי זען,

און נישט אַזוי דעם אַלטן . . . מוח איז געשוואומען אין אַ ים
פון גויים־האַס, געגאַרט אַ רגע אָפּרו אויף אַן אײנדזל
פון ברידערלעכע רײד און ס'האָט פאַרבענקט זיך נאָך די יורשים
פון תליה־דאָנעוּרשטיק. די שנור האָט אים באַגעגנט מיט אַ גליוּוער
אין בלאָע אויגן: וואו ביסטו מיט אונדזער סוד אַנטרונען?
דערהערט ווי ס'איז אַוועק דער יאָר ביי אים, איז גליוּוער
צערונען, און אין בלייך־צעהעלטן פּנים פון דער דינער פרוי
האָט זיך ר' מרדכי'ס טאָכטער אויפגעלייזט. איז מען געזעסן
און מאַרטאַ האָט דערציילט: — די שוויגער איז געשטאָרבן . . .
די טאָכטער אינדערהיים נישטאָ — דאַרף קומען אויף קאַניקולן.
נאָר ליידיק איז די שטוב נישט. אַלעמאָל פאַרפאָרן געסט:
פאַרגראָבענע וואָס מע דאַרף אויסבאַהאַלטן. איצטער אויך.
זי רופט אין טיר: — סערגעי! . . . אַ מענטש באַווייזט זיך.
די קוטשמע האָר און ס'בערדל פון אַן אויפגעקלערטן,
נאָר ברייטע באַקן־ביינער און פאַרשמעלטע אויגן ציען
צום שורש פון מוזשיק . . . ער טראָגט אַ גרויסע האַנט צו נח'ן,
הערט אויס און פרעגט זיך נאָך ווי ס'האָט די באָמבע
אין פּעטערבורג דעם וואַלד געטראָפן. נח איז זיך מודה:
געמוזט דאָס לעבן ראַטעווען. דער מענטש ווערט כמורנע
און שוויגט. זאָגט מאַרטאַ: — ס'וואָלט געווען אַ שכל
מע זאָל זיך וועגן די פּאָגראָמען דורכריידן. — מע דאַרף עס —
ציט אײן דער מענטש די ברעמען: — יאָ, מע דאַרף עס.

דאָס קינד ווערט בעסער. נח קען אַוועקגיין אויף אַן אָוונט.
ער ריכט זיך אויף די אַלט־באַקאַנטע: אָפּיצער, מעכאַניק
און פעלדשערקע . . . זיי זיינען דאָ, און נייע אויך, און צווישן זיי
דער תלמיד זיינער — גרישאַ. ביידע רייסן אויף די אויגן,
דער תלמיד מער נאָך ווי דער רבי. ביז אויף גרישאַ'ס פּנים
ווערט חידוש אויפגעהעלט אין נחת און דער רבי שמייכלט . . .
מע זיצט, מע וואַרט — דער גאַסט זאָל אָנהויבן דעם שמועס.

ער רעדט געלאַסן, איינגעטראַכט אין זיך. דאָס לשון
איז פרעמד, געדיכט, נאָר ביסלעכווייז באַנעמט עס נח.
און ריפּן אַרום האַרץ ווערן ווי שטריק פאַרשטייפטע:
— געשיכטע איז אַ קייט מלחמות. אין מלחמות פאַלן אַלעמאָל
די ערשטע די, וואָס שטייען אויף די אָפנסטע פּאָזיציעס,
און ווער איז שולדיק וואָס אין קריג פון אונדזער פאָלק
פאַר ברויט און פרייהייט זיינען יידן אויף דער ערשטער ליניע?
פאַר די טיראַנען — פרעמדע און פאַרהאַסטע, פאַרן פאָלק —
באַרייסער, פּריצ'ישע משרתים . . . ס'האָט דער גורל

אַזוי אַוועקגעשטעלט דעם יידנ׳ס הויז, אַז בייזע הערשער
און אויפגעצאָרנט פאָלק זאָלן עס ביידע וועלן אונטערצינדן . . .
איצט ברענט עס . . . זאָל מען איינלעשן די שריפה ? ניין !
עס דאַרף זיך מער צעפלאַקערן . . . נאָר טראָגן זאָל מען
פון יידנ׳ס הויז די ברענענדיקע האָלעוועשקעס צו פּאַלאַצן
פון פּריצים און טיראַנען, און ווען דאָרט וועט אָנכאַפּן
דער בראַנד, וועט פינצטערער פאָלק דערזען ווער ס׳איז זיין שונא,
און אויף די חורבות פון פּאַלאַצן וועט פאַרפירטער קריסט
און האָרעפּאַשנער ייד דערקענען זיך ווי ברידער . . .

### פונם ערשטן

ביז לעצטן וואָרט קיין אויסגעשריי, נאָר שטילע רייד, געבראָכענע —
נישט אָפּצופרעגן. עולם שטומט דערשלאָגן. הייבט זיך אויף
דער אַלטער וואָלישעווסקי, שאָקלט זקנ׳יש מיטן ווייסן קאָפּ
און טענה׳ט איין אין גוי, אַז ס׳איז אַ פאַלשער חשבון.
ער טראָגט דאָך נישט קיין האָלאָוועשקעס . . . ער, סערגעי,
און די פאַרגראָבענע חברים זיינע, ליגן אין די נאָרעס,
און די טיראַנען מיט די פּריצים האַלטן אַ קאָרדאָן אַרום
די שלעסער זייערע עס זאָל קיין פונק זיך נישט אריבערכאַפּן . . .
צו וואָס זיך איינריידן פאַנטאַזיעס ? . . . ס׳קול פון אַלטן
ווי אַ מלמד׳יש טייטל, און אין נח׳ן אַלץ דייטלעכער
דער דרוק פון שטייפקייט אַרום לייב. דאָס ליגט ער
אין שטריק פאַרשטייפּט אויפן מזבח און דער גורל מיטן חלף
איז גרייט. מע פרעגט נישט : קוילענען צי ניין ? דער חלף
אין גורל׳ס האַנט איז גזר, איז דין, און ס׳איז נישטאָ
קיין חסד. ס׳וועט קיין שעפּס נישט קומען אים פאַרבייטן.
ער מוז געשאָכטן און פאַרברענט ווערן. מע פרעגט נאָר :
צי מיט די קוילן פון מזבח וועט סערגעי אויך קענען אָנצינדן
דאָס הויז פון שונא זיינעם . . . ווייטער פרעגט מען גאָרנישט . . .

רעדט גרישאַ . . . וויל נעבעך ווי אַ דערוואַקסענער זיך צאַמען
און קען נישט, שמייסט צוריק מיטן צעבריטן שמאַך און פיין
פון די רציחות, פון דער שול, פון היים : דאַרף כוליגאַן
באַפרייאונג ברענגען ? וועלן מערדער, איינגעטונקענע אין בלוט
פון קינדער, בויען ברידערשאַפט ? . . . בלויז מוחות דורכגעברענטע
פון האַס ווי האָלאָוועשקעס קענען צוטראַכטן אַזעלכס — — —
ער בריט . . . דער גוי פּרובירט מיט שאַרפע אויגן אויפנעמען
דעם צאָרן פון צעפלאַמטן מויל און מוז דעם קאָפּ פאַרגראָבן . . .
עס פלאָנטערן זיך ווערטער אויך אין נח׳ס מויל . . . צו וואָס ?
ער איז דאָך נישט געקומען דאָ זיך אויסדינגען אַ טראָפּן חסד . . .

געקומען זוכן דאָ דעם מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעלייזט
פון וואָלף, און זעט אַ וואָלף מיט מענטשלעכע געהירן,
וואָס פּלפּולט מיטן גראָבן פינגער אויס, אַז גזר פון אויבן
האָט אים, דעם ייד, אָוועקגעשאָנקען אַ פּאַרציקונג פאַר זיין מין,
ווייל דאָס איז וועג צו גאולה . . . וואָס קען מען דאָ אויסדינגען ?

דער גוי דערנאָך רעדט ווידער : — יידן זיינען נישט אַליין.
די אויף די תליות און אין קאַזעמאַטן צאָלן אויך. וועט קומען
דער טאָג פון גרויסן קריג, וועט ס׳גאַנצע פאָלק זיך שטעלן
און דער נצחון וועט זיין אַלעמענס . . . ער רעדט נאָך מילדער,
נאָך איינגעהאַלטענער ווי פריער, נאָר דער גזר־דין בלייבט,
דער גורל מיטן חלף בלייבט . . . מע גייט געבראָכענע אַהיים
און גרישאַ בריט : — ס׳איז אַזאַ בלוט ביי זיי — דאָס בלוט
פון גאָנטאַ און כמעלניצקי — פרייהייט און פּאָגראָמען... די ווי יענע...
— די אויף דער תליה אומגעקומענע—זיי האָבן נישט געטראַכט אַזוי—
זאָגט נח... — און פון וואַנען ווייסט איר ? איר האָט נישט אַריינגעקוקט
אין זייערע נשמות — בריט דער תלמיד זיינס . . . שרייט נח
אין נאָכט אין מיטן גאָס נישט מיט זיין קול : — מע טאָר נישט !
אויף קדושים מאַכט מען קיין בלבולים נישט ! מע מאַכט נישט !...
פון אייגענעם געשריי געפּלעפּט, לייגט ער אַרויף אַ האַנט
דעם תלמיד אויפן אַקסל : — גייט אַהיים . . . שוין צייט פאַר אייך
אַהיימגיין, גרישא . . . תלמיד קוקט אים אָן צעמישט אַ רגע,
באַנעמט און זאָגט צעבראָכן : — יאָ, איך גיי שוין, רבי . . .

## .14

— — — זיינען מיר די קרוין פון לעבן,
זיינען מיר געשטאַלט פון גאָט,
איז ער דאָך אַליין אויך שטן,
זיינען ביידע איינער — גאָט.

ער — דער קאָזאַק מיט דער פּיקע,
ער — דאָס אָנגעשטאָכן קינד,
ער — באַשאַפער און פאַרדאַרבער,
ווייס און שוואַרץ אין ווירבל־ווינט.

ווער זשע ראַנגלט זיך מיט וועמען ?
ער אַליין מיט זיך אַליין.
ווי זשע ווילסטו ברענגען שלום,
אַז ער קען עס נישט אַליין ? — — —

◈

ווייס עס יעדער לייב און אָטעם,
יעדע בלוט־באַשעפעניש,
דו נאָר איינער, גולם־גלויבער,
דו נאָר איינער ווייסט עס נישט.

דיך נאָר איינעם האָט דער נביא
מיט אַ קינדער־ליד פאַרוויגט
פון אַ וואָלף וואָס פאַשעט לעמער
און אַ לייב וואָס נערט אַ ציג.

צאַרנדיקן אַל־מלחמות
אין אַ טלית אָנגעטאָן,
און אַ שכינה מיט אַ פאַרטעך
באַקט דיר קיכעלעך מיט מאָן.

טאַנצן אַרום דיר מלאכים
און פאַרזינגען דיך צום שלאָף,
און אויף כוואַליעס ווייסע פליגל
פליסטו, שוועבסטו צום אין־סוף.

פליסטו ביז אַ פייל דערשנאַפּט דיך,
און דער טאַטע אויבן קוקט
ווי חזירים קומען טונקען
אין דיין אינגעווייד דעם שנוק.

◈

טו אַ צי דעם אָטעם, גולם,
ריח אייגענעם דערשפּיר:
וואָלף און בער און אָקס און אייזל
פרייכן, אָטעמען פון דיר.

נישט דיין גוף — דער נפש דיינער
טאַנצט ביים הונגער אויף אַ קייט,
נישט דער חומר — די נשמה
שמעקט מיט חיה'ש אינגעווייד.

חסד איז אַ ווייכע נאָרע,
ליבשאַפט — אַ צעבריטער שויס,
רחמים — אָנגעשטאָפּטער מאָגן,
גבורה — אָנגעשמידטע פויסט.

מיטן פויסט באַוואַך דיין נאַרע
און פיל אַן דעם בויך מיט רויב —
און דערנאָך, אַז דו ווילסט לויבן
זיסן טאַטן אויבן — לויב.

און דערנאָך אַז דו ווילסט קרייען
מיט מלאכים שירה — קריי,
און די שכינה פון גרויס נחת
וועט זיך שפּרייטן אין דער ברייט.

## .15

ס'נעמט קיין שלאָף נישט. ערגעץ האָבן רוצחים
ווידער זיך צעהוליעט. פּאָליציי מיט שווערדן,
זעלנער מיט באַגנעטן האָבן וואַך געהאַלטן —
רוצחים האָבן דריי טאָג נאָכאַנאַנד געהוליעט...
קריכט פון בעט אַרונטער נח, נעמט זיך אָנטאָן.
דוואָשע וועקט זיך: — ס'איז דאָך מיטן נאַכט.
— כ'וועל אַרויסגיין זיצן אויפן בענקל פאַרן הויז.
— אַלע שלאָפן דאָך. — נו, שלאָפט מען, לייג דיך אויך...
קוקט זי אַ פאַרשלאָפענע ווי ער טוט זיך אָן,
הערט ווי ער פאַרמאַכט די דרויסנדיקע טיר,
קריכט אַרויס פון בעט און דורכן לאָדן הערט זי:
יאָ, ער זעצט זיך אויפן בענקל פאַרן הויז.
שעפּטשעט זי: — דערבאַרעמדיקער פאָטער!
און דערמאָנט זיך: נישט די הענט געוואַשן...
אינם הוילן העמד... באַהאַלט זי זיך אין בעט
מיט דער זינד פון מויל אירן און ווייינט אין קישן.
נח זיצט און וויגט זיך. הויפנס שטערן־שטויב
הענגען פונם מילך־וועג. וואָס קען ער דיר זאָגן,
דער צעלויכטענער און סודות'דיקער הימל,
וועגן דיר און מין דיינעם, דעם פינצטערן?
מאַכן זיך די אויגן צו — אין בלינדקייט צו דערזען
דאָס וואָס שטערן־שטויב פון מילך־וועג וויס נישט.

♦

נאָך אַ שרפה — אַ גאַס אַ באַלאָדענע. הייזער דערברענען.
האַלאָוועשקעס פון קלעצער. פאַררויכערטע ציגל־ווענט.
שוואַרצע קוימענס שטאַרצן פון גליאיקע חורבות אַרויס.
פלעמלעך טוקן זיך, לעשן זיך, שפּילן מיט חושך און רויט

איבער הרודעס פון חפצים און מענטשן אין מיטן דער גאַס.
פלעמלעך פינקלען אין הרודעס צעפיצלטן גלאָז אויף דער גאַס
און באַלייכטן די וואָלקנדלעך פעדערן־פוך וואָס דער ווינט
טראָגט אַרום. ביי אַ בערגל מיט שטוביקע חפצים און בעטגעוואַנט —
אַ משפחה. ס׳האַלט אַ מאַמע אין שויס אַ פאַרבונדענעם קאָפּ
פון אַ ייִנגל. איין אויג איז פאַרדעקט און דאָס אַנדערע שלאָפט.
אים צופוסנס אַ שוועסטערל. טאַטע און ברידער אַרום.
ס׳יאָגט אַ נאַכטיקער ווינט. בויגט די מאַמע זיך איין
איינצודעקן דעם חולה און רירט אים דאָס פּנים אָן,
בויגט זיך טיפער אַריבער און שיקט אַ צעטרייסלטע האַנט
אָנצוטאַפּן אַ דופק און טרייסלט אים, טרייסלט מיט גוואַלד,
און צעוואָיעט זיך: — ווי דער מאַמען! . . . בויגן טאַטע און ברידער
זיך אַריבער דעם קאָפּ, דעם פאַרבונדענעם, מורמלט דער טאַטע:
— ברוך דיין האמת! . . . און איבער פאַרפעדערטער נאַכטיקער גאַס,
איבער ברוכוואַרג און מענטשן און שרפה צעגייט אַ געיאָמער:
— אפשר האָב איך ביי עמעצן איבערגענומען אַ גראָשן . . .
אפשר האָט מיר געקומט... אָבער אים... פאַרוואָס אים
מיט אַ צענער־פונט איבערן מוח... פאַרוואָס?... פאַרוואָס אים?

◆

ס׳גייט אַ פּראָצעסיע גלחים.
צלמים, כאָרוגוועס, איקאָנעס.
ס׳קומט אַ פּראָצעסיע גלחים.
וואָס האָט זי צו טאָן אויף דער גאַס?
דער פאַרברענטער, צע׳נהרג׳טער גאַס?

זי ווייס וואו זי גייט, די פּראָצעסיע.
די גאַס איז שוין מערבישט קיין גאַס.
וואו ס׳האָבן זיך קוילן געדויכערט
איצט הייבן זיך מירמלנע ווענט,
איצט שימערט מיט גאָלד אַן אַלטאַר,
איצט שטייגט אַ ריזיקער צלם,
און דער וואָס אויף אים קוקט אַרונטער
מיט פיינלעך־פאַרזשמורעטע אויגן.

אויף וואָס קוקט דער מענטש פון צלם?
ער קוקט אויף אַ בימה צופוסנס.
אויף דער בימה אַ טיש, אַ באַדעקטער
מיט אַ טיש׳טעך מיט גאָלדענע טראָלדן,
אויפן טיש — דאָס דער׳הרג׳עטע ייִנגל,
און צופוסנס דעם טויטן ביים טיש

טאַטע־מאַמע און ברידער און שוועסטער
ווי אַ קנויל פֿון פֿאַרשרומפּענעם פּחד.

קומט דער עלטסטער גלח אַרויף
אין אַ מיטרע מיט פּערל געשטיקט,
רויכערט ווייַרויך אַריבערן מת
און דרייט זיך — אַמאָל מיטן פּנים צום צלם
און אַמאָל מיטן פּנים צום ריזיקן עולם
וואָס באַזעצט די אומענדלעכע שורות בענק:
פֿון פֿאָרנט — די הערשער און האַרן,
פֿון הינטן — דאָס באָרוועסע פֿאָלק.
ער רויכערט דעם ווייַרויך און בלעקערצט
און ס'בלעקערצן נאָך די גלחים, די העלפֿער:

בענטש די הייזער אונדזערע
פֿאַר דיין געטלעך בלוט
וואָס מיר קויפֿן אויס.

בענטש די פֿעלדער אונדזערע
פֿאַר די' וואונדן אויף דיין לייב
וואָס מיר צאָלן אָפּ.

בענטש די האַנט וואָס נעמט נקמה
פֿון די לעסטערער און לייקענער
פֿון אַמאָל ביז אייביק. אמן.

◆

עס בויגן די האַרן די שטערנס און פֿאָלק פֿאַלט אַרונטער און קניט
און ליגט מיט פֿאַרגראָבענע קעפּ ביז ווידער דערהערט זיך
ס'טרומייטערדיק קול פֿון דעם אין דער מיטרע. נאָר ווען מען דערהייבט
די אויגן צוריק צום אַלטאַר, דערזעט מען: נישט צלם
באַלויכטן די וואַקסענע ליכט און נישט מענטש אויפֿן צלם
מיט דערנער־פֿאַרפֿלאָכטענעם קאָפּ און שפּיציקן בערדל פֿאַרשטאָכן
אין בייניקער ברוסט — דאָרט שטייט גאָר אַ סלופּ פֿון אַ תּליה
און ס'הענגט פֿון דער תּליה אַ מענטש אין מלכות'דיק־פֿאַרביקן קיטל
מיט קרויזיקער שוואַרצער באָרד און רינגען אויף פֿליישיקע פֿינגער.
די ערשטע דערזעען עס הינטערשטע באָרוועסע שורות פֿאָלק
און ס'ווערט אַ געמורמל: — ס'איז נישט אונדזער גאָט! מע קוקט —
און דערשטויינטער געמורמל צעכוואַליעט זיך ברומיקער, ברייטער
און באַלד שטייט דאָס גאַנצע צעשראָקענע פֿאָלק און ברומט
איינס צום צווייטן און אַלע צו אַלע: — ס'איז נישט אונדזער גאָט!

מען האָט אונדז פאַרביטן דעם גאָט ! . . . רופט דער אין דער מיטרע :
— אַ הייליקער איז עס, אַ נביא ! . . . און אייביק געווען אונדזער נביא !
שטייט אויף אויך די גילדענע פאָן פון די פלעצער און קערט זיך
צום פאָלק מיטן פּנים. מע זעט זיי — די קיניגער, פירשטן און האַרן,
און איינער צעשרייט זיך מיט האַרטן געבייזער : — איר קענט נישט
די הייליקע אייערע, אייזלשע קעפּ ! זאָגט אַ באָרוועסער זקן :
— איך האָב אָפּגעלעבט אַכציק יאָר און אין וויפיל קלויסטערס
געזען די איקאָנעס פון הייליקע, אָבער אַזאַ נישט געטראָפן.
שטייגט אויף איבער קעפּ אַ געבויגענער שטעקן און ס'ניגונ'ט אַרויס
אַ פאַסטעך אַ יונגער :—ברידערלעך ! אונזערע הייליקע זיינען ווי מיר
אָפּגעריסן און באָרוועס . . . דאַרינקע, געלינקע, אויסגעמאַרעטע
זיינען די הייליקע אונזערע . . . דער פון דער תליה איז זייערער . . .
און נאָך איינער שרייט :—לאָזט זיי איבער דעם אָפּגעפּרעסענעם נביא !
לאָזט זיי איבער די מירמלנע ווענט ! . . . . אונזער צלם קען שטיין
אויך אין אָפענעם פעלד — — — מע פילדערט צעשראָקן, צעפּרעגט...
מע קוקט צו די צאַרניקע האַרן, מע קוקט צום אַלטאַר, צו דער תליה,
מע שפּאַרט זיך, מע גייט...—קומט צוריק, ווידערשפעניקע קנעכט !—
שאַלט זיי נאָך פון דער בימה : — דער נביא איז אייערער, אייערער...
נאָר זיי שפּאַרן אין אימה געדיכט ווי פון פייער אַ סטאַדע . . .

◈

איצט גייט אַ נייער מין עבודה.
דער אין דער מיטרע הייבט אַ רוט
איבער די קעפּ פון יידן מיט דער יידענע :
— שטייט אויף ! ער שטעלט זיי אויס :
דעם מת צוקאָפּנס — טאַטע־מאַמע זיינע,
דעם מת צופוסנס — ברודער־שוועסטער זיינע,
און ער אַליין אין מיטן שטייט און דרש'נט :

גאָט האָט איינגעטיילט די ערד צו פעלקער :
יעדן פאָלק אַ לאַנד, יעדן לאַנד אַ פאָלק,
ווי דעם מאַן אַ פרוי, ווי דער פרוי אַ מאַן
פאָר אַ פרוכטיקן, געבענטשטן זיווג.

איז אַ זינדיק און צעלאָזן פאָלק
פון זיין לאַנד געוואָרן אָפּגעריסן,
און אַוועק זיך אומשלעפן איבער דער ערד,
אומטראָגן זיין זינד איבער דער ערד.

זיינען פעלקער גוט געווען צום וואָגלער,
פון רחמנות אים צום טיש געזעצט.

נײַן, נישט ברויט — דײַן טיש און בעט פֿאַרלאַנגט ער
און די קינדער גיב אים אָפּ פֿאַר קנעכט.

איז אַ נביא אויפֿגעקומען און געוואָרנט:
שנײַדט אַרויס פֿון זיך די בלודנע זינדער,
פֿעליעט אויס דאָס לאַנד פֿון זייער זוימען
און ברענט אויס די שפּורן זייערע פֿון זיך.

האָט דאָס ביטערע פֿאָלק אַ ווײַב געשיקט,
מיט אַ ווײַבער־לײַב פֿאַרבלענדט דעם קיניג,
מיט אַ ווײַבער־לײַב דעם נביא׳ס קאָפּ געקויפֿט
און אַ שטריק אים אויפֿן האַלדז פֿאַרצויגן.

וואו עס זאָל נישט קומען, וועט דאָס בלודנע פֿאָלק
צאָלן פֿאַרן קאָפּ פֿון אומגעבראַכטן נביא,
ביז פֿון גאָרער ערד וועט זייער זוימען
אויסגעפֿעליעט, אויסגע׳שרפֿ׳עט ווערן.

ער דרש׳נט אָפּ און דרייט זיך מיטן פּנים אויס
צום סלופֿ מיטן געהאַנגענעם. איצט זאָגט ער פּסוקים׳ווייז
און די אַרויסהעלפֿער און האַרן זאָגן נאָך:

צעדערבוים, צי טענעבוים, צי לינדנבוים —
וואָס מ׳האָט נישט געמאַכט דיר פֿאַר אַ תּליה —
וואו עס קומען די צוזייטע און צעשפּרייטע
וואַקסן אויס דיביימער פֿון דײַן תּליה.

וואַקסן אויס די ביימער פֿון דײַן תּליה
נישט קיין נביא מער אויף זיי צו הענגען,
נאָר פֿאַר דײַנע שונאים׳ס קעפּ און ביינער
העק און פֿלעקענער און דרענגער.

העק און פֿלעקענער און דרענגער
און די פֿויסט וואָס נעמט פֿאַר דיר נקמה.
וואו עס קומען די צוזייטע און צעשפּרייטע
ווערט געהייליקט מיטן בלוט פֿון זיי דײַן נאָמען.

דאָ שטייען אַלע אויף און שפּאַרן זיך צום דורכגאַנג
וואָס צו דער בימה. פֿריער הערשער, נאָכדעם שררות

און דינער שרה'שע און רעשטלעך פאָלק פאַרבליבענע,
און שפּאַרנדיק זיך זאָגט מען אָפּ די' לעצטע פּסוקים:

ווערט געהייליקט מיטן בלוט פון זיי דיין נאָמען
און דיין אַנזאָג ווערט צעטראָגן איבער לענדער:
וואו עס קומען די צעזייטע און צעשפּרייטע —
זיי פאַרטיליקן, צעמאָרדן און פאַרלענדן.

און ס'הויבט זיך אָן. מע וואַרפט זיך אויפן יידן מיט דער יידענע
און זייערע קינדער און מיט וואָס נאָר אַ געווער ווער ס'האָט
אין האַנט נעמט ממית'ן. געשריי פון די געפּייניקטע
צעצינדט די שלעגער, שרייען זיי אַליין, ווערט אַ געמיש
פון פּיין און שיכור'ער רציחה, מאָנט רציחה: נאָך!
ברענגט נאָך!... טוט זיך אַ לאָז אַ מחנה דינער און מע שלעפּט
פון ערגעץ יידן: זקנים, יונגע, פרויען, קינדער — ס'ווערט
די גאַנצע טיפלע אַ צעיושעטער רציחה־מאָל — צעשלאָגענע,
צע'ממית'טע, האַלב־טויטע מיט די פּיס דערטראָטן,
מיט הירזשעריי, מיט הודיען, מיט צערעוועטן געזאַנג — — —

◆

און פּלוצלינג אין דער טיר — אַ גלח'ל.
אַ זקנ'דל. אַ דאַרינקער. אַן אָפּגעריסענער.
און הינטער אים — דאָס באָרוועס פאָלק.
ער פירט. דאָס גלח'ל — ער פירט.
און הינטער אים צוויי יונגען ריזיקע
אַ צלם טראָגן.
דער מיטן דערנער־קראַנץ איז אויפן צלם.
און הינטער זיי — דאָס פאָלק.
מיט לאָמען, האַמערס, העק.
מיט רידלען, גראַבליעס, דרענגער.
מע שפּאַרט.
מע שפּאַרט אויפן רציחה־מאָל.
— די קנעכט!
— די קנעכט!
צעקלינגט זיך שווערד אויף לאָם,
צעקנאַלט זיך קנוט אויף דראָנג,
צעקרייען זיך אין האַס און פּחד האַרץ.
און ס'ברעכט זיך מחנה באָרוועסע פּאָרויס.
שוין האָט אַ שווערד דאָס גלח'ל צעלעכערט

און אָרעמס טראָגן אים,
שוין ליגט דער צלם
אויף פּלייצעס רויט־צעשונדענע,
ס'פֿאַלט איינער — קומט אַן אַנדערער
דעם צלם אונטערהאַלטן,
און אַרום אים — געפּלעכט פֿון בלוטנדיקן לייב
וואָס ברעכט זיך ברומיקער און וואָיענדיקער
אַלץ נענטער צום אַלטאַר — — — —

♦

ווער געווינט די שלאַכט?
ביידע.
ביידן הייבן זיך פֿאַרן אַלטאַר:
צלם מיט געקרייציקטן,
תּליה מיט געהאַנגענעם.
נאָר די האַרן האָבן זייערע פֿאַרנומען מיט זיך,
און עס בלייבן אויפֿן דיל פֿון טיפֿלע —
די צע'ממית'טע, צעקאַטעוועטע יידן
און צע'נהרג'טע, צעקיילטע קנעכט.
און צופֿוסנס פֿונם צלם מיט דער תּליה
ליגן ביידע:
טויטער ייִנגל, טויטער גלה'ל.
קרעכצן, ווייען, פֿלאַנטערדיקע פּלאַפּלעריי
פֿון געליימטע צינגער —
ווייטער שטיל,
טויט און שטיל.

אין דער שטילקייט נעמען זיי זיך רירן.
דער פֿון צלם מאַכט זיך פֿון די טשוועקעס לויז,
דער פֿון תּליה קריכט אַרויס פֿון פּעטליע,
ביידע לאָזן זיך אַרונטער,
בלייבן שטיין איינס קעגן אַנדערן.

ד ע ר פֿ ו ן צ ל ם:
דאָס איז דיינס.

ד ע ר פֿ ו ן ת ל י ה:
דיינס.
ביסט געקומען אָננעמען זיך פֿאַר די ברידער דיינע.

ד ע ר פ ו ן צ ל ם :

אַלע קינדער פונם הימלדיקן פאָטער
זיינען מיינע ברידער.

ד ע ר פ ו ן ת ל י ה :

הימל... הימל... אויך אַ שווינדל...
ס'איז זיי נישט געגאַנגען מער מיט ווייבער
אויף געלעגערס פון די מעכטיקע,
האָט מען דיך געשיקט פאַרטשאַדען פעלקער
מיט אַ הימל, מיט רחמנות און מיט פייגעלעך
וואָס דער הימלדיקער טאַטע קאָרמעט.

ד ע ר פ ו ן צ ל ם :

קיינער האָט מיך נישט געשיקט,
נאָר מיין פאָטער.
די וואָס האָבן מיר געזאָלט זיין ברידער
האָבן מיך פאַרקויפט.

ד ע ר פ ו ן ת ל י ה :

אויך געווען אַ פאַרטל.
אייגענע האָבן דיך אומגעבראַכט,
זאָלן פרעמדע זיך דורך דיר דערלייזן.
זיי האָבן געוואוסט — די ברידער דיינע:
אין געהירן פון די פרעמדסטע פעלקער
וועסטו אַלץ געטריי זיי בלייבן.
ער רעדט עס פון דיר אַרויס
און דורך דיר פון אַלע וואָס דיר דינען.

ד ע ר פ ו ן צ ל ם :

ווער?

ד ע ר פ ו ן ת ל י ה :

וועסט אים הערן און דערקענען.
(רופט צו איינעם פון די אַלטע יידן
צווישן די צעשלאָגענע) דו, דערקען דיך,
קום אַרויס און הער.

י י ד (קוקט אויס ווי ר' יחיאל, שטייט אויף)
דיינס האָסטו שוין אָפגעזאָגט.

דער פון תליה:
וואָס איך וויל דיר זאָגן איצט
האָסטו נישט געהערט נאָך.
כ׳וויל אַ סוף מאַכן.
כ׳וויל זאָלסט מיך באַפרייען. מיך און זיך.

ייד:
אין דער רעכטער צייט וועט קומען די באַפרייאונג.

דער פון תליה:
קיינמאָל נישט ווי דו באַגערסט.
האָסט געזען געגנוג שוין. אַלע ערדן,
וואָס דו האָסט מיט קלוגשאַפט איינגענומען,
האָבן מיט רציחה דיך אַרויסגעוואָרפן.
ווייל נישט קלוגשאַפט — ליבשאַפט וויל די ערד,
און ביי דיר די ליבשאַפט ציט צו יענעם לאַנד,
וואָס פון אים ביסטו פאַרשטויסן.

דער פון צלם:
ווען באַגער צום קיניגרייך פון פאָטער אויבן
וועט די גרענעצן צעברעכן
פון די קיניגרייכן אויף דער ערד,
וועט די גאַנצע ערד מיט ליבשאַפט ציען זיך
צו אַלע פאָטער׳ס קינדער.

דער פון תליה (צום יידן):
הערסט די רייד דיינע ביי אים אין מויל?
קענסט אַ דריטן און אַ צענטן אָט אַזאַ דערלייזער
אויף געהירן פון די פעלקער אָנשיקן —
איך וועל אַלץ זיין מעכטיקער פון אייך.
איך בין ערד. איך בין זוימען
אין דער ערד און מוטער־לייב.
זאָג איך: לאָמיר זיך באַפרייען.
גיי צוריק צו יענער ערד,
וואָס אין איר האָסטו געפלאַנצט דיין זוימען,
לאָז מיט נייעם זוימען זיך צו איר דערקענען,
וועט זי גוט ווערן צו דיר
און וועסט מיך און זיך באַפרייען.

ייד:
האָסט מיר נישט גע׳עצה׳ט וואו צו גיין
כל־זמן ער (וויזט אויף אים פון צלם) האָט דיר

פאַר אַ הענטל צו דיין שווערד געדינט.
איצט דאַכט זיך דיר אויס — ער וויל נישט מער
זיין דאָס הענטל פון דיין שווערד,
שטעלט ער אויף די קנעכט אַנטקעגן דיר,
ווילסטו מיט מיר שלום.
כ'וועל אַוועקגיין, מיינסטו, און אים מיטנעמען,
וועסטו אויפן שווערד אַן אַנדער הענטל אַנטאָן
און מיט אים געוועלטיקן ווי אַלעמאָל.
שוטה וואָס דו ביסט! ווי קען איך

דיך פון אים באַפרייען? דו, באַוועלטיקער
מיט רציחה, רויב און הונגער,
האָסט אַ גיהנום אויף דער ערד פאַרשפּרייט
און געשיקט די באַרוועסע ביים הימל זוכן
קרישקעס רחמים, טראָפּנס ליבשאַפט,
ביז דו האָסט זיי אויסגעלערנט,
אַז דער רחמים'דיקער הימל קען אַ שייד ווערן
און אַ הענטל אויפן שווערד אַנטקעגן דיר,
און פון דיר אַליין וועט קומען דיין פאַרטיליקונג.
שוטה וואָס דו ביסט! וואו קען איך לויפן
פון זיין ליבן נאָמענס ווילן? אויב ער האָט מיך אָפּגעריסן
פון אַ ווינקל ערד און איבער אַלע ערדן אויסגעשפּרייט,
דאַרף דאָך ערד ווי הימל זיין פאַר מיר נישט צו דערלאַנגען,
דאַרף איך גלייך צוביידע גאַרן
און צו ביידע גאַרנדיק
נענטער זיך דערנענטערן צו אים
וואָס איז ביידע און איז אַלץ.
יאָגט מיך נאָך דער שווערד פון אים,
וואָס ער זאָגט, אַז ער איז הימל,
יאָגט מיך נאָך דער שווערד פון דיר,
וואָס דו זאָגסט אַז דו ביסט ערד,
גיי איך אונטער ביידע שווערדן,
גיי איך, ווייל אַזאַ איז איבער מיר דער ווילן.
ניין — נישט דיך, נישט זיך קען איך באַפרייען.

ד ע ר פ ו ן ת ל י ה:
ביז ווי לאַנג?

י י ד:
ביז די ווערטער: ערד און ליבשאַפט —
וועלן ווערן אויסגעלייזט

פון דיין שלאַנגיש מויל
און אַ תיקון קריגן.

דער פון תליה:
און ביז דעמלט
וועט איר שיקן טעכטער אויף געלעגערס פון די מעכטיקע
איינצוקויפן זיך אַ טאָג פון רו און ס'וועט קיין רו נישט זיין.
זין וועט איר אַוועקשענקען צו פרעמדע, און זיי וועלן
אויסקויפן די פרעמדקייט זייערע מיט האַס צו אייך.
שטערן־כאַפער, אויסלייזער, נביאים וועט איר פלאַדיען —
די נבואה זאָל אַ האַק ווערן אויף אייך.
און דער בלודנער שטערן פון דערלייזונג
וועט אַלץ מאַניען, שלעפן, רייסן פון אייך שטיקער,
מאַלן אייך אויף שטויב, אויף קויל צעסמאַליען — — — —

דער פון צלם:
וועט דער גוף צעשטויבט ווערן, נאָר דער נשמה־שטויב
וועט פון אַלע שייטערס און מזבחות אויפגיין
ריין און לויטער צו זיין מקור,
וועט דער פאָטער מיט זיין האַנט אַליין
ווי אַ זייער אים צעשפרייטן איבער גאָר דער וועלט
און זאָגן: מיינע ליבסטע קינדער,
אומגעקומענע אויף די מזבחות פון רשעים,
פלאַנץ איך ווידער איין אויף ליבשאַפט.
און אַ ביי גערעטעניש וועט אויפגיין.
פאָלק ביי פאָלק וועט מער נישט פרעגן:
ווער האָט דיך געבוירן?
מענטש ביי מענטש וועט מער נישט פרעגן:
וועלכע ערד האָט דיך געשפייזט?
אַלע וועלן זיין דעם פאָטער'ס קינדער,
אַלעמענס וועט זיין די נייע ערד
וואָס די האַנט פון פאָטער וועט פאַרזייען
מיטן לויטערן נשמה־שטויב
פון די ליבסטע קינדער זיינע.

ייד:
כ'האָב שוין ביידן אויסגעהערט.
מער האָב איך דאָ גאָרנישט וואָס צו הערן.
(גייט און ווערט פאַרשוואונדן
צווישן אַלע אַנדערע.
וועגט פון טיפלע רינען אויס.

ווידער גאַס —
גאַס נאָך שריפה און הריגה).

◆

עס שאַריעט אויף טאָג. אין פאַרטאָגיקער גראָקייט
שטאַרצען שרעקעדיקער פון די פלעמלעך אַרויס
די פאַרנעפּלטע ציגעלנע קוימענס, פאַרסמאַליעטע ווענט.
און די הורבעס מיט מענטשן און חפצים. מיט עופ׳עלעך מאַמעס
וואָס וויגן זיך דרימלענדיק, קינדער וואָס שלאָפן
אויף דער ערד און אויף טישן און בעטן — אויף בעטן
אונטער אָפענעם הימל ווי אונטער אַ דאַך. וואַכע מאַנצבילן
צווישן הויפנס פון אייגנס און פרעמדס וואַגלען אום
ווי זיי וואָלטן געזוכט עפּעס וואָס מ׳האָט ביינאַכט
נישט געוואוסט וואו צו זוכן. דער פאָטער פון טויטן
שלעפּט פון טלית־זאַק אַ צעריבענעם סידור און זעצט זיך
צוקאָפּנס פון זון זאָגן תהילים. פון ערגעץ אַ געסל
קריכט אַרויס אַ געבויגענער פויער מיט אַ טאָפּ אין די הענט
און זוכט מיט די אויגן און פרעגט: — וואו איז מענדל?
מע קוקט אים מיט פּחד אָן, ס׳ענטפערט נישט קיינער,
און ער פּלאָנטערט זיך ווייטער און קריכט מיט די לאַפּטיעס
איבער מענטשן און חפצים. ביז דאָס אויער דערהערט
דאָס צעבראָכענע זאָגן פון תהילים, דערשפּרינגט ער,
דערזעט אויף דער ערד דעם מת, נעמט זיך צלמ׳ען האַסטיק,
נאָר אין מוח פאַרגרייט ליגן רייד, וואָס ער האָט
אויפן וועג זיך גע׳חזר׳ט און ס׳איז אים אַ שאָד
דאָס פאַרגרייטע אַרויסוואַרפן. רעדט ער מיט האַלבן מויל:
— כ׳האָב געבראַכט דיר דעם טאָפּ מיט פּוטער, מענדל.
אַז וואָס דאַרף איך דיין פּוטער? כ׳האָב אייגענע פּוטער.
ס׳האָבן זיי, די טייוואַלים, מיך אָנגערעדט. ס׳איז אַ באַפעל,
אַ באַפעל אַזאַ, זאָגן זיי, נעמען ביים יידן . . . איך דאַרף נישט,
איך האָב אייגענע פּוטער — — — די ווערטער צערינען
און דאָס מויל בלייבט צעעפנט. צעשרייט ער זיך:
— ס׳איז נישט איך! ביי מיין ווייב מיט די קינדער
און ביים הייליקן צלם איך שווער — ס׳איז נישט איך!
איך האָב שליאַמקען נישט אָנגערירט. זאָל מיך אַ שלאַק
דאָ דערשלאָגן, אויב איך האָב אַ האַנט אויפגעהויבן, מענדל! . . .
קיינער הערט אים נישט . . . טוט ער אַ פאַל צו דער ערד,
נעמט זיך שלאָגן דעם שטערן אין דר׳ערד מיט אַ יאָמער:
— זיי מיר מוחל! נישט פאַר מיר — כ׳בין ניט שולדיק.
נאָר פאַר זיי — זיי מיר מוחל! כ׳וועל נישט אָפּטרעטן, מענדל,

כ׳וועל צעגראָבן די ערד מיטן שטערן, אויב וועסט מיר נישט זאָגן:
ביסט מוחל . . . פון תהילים אַרויס זאָגט אַ קול:
— כ׳בין דיר מוחל, סטעפּאַן! גיי אַהיים.

ס׳קריכט אַרויס איבער גליאיקע חורבות אַ רויטע זון.
דורך דער גאַס, דורך די הרודעס מיט מענטשן און חפצים
קריכט אַ פּויער אין לאַפּטיעס און טרערן פּאַרפּלייצן
דאָס צעגראָבענע ברוינע פּנים און קנויליקע באָרד.

♦

אויפן בענקל נעבן נח׳ן זיצט סיטש.
— איך האָב דיך געבעטן:
לאָמיר ערגעץ אויפזוכן אַ שטיקל ערד
און אַוועקגיין לעבן דאָרט מיט גאָט,
ביסטו אויסגערונען.
איז מיט וואָס בין איך געבליבן?

אַ נשמה איז דיר ווי אַ פרוי וואָס דו האָסט ליב.
זי געפונען — לאָז נישט אָפּ!
נעמט מען זי, די פרוי, אַוועק פון דיר,
זוכסטו שוין אָבי נקבות, שיכור׳סטו.
און דערנאָך נעמסטו זי פיינט האָבן,
ווייל זי האָט דיר שלעכטס געטאָן.
דיך פאַרטשאַדעט און געלאָזט אַזאַ —
אַ צעלעכערטן, אַ נאַרישן.

דו מיט מיר אַזוי.
איינגעגעסן זיך ווי אַ נשמה
און צעבויטעט אַלץ — די פיינטשאַפט
וואָס איך האָב דיך פיינט געהאַט
און די טראַכטונגען די אייגענע — און אַוועק.
פעלסטו מיר. קריג איך דיך ווידער פיינט.
הער איך וואָס דער טייוול רעדט מיר אָן.
אַז זי פלאַטערט ווי אַ העמד וואָס טריקנט זיך
אויפן ווינט אין דרויסן — די נשמה מיינע.
קומט אַ ווינט און רייסט זי, בלאָזט זי אָן.
וואָס זשע שאָקלסטו זיך איבער מיר?
האָסט דאָך מיר אַליין דאָס אָפּגעטאָן.

אויפן בענקל נעבן נח׳ן זיצט סיטש און טענה׳ט.
נח וועקט זיך, רייבט די אויגן.

ערגעץ אויף אַ דאַך
האָט זיך אָנגעשפּאַרט די זון און הייבט זיך.

## .16

האָט דאָך דער קלויזניק צבי הירש בן חנניה
געקענט מיך פאַרלירן
ביינאַכט אין אַ זינדיקן חלום —
ווען זשע וואָלסטו באַלאָדן מיט טויטן און פינצטערניש,
ווען באַפוילן דאָס חיה'שע בלוט פון מענטש
ברענען און לייטערן אין זיינע אָדערן
פון וועגן דיין נאָמען?

וואָס איז מיין זיין?
צופאַל וואָס הענגט אויף אַ פאָדעם פון שפּינוועב
צווישן אַ ניין מיט אַ יאָ.
און אויפן צופאַל אויף פאָדעם פון שפּינוועב
האָסטו אַ וועלט אָנגעהאַנגען —
ער זאָל זי טראָגן, דערטראָגן
פון ניין צום יאָ.

זאָגסטו:
דאָס גאַנצע באַשאַף
הויערטביים ראַנד צווישן ניין און יאָ,
און זיין איז בלויז ווילן
פון פינצטערן ניין צו דערגיין צום ליכטיקן יאָ.
איז דאָך דער ווילן אין גרעזל,
אין מילב, אין דער פליג און אין וואָרעם,
איז דאָך דער ווילן אין שטיין און אין זעמדל —
וואָס דאַרפסטו מיך?

ענטפערסטו:
איך בין דער וויסן פון ווילן.
און בין איך אַריבער פון נישט צום צופאַל,
מוז איך פאַר דיר און פאַר זיך
דעם גאַנצן תהום פון ניין
וויסנדיק, זעענדיק, פּיינענדיק, בלוטנדיק
טראָגן צום יאָ,
טראָגן דורך זיך, דורך די קינדער און קינדס־קינדער מיינע,
דיך און זיך
טראָגן, דערטראָגן צום יאָ.

און אַז איך וועל שוין דערטראָגן ?
און אַז איך וועל שוין דערגרייכן דעם ראַנד
וואו צופאַל ווערט ווידער נישט ?
זאָגסטו : נישטאָ קיין דערטראָגן.
ליב האָבן זאָל איך דאָס וויסן,
ליב האָבן זאָל איך די פּיין,
ליב האָבן זאָל איך דעם חושך און טויט וואָס איך שלעפּ,
וועל איך אין ליבשאַפט זיין איינס מיט דיר,
וועט יעדע רגע פון פּיין זיין דער שכר,
דער שכר, די דערגרייכונג, דער יאָ.

הער איך דיך, זע איך דיך,
טאַטע וואָס האָט זיינע קינדער באַטיילט
מיט זיין אייגענעם גורל אַ וועלט צו שלעפּן
פון נישט צום יאָ,
וועל איך נישט פרעגן — צו וואָס
האָסטו אַן אַנהויב געמאַכט און אַ גרענעץ געלייגט
פון נישט צום יאָ.
ווען אַלץ האָט געקענט זיין גאָרנישט :
איך וויס — האָסט געמוזט,
און דעריבער דיין ליבשאַפט און רחמים
צו די וואָס דו האָסט זיי באַטיילט
מיט דיין גורל און ווילן און וויסן —
וועל איך נישט פרעגן, ווייל כ׳וויס :
נישט דו און נישט איך
קענען זיך אויסלייזן, טאַטע !
פאַרפאַלן ! כ׳בין דאָ און וועל זיין
וואָס דו הייסט, וואָס דו ווילסט איך זאָל זיין
אין איין זיין מיט דיר, טאַטע !

## .17

אין דער קיניגין וויקטאָריעס לאַנד
זיינען קריסטן אַנדערע פאַראַן.
אין דער קיניגין וויקטאָריעס קלויסטערס
האַלטן איידעלע גלחים דרשות
קעגן פּעטערבורגער רשע,
און מאַגנאַטן, שררות גרויסע
טראָגן צו נדבות מיט אַ ברייטער האַנט
פאַר פּאָגראָם־געיאָגטע. פון דער קיניגין וויקטאָריעס לאַנד
קומט אַ קריסט אַן אוהב־ישראל

מיטן נאָמען לאָרענס אַליפאַנט,
איז ער אַ בן־בית ביים סולטאַן
און ער שמועסט מיט אים לאַנגע שעה'ן,
און מיט ראיות אייזערנע
האַלט ער אין באַווייזן אים,
אַז ער דאַרף דאָס הייליק לאַנד פאַרקויפן
צו די יידן וואָס אַנטלויפן
פון פאַגראָמען.

אָבער אונדזערע, די יידישע מאַגנאַטן,
פלאַטערן ווי בלעטלעך פוילע
אונטער אָסיענדיקע וואָלקנס
און זיי טוען פלאַטערדיק באַפוילן:
— ס'וועלן נאָך, חלילה, אויספעלן סאָלדאַטן
פאַרן קיסר'ס פאָלקן.
לאָזט די בחורים, וואָס דאַרפן דינען
אין פעכאָטע, אַרטילעריע
פאַרן שוץ פון דער אימפעריע
נישט אַנטרינען!
און זיי צאָרענען, די יידישע מאַגנאַטן:
— פלאַפלער, פלוידערזעק!
הערט אויף אַנצעוואַרפן שרעק
מיט די רייד, די וויסטע,
וועגן לאַנד וואָס איז פאַרהייליקט ביי די קריסטן!
און זיי צאָרענען, די יידישע מאַגנאַטן:
— מיר וועלן קיין טריט פאַר אייך נישט מאַכן
און קיין וואָרט נישט זאָגן אין די הויכע פענצטער,
כל־זמן ס'וועלן ציען ווילדע מחנות
צו די גרענעצן.

ניין, מער וויסן זיי נישט, אונדזערע מאַגנאַטן,
ווי נדבות אויף אַ טרוקענעם כזית,
אויף תכריכים און לוויות.
און דערפאַר די גאַנצע בכורה
גיב זיי אָפּ און שפרייט זיך כורעים
פאַר די גרויס־געוויקסיקע שווייצאַרן
ביי די טירן זייערע . . . נישט זיי וועלן פאַר פרעה'ן
שטעלן זיך און זאָגן: לאָז אונדז גיין פון דאַנען!
נישט דורך זיי וועט קומען די ישועה.
זיי וועלן דעם רוקן אייביק בייגן ווי אַ דוהע

פאַרן רשע. מיר אַליין וועלן דעם ים־סוף איבערשפּאַנען.
מיר אַליין וועלן צום צוגעזאָגטן לאַנד
דורך מדבריות שפּאַרן. וועט נישט רעגענען מיט מן,
וועט פון שטיין קיין קוואַל נישט שלאָגן.
אָבער צו אַן אָפן אויער
וועט זיך אונדזער טראָט דערטראָגן
און ס׳וועט מוזן אויפקומען אַ גואל — — —

♦

גיין, נישט נח׳ס רייד זײַנען די רייד, אָט די.
ס׳האָט עזריאל אים פאַרשלעפּט אויף אַן אַסיפה
צו ר׳ יואל וויגדאָרסאָנען. האָט גערעדט ר׳ יואל
און גע׳דרשנ׳ט קופער און גע׳טענה׳ט מאַגיד
און אַ שיר פון שיבת ציון פאַרגעלייענט פויזנער,
און צוריקוועגס — שטיקער איינגע׳חזר׳טע מאמרים
פון די בלעטער אויסגעפּלאַקערט עליע — האָבן אַלע רייד
אַנגעהורבעט זיך אין מח און זיך אויסגעשטעלט דערנאָך
מעשה׳דיק און צאַרנדיק און גאולה׳דיק אַזוי.
און צו וואָס האָט אים געשלעפּט עזריאל צו ר׳ יואל׳ן?
ווייל ס׳איז אים נישט גוט, עזריאל׳ן. ס׳האָט עמעצער
אים דאָס ווייב פאַרביטן. וואָלט ער גערן איינגערעדט זיך:
ס׳איז נישט קופער — נח איז דער וועגווייזער, דער רבי
און דער דריטער צווישן ביידן. לאָזט ער זיך נישט, נח.
לערנט אָפּ די שעה מיט איר און ווערט אַנטרונען
ווי ער דאַרף מיט עפּעס אויסבאַהאַלטן זיך פון אים.
האָט ער אים פאַרשלעפּט צו דער אסיפה. אפשר נאָכדעם
וועלן קומען רייד, אויך וועגן רחל׳ען רייד און ס׳וועט אים
גרינגער אָנקומען זיך איינצוריידן... איז עס נישט געשען.
עפּעס איז נישט גלאַט מיט נח׳ן.

דערמאָנט זיך נח אויך:
ערשט אַ יאָר ווי ר׳האָט ביים אַלטן וואָלישעווסקי
זיך צוגעזאָגן אין געווייִן וואָס אין זיין פאָלק איז טויט
דער ווילן צו גאולה. איצט טראָגט ער זיך אום
אין געדיכטע רייד פון גאולה ווי אין וואָלקנס פעדערן
אין אַ גאָס נאָך אַ פּאָגראָם. ס׳ליגט זיך אויפן קאָפּ,
אויף הענט, אויף אַקסל. אַלע ריידן. ער נאָר איינער
האָט אַ מויל מיט שטומקייט אָנגענומען. ווערן וואָס אַ טאָג
ווייטער, קילער די וואָס ווילן זיינע פריינט זיין,
און ער פילט ווי ס׳גליווערט אַרום אים דער עלנט.

נאָר אויך דאָ דאַרף קופער בריה'שאַפט באַווייזן.
ס'טויג אים נישט וואָס דער מלמד איז אַ רעטעניש אין הויז.
זאָגט ער: ער וועט אויפרייסן דאָס מויל ביים שוויגער.
טראַכט עזריאל — ער שטעלט גאָרנישט איין, און ראָזע'ן
פּיקט אַ האָפענונג: אפשר וועט אים קופער דאָך צוקלאַפּן
יענעם משל מיט די טשוועקעס. ברענגט מען נח'ן אַן אָוונט.
זעט ער: מאגיד מיט דער פרוי און קופער און ר' מרדכי.
עפּעס האָט מען דאָ פאַרגרייט פאַר אים. בריט אויף אַ כעס,
כאַטש ער ווייס נאָך נישט אויף וועמען. זעצט ער זיך
אַ פאַרפאַנצערטער אין כעס צום גלעזל טיי און וואַרט.

◈

ער גייט ווי אַ געניטער קריגסמאַן, קופער — מיט'ן ערשטן שאָס
אין ציל אַריין.

ק ו פ ע ר:

פאַרוואָס שטייט איר נישט צו צו אונדז?

נ ח:

צו וועמען?

ק ו פ ע ר:

אָט, צו אונדז.

נ ח:

און ווער זענט איר?

(דער אַנפאַלער טרעט אָפּ צוריק און פּרואווט זיך ווידער —
געלאַסענער)

ק ו פ ע ר:

איר מיינט, אַז די פּאָגראָמען, גזירות
און מחנות וואנדערער — דאָס אַלץ גייט אייך נישט אָן?

נ ח:

וואָס איר האָט זיך דערוואוסט ערשט פאַראיאָרן, ווייס איך
נאָך פון די וויקעלעך. איר דאַרפט מיט מיר נישט קנעלן.
(סיווערט ביטער אַרום טיש. מע קוקט זיך איבער, שטיל)

ר אָ ז ע:

דאָס ווייס הער קופער. און דעריבער טאַקע
איז אים אַ חידוש. אויך דעם טאַטן און עזריאל'ן.
(די אויגן אירע אַנגעשטעלט אויף אים מיט ציטער.
אין קול — בקשה. ביידע הענט צעשפּנט אויפן טיש.

און די בקשה־דיקע ווערטער פליען נישט אַוועק,
נאָר בלייבן אין די ראָזע אויסגעשטרעקטע הויפנס).

**נ ח:**

(זעט מאַגידים בליקן און עזריאלים און רי מרדכיים.
פאַרוואָס זאָל ער זיין עלנט צווישן זיי? זיי זיינען פריינט.
און אויב זיין אמת וועט די פריינטשאַפט איבעררייסן,
וועט ער כאַטש וויסן צוליב וואָס. זאָל קופער
זיך גאַנערן; ער אַרט אים נישט. ער איז נישטאָ).

נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ'הער די אַלע רייד —
און ס'איז נישט דאָס . . . כ'האָב יינגלוויז געהאַט אַ חלום:
דער לייטער יעקב'ס און מלאכים שטייגן. איך מיט זיי.
אַז כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך אויסגעטייטשט,
אַז דאָס מיינט גאולה. און איך האַלט זיך אַלץ נאָך
ביי יענעם טייטש . . .

עס ווערט דערציילט פון גזירת ת״ח,
אַז ווען אַ קאָזאַק מיט אַש ווערד האָט זיך אַריינגעריסן
אין אַ הויז מיט צוויי־דריי הונדערט יידן, האָבן אַלע
די העלדזער אויסגעשטרעקט. דריי הונדערט פּאָר אַן איינציקן.
דאָס איז געווען קידוש השם. אַליין זיך דעם רוצח אָפּגעבן
און זאָגן: שעכט!... איז דען פאַראַן אַ שרעקלעכערע לעסטערונג
און גרעסערע כפירה? און די לעסטערונג איז אָנגעגאַנגען
פאַר העכסטער קדושה... ווייל מען האָט צעשפּאָלטן זיך
אויף צווייען:
געמיינע הפקר'דיקע די וועלט און משיח'דיקע יענע וועלט.
און אַז דער שופר של משיח שאַלט נישט, ווערט דער שווערד
פון קאָזאַק אויך משיח. טויט איז שבת און רוצח — גואל . . .
איז ווי זאָל מען דעם מענטשן פון דער צווייענדיקייט אויסלייזן?
ווי זאָל מען אים דערמאָנען, אַז נישטאָ קיין רגע אויף דער ערד
ווען ער איז נישט דער צלם אלקים? אַז אויפן לייטער
שטייגט אַלץ אין אים — פון דער מחשבה ביזן נאָגל אויפן פוס?

**ע ז ר י א ל:**

די וואָך זאָל אויפהערן זיין הפקר, מוז מען זי
אַרויסנעמען פון הפקר.

**נ ח:**

דאַרף זיין אַן אַרויסנעמער, משיח?

**מ אַ ג י ד:**

ניין, מיר אַליין.

נ ח:

חלומות־חלום'ער, מאמרים־שרייבער
און דרשה־האַלטער?

מ אַ ג י ד:

ניין, דאָס פאָלק.

נ ח:

דאָס? אונדזערס? . . .
אַ פאָלק וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן דעם הפקר פון זיין וואָך
און קדושה פון זיין שבת נעמט זיך נישט אַרויס פון ערגעץ.
עס קאָן נישט. ס'האָט קיין כח נישט.

מ אַ ג י ד:

ס'וועט מוזן.

נ ח:

דער כוליגאַן וועט צווינגען? עס וועט לויפן ראַטעווען די פעל?
אויף ראַטעווען די פעל איז נישט קיין חילוק וואו מע לויפט.
איצט אויכעט לויפן זיי איבער'ן ים.

מ אַ ג י ד:

נישט אַלע! מחנות רייסן זיך
צום לאַנד פון אבות אויך.

ע ז ר י א ל:

צום לאַנד פון קדושה.

נ ח:

צו קדושה לויפט מען נישט. מע גייט.

ע ז ר י א ל:

זאָגט די מסורה אויך,
אַז פאַר דער גאולה מוזן זיין בהלות, רשעות, בלוט.

נ ח:

זי זאָגט אויך, אַז דער מענטש מוז ווערן כלו זכאי
צי כלו חייב. נישט דער מענטש וואָס איז, אַן אַנדערער.

ע ז ר י א ל:

איז ווי זאָל ער באַנייען זיך, דער מענטש?

נ ח:

פון זיך אַליין.

ע ז ר י א ל:

מיט הפקר אַרום אים?

נ ח:

מיט קדושה אין אים.
ער קען דאָך בייקומען דעם הפקר מיט דער קדושה.
ער טוט עס שבת. דאַרף ער קענען אינדערוואָכן אויך.

מ אַ ג י ד:

און ראַטעווען אים פון נגישות טאָר מען נישט? פאַרגרינגערן
דעם אומקער צו דער קדושה אויך נישט?

נ ח:

ביידע דאַרף מען.
נאָר בינדט נישט איינס אין אַנדערן. דער לויפער מיט'ן פּאַק
וועט פונ'ם לאַנד פון גאולה אויך אַ הפקר און אַ גלות מאַכן.
און ווער עס גייט צו קדושה וועט זי אומעטום געפינען.

מ אַ ג י ד:

וואו זיינען זיי, די גייער?

נ ח:

אַז מען זוכט זיי, זעט מען זיי.

ע ז ר י א ל:

יחידי סגולה. למד־וואָווניקעס.

נ ח:

אין יעדן אָרעם שטיבל,
ביים האַמער און קאַפּול, ביים פּעסל הערינג, באַ דער ראָד
און בייטש זיינען זיי דאָ. דער בעש"ט האָט נישט געדאַרפט
זיי זוכן, בלויז געדאַרפט די צווייענדיקייט אָפּשאַפן,
פאַרבינדן אין זיי וואָך מיט שבת. ער זאָל וועלן,
וואָלט ער מדבריות מיט זיי דורכגעשניטן, לענדער איינגענומען...

מ אַ ג י ד:

פאַרוואָס זשע האָט ער נישט געפירט? פאַרוואָס געלאָזט זיי
ביי דער אַרענדע און אין שענק?

נח:

ווייל נישט דערטראַכט זיך,
אַז צו דערלייזן זיי אינגאַנצן, דאַרף מען פון זיי פריער
משיח'ן אַרויסטרייבן, אויף זיי אַליין די גאולה שטעלן.

מאַגיד:

און מיר וואָס ווילן דען? אויף וועמען שטעלן מיר די גאולה
אויב נישט אויף זיי?

נח:

אויף זיי און אויפ'ן חסד פון נדיבים
און אויף דער האַק פון בוליגאַן, וואָס זאָל דעם חסד וועקן...
(דאָס קול ווערט אַנגעצונדן) כ'וויל נישט, אַז דער קאָזאַק
זאָל ווערן מיין דערלייזער. נישט מיר מיט'ן שווערד צעעפענען
די טירן פון גן־עדן, נישט מיך מיט דער האַק אַריינטרייבן
אין לאַנד פון גאולה. צו דערלייזונג וויל איך גיין אַליין.

(איצט שלאָגט די רגע אויך פאַר קופערן. מיט קאַלטער גאַל
נישט צו זיין קעגנער ווענדט ער זיך, נאָר צו די אַנדערע)

קופער:

קען זיין — איך האָב נישט אַלץ באַגריפן אין דיספוט.
נאָר איינס איז קלאָר: הער מאַרקאָן דאַרף מיט אונדז נישט גיין.
וואָס ביי אונדז, איז נישט דער גאַנג צום אַלטן פאַטערלאַנד,
נאָר אונדזער וויסן, אַז די צייט פון הימל־שוועבעריי
איז לאַנג אַוועק. מיר לעבן אויף דער ערד און נעמען אָן
די ווירקלעכקייט רעאַל און ערדיש. גייסט מוז האָבן אויך
אַ קערפּער, און ביי אונדז פון צופיל גייסט זיינען די הענט
געליימט געוואָרן. ווילן מיר די הענט קורירן. זאָג איך:
פאַר טעאָלאָגישע דיספוטן איז עס אפשר גוט, נאָר גיין
מיט אונדז צו ערד און בויאונג איז הער מאַרקאָן נישט
דער מענטש.

נח:

(רעדט אויך געלאַסן) ווען איך בין אַ ברודער אייערער,
וואָלט איך געזאָגט אפשר: טוט אויס דעם פריץ,
פאַרקליידט זיך פאַר אַ פּראָסטן יידן, גייט מיט יידן לעבן,
ווי ס'טוען קריסטן ווען זיי ווילן קענען זייער פאָלק,
און איר וועט זיך דערוויסן עפּעס וועגן ערד און הימל.
בין איך נישט אייער ברודער און דעם גלות האָט איר פיינט.

נאַר וואו איר שיקט די מענטשן, איז דאָך ערד
איך ליב, און אויב איר האַלט פון הענט און מעשים —
פאַרוואָס נישט גיין מיט זיי און נעמען זיך צום אַקער?

קופּער:
(מיט קאַלטער גאַל) אַז איך וועל דאַרפן, וועל איך גיין.
איך וויניקסטנס
האָב הענט. איר האָט דאָך אויך קיין הענט נישט.

נח:
(צעשמייכלט זיך, טראָגט ביידע פויסטן אויפן טיש)
איר זעט די הענט, אָט די? זיי האָבן מיט דער האַק
און זעג געקענט מיט גויים האַקן וואַלד און שינעס לייגן.
זיי וועלן אויך מיט יידן קענען אַקערן.

קופּער:
ווען גייט איר?

נח:
ווען עס וועט ווערן צייט צו גיין.

קופּער:
ווען איר וועט גיין,
וועל איך נישט אָפּשטיין.

נח:
זיינען אַלע עדות דאָ.

ס'ווערט ביטער־שווער. צוויי מענטשן האָבן דורך אַ האַס
פאַרבונדן זייערע גורלות, איז עס אומזין, און פון אומזין
אַ פּחד יאָגט. ר' מרדכי ברעכט די שטילקייט. פרעגט זיך
ווי גייט עס נח'ן מיט די תלמידים און דערציילט אַ שאַרפן זאָג
פון רב ר' יאָשע בער. ער איז קאַסירער פון די געלטער
פאַר די צעשלאָגענע און פליטים, קומט ער אָפּט צום רב
און איז געוואָרן, דאַכט זיך, פרימער. הערט מען אויס
מיט דרך־ארץ און מע הייבט זיך מיט אַ „גוטער נאַכט".
ציט ראָזען צו עזריאל'ן: — ווער, מיינסטו, וועט דער ערשטער זיין?
— כ'האָב מורא: נח — טוט ער איינקאַסירן דעם נצחון.
— ער איז דאָך קעגן אייך. — קען מאָרגן זיין מיט אונז . . .
דער דריטער ציילט די טריט אין גאַס. ס'איז נישט געראָטן . . .

ער איז אין האַסטיקן געלאָף אַריינגעשפּרונגען אין אַ קוסט
מיט דערנער און אַרויס מיט פראַנזן פון די הויזן
און פיס צעריסענע . . . און נח שפּאַנט און חשבונ'ט:
— דער נדר איז נישט זיינער. יענעמס איז ער. אָבער ער
האָט זיך אין אים אַריינגעפּלאָנטערט און ס'איז זיינער אויך.
אַזוי האָט אים פאַרווירבלט די בהלה . . . אומזין . . .

## 18.

איצט, אַז קיינער הערט נישט, לאָמיר ריידן אָפן:
ווען ס'וואָלט עפּעס דיר אין פינטל נישט געטראָפן,
וואָלסטו זיך נישט אָנגעצונדן ווי אַ טרוקן קינדל
אין אַ ווילדן נדר זיך מיט עמעצן צו בינדן.

פשוט: ס'עגבערט דיך דאָס גיפטיק וויסן —
האָסט צו זיך אַליין נישט אָנגעטאָפּט דעם שליסל.
אויסגעפּלאָכטן אַרום זיך פון קדושה־רייד אַ שיידל
און דו דרייסט זיך אין די רייד ווי חנוכה אַ דריידל.

וואָס הייסט: גיין? און וואָס הייסט: זיין געטריבן?
וויפיל מאָל האָסטו עס דיינע וועגן אויסגעקליבן
ווי געוואָלט אַליין און נישט געזוכט אַ תרופה
צו דער נויט און מאַטערניש ביים ערגעץ און ביים צופאַל?

וואָס הייסט: גיין? אַרויפטאָן פליגלען אויף די מילן,
אַז ווען ס'נעמען הפקר'דיקע ווינטן שפּילן
זאָל עס נישט פאַרווירבלען דיך אין אַ בהלה,
נאָר די קערנער פון דיין ברויט צעמאָלן.

גאַנג איז הפקר איינגעשפּאַנטער אין דיין ווילן,
ווי דער ווינט ביי שיפן און ביי מילן.
און וואָס איז דיין ווילן? סודות'דיקער טייטל,
פונק אין דיר וואָס גליט צום נישט־דערקענטן שייטער.

סודות אין דיר, סודות אַרום דיר, און ביידע איינגעקייטלט
שלעפּן, טרייבן, ווירבלען איינס דאָס צווייטע.
וואָס זשע ביסטו אין געווירבל פון גורלות
פאַר אַ שופט: וועמען גאולה, וועמען גלות.

אפשר איז אַ רגע גרויל אין קינדער־בליקן
לענגער ווי די לענגסטע וואַנדערונג צו תיקון,
און אַ רגע מעסער־בלאַנק אין אויגן פון רוצח
צינדט אין דיר אַן אײביק ניט־פאַרלאָשענעם מזבח.

אפשר, אפשר . . . ס׳פלאַטערן די אפשר׳ס ווי די בלעטער
וואָס דער שטורעם אין זײַן גאַנג צעשמעטערט.
נישט אויף שיפן פירן, נישט אויף ברויט צו מאָלן
האָט זיך אָפּגעריסן פון די קייטן די בהלה.

זעגלען רײַסט זי פון די מאַסטן, פליגלען פון די מילן.
נישט געקומען זיך פאַרשפּאַנען אין מײַן ווילן,
נאָר פאַרוווירבלען מיך אין בלינדער זאַוועריכע
און פאַרפלאָנטערן מיט אַל די ווילדע רוחות.

זעגלט אויפן ים מײַן שיפל. כ׳פרעג נישט וויפל
טעג און יאָרן עס דאַרף זעגלען ביז אַ ברעג דאָס שיפל.
כ׳מאָן קיין ברעג נישט. נאָר דער וועג, אַ ווײַטער צי אַ נאָענטער,
זאָל זיך נישט פאַרפלאָנטערן אין ווילדן פלאָנטער.

.19

נאָר צו באַוואָרענען זיך קעגן דער בהלה׳ס פלאָנטערס
און וואָלקנס רייד, וואָס בלאָזן זיך ווי מעשים, האָט אַ מענטש
געדאַרפט אַליין אָוועק אין עפּעס. אפשר איז אַ יושר,
אַז נח זאָל אַמאָל אַ טאַטע ווערן צו די קינדער און אַ מאַן
צום ווײַב און זײַ די פרײַע שעה׳ן און מחשבות אָפּגעבן? . . .
ביז ווינטער האָט זיך אײַנגעשטעלט, איז פון דער שטוב
געוואָרן מער ווי אַ באַוואָרעניש.

נאָך אָנהויב זומער
האָט יאַנקל פון אַ חבר אויסגעפונען, אַז ער ליידיקט אָפּ
אַ פלאַץ: געדרייט אַ ראָד אין דרוקערײַ, איצט קומט ער אָן
פאַר אַ משרת אין אַ טוך־געשעפט. נישט פרעגנדיק בײַ קיינעם,
זיך אָנגעדונגען און געקומען זאָגן אינדערהיים,
אַז קירזשביץ פון דער דרוקערײַ וויל זען דעם טאַטן.
דער ווײַטיק פון דער ערב־פּסח׳דיקער שטריק האָט פריש
געבריט דעם זון די פּלייצע און דעם פאָטער די געהירן,
האָט נח אָן אַ וואָרט געגעבן זײַן הסכמה. איצט איז יאַנקל
געוואָרן אַ שטוביקער אַ גאַנצע וואָך. אין אָוונט נאָך דער אַרבעט
געשפּילט זיך מיטן קליינעם בעבל, דעם פיר־יאָריקן,

וואָס איז געוואָקסן שטאַרק און שטיפעריש ; שבתים
געניאַנטשעט זיך מיט שפרה׳ן, דער רויט־האָריקער,
בלאָ־אויגיקער, וואָס האָט צום יאָר געצומען פלאָפלען ;
געקוקט אין האָצעפלאָץ ווען ס׳פלעגן אָנקומען פון ברודער,
פון דער ישיבה די למדניש־לשון־קודש׳דיקע בריוו
און אומגעגאַנגען ערגעץ מיט חברים. וואָך נאָך וואָך.
ס׳האָט נח׳ן געדריקט די שטומקייט צווישן אים און זון,
ביז איינגעבראָכן זיך, און איינמאָל שבת נאָכן עסן
אַראָפּגענומען אַ תנ״ך און פון אַ זייט אַ זאָג געטאָן :
— אויב ס׳וואַרטן נישט אויף דיר חברים, וואָלטן מיר
אַריינגעקוקט . . . ביי יאַנקלען האָט פאַרהאַקט דער אָטעם :
און אַז עס וואַרטן יאָ חברים, וועט ער אָפּשטויסן
דעם טאַטנס האַנט וואָס בעט מחילה ? . . . מ׳איז געזעסן
אַ שעה און צוויי. ביי דוואָשען מיטן קליינוואַרג אַרום שויס
האָט פרייד געגעצט די אויגן, און עס האָט זיך איינגעשטעלט,
אַז אָוונטן אין מיטנוואָך און שבת נאָכן עסן זעצט זיך
דער טאַטע מיטן זון איבער אַ ספר — אַ תנ״ך צי אַן עין־יעקב —
און ס׳איז זיי יום־טוב׳דיק . . .

אַ פרייטיק ערב ליכט־בענטשן,
אין אלול שוין, פאַלט יאַנקל אַ פאַרסאָפּעטער אַריין
און וואַרפט אַרויס פון טייסטערל די שכירות : — מאַמע, צייל !
עס ציילט זיך אַן נישט צען, נאָר גאַנצע דרייצן גילדן.
פון וואַנען ? לאָזט זיך אויס : נאָך אין ציגעלניע
האָט ער זיך אויסגעלערנט רוסיש ריידן און די אַזבוקע,
דערנאָך ביי מאָטל איינבינדער, וואו אַלע קומען שבת,
אַריינגעקוקט אין ביכלעך. דרייענדיק די ראָד און פאָלגנדיק
אַ גאַנג, זיך צוגעקוקט ווי ס׳ווערן ווערטער אויסגעשטעלט
פון אותיות — גרויסע הילצערנע און קליינע בליַיענע.
איז יענע וואָך דער זעצער עפּעס קראַנק געוואָרן,
און דאָ דאַרף מען אָפּישן אויפשטעלן פאַרן טעאַטער,
האָט ער געזאָגט : ער וועט פּרובירן, און געמאַכט, און איצט
איז ער שוין אַן אַרויסהעלפער — אַט דרייצן גילדן ! . . .
אַז מ׳הייבט זיך מאָרגן אויף פון ספר, זאָגט דער פאָטער :
— כ׳פלעג אויך אַמאָל אַריינקומען צו מאָטל איינבינדער.
וואַרט אויף — כ׳וועל גיין מיט דיר . . . מע שפּאַנט צוזאַמען,
דער פאָטער פרעגט זיך נאָך, דער זון דערקלערט געניו
די חכמה פון צוזאַמענשטעלן שורות, בלעטער פון די אותיות.
דער איינבינדער באַגעגנט נח׳ן מיט גוטן פאַרוואָרף :
— מיר ווערן נישט פאַרפרעמדט. אַז נישט דער טאַטע, קומט
דער זון . . . די לייען־שטוב איז פול מיט יונגן עולם.

אברהמ׳ל מיט די בלאָנדע קרויזן שטעלט זיך אויף אַנטקעגן,
נאָר עליע ביי אַ צווייטן טיש זיצט אַ פאַרכמורעטער :
וואָס קען ער שוין פון נח׳ן דערוואַרטן ? . . . מאָטל בעט אַריין
דעם גאַסט צו זיך, דערציילט ווי ס׳גייט אין לייען־שטוב
דער סדר : איין טיש — לומדיש, רוסיש־לשון־קודש׳דיק,
דער צווייטער — באַלמעלאַכיש און זשאַרגאָניש. אַז דער שמועס
צעהיצט זיך : יידן, גוים, ארץ־ישראל — ווערט אַ ווילדע
פאַרגעסן די מחיצה צווישן ביידע טישן. מאָטל
קלייבט נחת פון זיין עולם . . . ס׳ווייב דערמאָנט זיך די מלחמה
אין שעכטהויז, שטעלט ווי דעמלט כיבוד. מע געזעגנט זיך
און נח זאָגט ביים טיר צום זון : — דו בלייבסט דאָך דאָ.

איצט, אַז דער טאַטע ווייס, מעג יאַנקל שוין אַהיימברענגען
אויך זיינע ביכלעך, און ווען ס׳ווערט אים עפּעס קשה
דערוועגט ער זיך און טראָגט עס צו צום פאָטער :
דאָ רעדט זיך טיפע זאַכן מיט משלים. איז אַ סך דערפון
פאַרשטייט ער און אַ סך איז אים נישט קלאָר. צי וואָלט
דער טאַטע נישט אַריינגעקוקט ? . . . אַ רגע פון געפּלעפטקייט,
און ער גיט נאָך, דער פאָטער : יאָ, ער וועט אַריינקוקן.

דער נאָמען אויפן שער־בלאַט איז : „די קליאַטשע". אַוונטן
שפּירט יאַנקל נאָך דעם פאָטער, און פון ברעמען־קנייטש,
פון שאָקלען זיך און מיש פון בלאַט דערקענט ער וואו עס האַלט :
מע יאָגט די בידנע קליאַטשע, ס׳אָרעם פאָלק ישראל,
פון ביסל פאַשע ; זי דערציילט איר ביטערע היסטאָריע ;
דער שפּיל־פויגל, דער סאָלאָווי, קלאָגט אויס דאָס ליד
פון יידיש נויט און עלנט . . . ס׳נעמט אויך דורך דעם פאָטער
ווי אים און די חברים זיינע, נאָר נישט אַלץ, זעט אויס,
געפעלט אים — עפּעס אַרט אים, עפּעס קרימט ער זיך . . .
און פרייטיק נאַכט זאָגט נח : — ביכלעך פון דעם סאָרט —
זיי קענען דיר טאָן גוטס און שאָדן אויך. וואָס האָסטו
פאַרשטאַנען פון דעם אַלעם ? . . . שטאָט צו ענטפערן
האָט יאַנקל אַ בקשה : — ער האָט צוגעזאָגט אברהמ׳לען,
ער זאָל דאָ אויך זיין ווען דער טאַטע וועט פאַרטייטשן !
אברהמ׳ל קומט נאָך טשאָלנט מאָרגן. מיינט עס —
מע וועט נישט לערנען היינט. פאַרפאַלן. זעצן זיך
די בחורים, און יאַנקל מישט אַ בלאַט און לערנט פשט :
— די פערד, די פּריצ׳ישע, וואָס קריכן פראַנק און פריי
אין תבואה־פעלדער, מיינט מען דאָך די גוים . . . דוואָשע
הערט צו אַ ווייל און רופט זיך אָפּ : — ס׳וואָלט זיין אַ יושר,
אַז איך זאָל אויך פאַרשטיין פון וואָס עס רעדט זיך דאָ . . .

זי איז גערעכט. דערקלערט איר נח, טייטשט דעם משל,
גיט צו פירושים אייגענע, נאָר אַז עס קומט אַ נייער ענין,
ווערט איינגעזען — ס'איז גלייכער מע זאָל פריער
ס'קאַפּיטל לייענען און נאָכדעם שמועסן. און ס'בלייבט אַזוי.

דעם צווייטן שבת קומען אומגעבעטן נאָך צוויי:
דער קלמן, וואָס האָט פריי געמאַכט פאַר יאַנקלען
די ראָד אין דרוקעריי, און איינער זעליק, אַ קאָמאַשנשטעפּער —
דער ערשטער — זיבעצן, דער צווייטער — אַכצן. און אברהמ'ל
איז שוין אַ צוואַנציקער. געפעלט עס נח'ן וואָס יאַנקל
זוכט אויף חברים עלטערע פון זיך, און ס'גייט דאָס לייענען
ביז טאָג פאַרשווימט אין פריען אָוונט, און ווען נישט
דאָס לשון, דאָס זשאַרגאָנישע, פון ספר'ל וואָלט דוואָשע זאָגן:
עס רוט אויף אַלעמען די שכינה. וואונדערט זיך נישט נח
ווען אויפן דריטן שבת שטעלן זיך אַריין נאָך דריי:
צוויי מיידלעך און אַ בחור. ס'ברענגט אברהמ'ל מיט
זיין כלה טילע, ס'דינסט־מיידל, און אירס אַ חבר'טאָרין, זלאָטע,
אַ נייטאָרין, און קלמן ברענגט דעם אַנדערן משרת פון געשעפט.
אין שטוב ווערט ענג. מע זעצט זיך אויס אויף בענקלעך
און אויף דער שלאָף־באַנק. דוואָשע מיטן קליינוואַרג — אויפן בעט.
דער שטיפער בעבל ציט די פּאָלעס ביי די בחורים.
די מיידלעך האַלטן שפרה'ן אין די שויסן. יאַנקל לייענט
ווי ס'זינגט דער סאָלאָווי און וואָס ישראל'יק, דער וואָס שרייבט
די מעשה בלומרשט, זעט — אַ וועלט מיט אומגליק, עלנט, רשעות.
עס רייסן זיך פון דוואָשען זיפצן. נח לאָזט די בחורים
אַליין דעם טייטש זאָגן — ניש'קשה — זיי פאַרשטייען.
ביז ער צעשאָקלט זיך אַליין: — וואָס איז דער זין פון ביכער?
זיי ווילן זיך דערגרונטעווען צום תוך פון זאַכן, אויפדעקן
אַן אמת פאַרן מענטש, אַ ציל, און ווייזן אים דעם וועג.
אַזוי אויך מעשה־ביכער. טוט עס דער מחבר? בלויז אויף העלפט.
אַ פאָלק מיט שלעפּער, בעטלער, שפל'ע, געיאָגטע
פון שונאים דרויסן און באַרייסער אינווייניק — איז דאָס אַלץ?
און וואו איז די מחשבה? וואו איז תורה, שבת, קדושה?
און אויב דו זעסט נישט מער ווי' נויט און חושך — זעסטו
די שאָלעכץ בלויז. מע דאַרף די שאָלעכץ אויך זען.
נאָר דאָס איז נישט דער אמת. ווי די טאָוולען פון אַ בוך
איז נישט דאָס בוך. און ס'זיינען ביכער דאָ מיט טאָוולען
צעריסענע, מיט בלעטער אָפּגעריבענע, פאַרגעלטע,
און דרוק פאַרמעקטן, נאָר דער תוך איז פריש און הייליק.
דעק אויף דעם תוך . . . מאַך קלאָר דאָס אָפּגעמעקטע,
און אויב דו ווילסט — באַניי, פיל אויס, פאַרטייטש —

וועט עס אַ זין האָבן. נאָר אַז דו קומסט בלויז אָנוויזן
ווי אַלט און אָפּגעריבן ס'איז דאָס בוך — וועט עמעצער
רחמנות האָבן און אַ צווייטער וועט אַ טראַכט טאָן: — בעסער
גיין זוכן עפּעס אַנדערש — — — רעדט און ברענגט משלים
פון שוין געלייענטן — — — און ווייטער לייענט מען.

אַ שבת נאָך אַ שבת. ס'קומען נייע צו און פאַלן אָפּ.
דער קערן בלייבט. דאָס נישט דערלייענטע ווערט דינער, דינער.
אָט נאָך אַ שבת און עס ענדיקט זיך. מע גייט אין גאַס —
די זיבן —— און מע ישוב'ט זיך מיט יאַנקלען: — מיינסט,
וועסט קענען פועל'ן ביים טאַטן נאָך אַ ביכל אָנהייבן?
ער וויס נישט, יאַנקל . . . אָט דער לעצטער בין־השמשות.
מע דאַרף זיך שוין געזעגענען. אַ טרויער קלעמט. ווער וועט
דעם מוט האָבן צו פרעגן? ס'טוט אברהמ'ל: — אויב ר' נח וויל,
איז דאָ אפשר אַן אַנדער ביכל. — יאָ, ס'איז דאָ.
איצט וועט מען מעשיות לייענען וואָס פירן יאָ צו עפּעס . . .
דער בין־השמשות ווערט צעלויכטן. זעליק דער קאָמאַשנשטעפּער
פון שמחה טוט אַ טופּ אברהמ'לען אויפן פּוס. אברהמ'ל
דערלאַנגט אים מיטן פויסט אין זייט. נאָר קלמן, דער משרת
פון טוך־געשעפט, האָט עפּעס וויכטיקערס אין זינען:
— די טעג — זאָגט ער — ווערן אַלץ קירצער און ביז מנחה
איז ווייניק צייט. צי קען מען נישט — אוודאי אויב ר' נח וויל —
דאָס מאַכן נאָך הבדלה? — נישט קיין קרומע זאַך.
און אויפן גאַס האָט קלמן נאָך עפּעס צו זאָגן: — וויפל איז
דער שיעור צו זיין חזירים? אַז מ'עט קומען נאָך הבדלה,
באַדאַרף מען מיטברענגען אַ פלעשל וויין און צובייסן. ס'איז דאָך
אַ סיום אויך . . . מע ברענגט . . . די מיידלעך העלפן גרייטן טיש,
מע זעצט זיך אויס אין ענגשאַפט און מע וואַרט. ס'איז העל
און יום־טוב'דיק. און נח אויך איז יום־טוב'דיק. ער האָט
אַליין אַ גאַנצע וואָך געלערנט פשט — אַלץ ברייטער, טיפער —
אין ר' נחמנ'ען און האַלט די מעשה פון בעל-תפילה אָפּן.
מע לייענט. עפּעס איז דעם עולם מאָדנע פון דער פרומער מעשה.
ער זעט עס, וואַרפט אַריין אַביסל פשט וועגן דעם זין
פון לאַנד וואו רייכע זיינען גאָטן און פון לאַנד, וואו ס'הערשט
די תאווה און די פויסט . . . ס'ווערט נענטער, היימישער . . .

און מאָטל איינבינדער קומט זען וואו ס'איז אַנטרונען
אַ העלפט פון טיש פון באַלמעלאַכישן און זיצט אַליין אַן אָוונט
ביי דער „מלוה־מלכה" און דערציילט דערנאָך חידושים
דעם טיש, דעם לומד'ישן. די רוסיש־לשון־קודש'דיקע חוזק'ן:
— דעם דרדקי־מלמד ציט צו זיינס . . . און עליע איז פאַרכמורעט:

אַוועק אויף פֿאַלשע דרכים נח . . . נאָר די מעשה וואַנדערט אום,
און איינמאָל צו אַ מלוה־מלכה שטעלן זיך אַריין צוויי געסט :
דער גראָער פּיניע סעגאל און מיט אים אין גימנאַזיסטישן שינעל
און היטל — גרישא מאַלקין. פּיניע שפּאַנט אַריין אַ בראָווער,
נאָר גרישא מעלדעט זיך ביים טיר : — גוטן אָוונט, רבי !
אים שווינדלט אין די אויגן פֿון דער ענגשאַפֿט, קוימען לעבן טיש
און פֿרעמדע פּנים׳ער, און פּיניע שטעלט אים צו בזיון אויס :
— ביי יידן זאָגט מען גוט־וואָך, שייגעץ ! . . . נאָר דער רבי
שטייט אויף אַנטקעגן אים אַן אויפֿגעהעלטער, שטעלט אים פּאָר.
מע מאַסטיעט איין די געסט און שמועס קניפּט זיך שווער.
די צוויי פּאָר נייע אויגן האַמעווען די ציגער,
נאָר זיי, די בייע, זיצן שטיל, פֿאַרגאַפֿטע, היימישן זיך איין
און ווערטער ווערן ווידער לויז. עס איז נאָך אַלץ די מעשה
פֿון אָפּגעריסענעם בעל־תּפֿילה. שוין געזען די וועלט
מיט אַלע אירע רשעות׳ן, פֿאַרפֿירענישן, תּאוות. ווער
וועט אויסלייזן ? . . . מיט אויערן פֿון די צוויי, די אויפֿגעקלערטע,
וואָס הערן נייגעריק, דערמאָנט זיך נח׳ן דער ביאַלער רבי.
אָט ווערט ער דאָך אַליין אַ רבי וואָס פֿאַרוואָסערט ווייַן
און טיילט אויס טראָפּנס פֿון פֿאַרוואָסערטן . . . נישט אמת, ניין.
ער וויל בלויז זיין אַ צינדער און מחשבות וועקן — זייערע,
נישט זיינע. לאָזט ער ריידן זיי — און אַלע ריידן, אַלע . . .

מע גייט אַרויס צוזאַמען. פּיניע איז געניטער אין דער קונץ
פֿון זיך צונויפֿריידן מיט פֿרעמדע, ווערט ער גלייך אַ חבֿר,
און גרישא וועט שוין אויך נישט אָפּטרעטן. ערשט דאָ
האָט ער חבֿרים זיך געפֿונען. קומען ביידע נאָך אַמאָל
און נח האָט אַרויסהעלפֿער : זיי צינדן זיך אַליין, די צוויי,
און העלפֿן אויך די אַנדערע צינדן. פּיניע פּרוּווט זיך איינמאָל :
— ס׳איז ענג דאָ, און ביי אים אַ שטוב אַ גרויסע, אַ געראַמע.
ווערט דוואָשע ברוגז : — וועט דעם נחת נישט אַרויסלאָזן.
און ס׳בלייבט ווי ס׳איז געווען.

## .20

מיינסט, דו וועסט עס בייקומען ?

ביי דער רעכטער האַנט פֿון אחשורוש׳ן
שטייט דער גלגול פֿון געהאַנגענעם און דיריגירט,
און פֿון אַלע הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות,
וואו אַ שווערדל, אַ קאָקאַרדע, אַ מונדיר,
רעוועט די קאַפּעליע :

פּליעט אויס דאָס לאַנד פון זייער זוימען,
שרפ׳עט אויס די שפורן זייערע פון לאַנד.
רעוועט די קאַפּעליע,
גייען קהל־פירער מיט אויסגעפּוצטע שטיוול
רחמים בעטן,
און דער גלגול פון געהאַנגענעם
דיריגירט: — נישטאָ פאַר אייך קיין רחמים.

נו, און דו?
דו וועסט מיט אַ חדר בחורים און מיידן
פּשט׳לען זיך איבער אַ משל וועגן פאָלק ישראל
און דו מיינסט — דו וועסט זיך אויסקויפן אַזוי׳
מיט אַ שפּרוך, אַ פּשט׳ל און אַ דרוש?

— דוואָשע, הערסט?
צייטן ווערן אַלץ סכנה׳דיקער.
איך פאַרדין און יאַנקל אויך.
ס׳איז אַ יושר אָפּשפּאָרן אַ גראָשן.

◈

ביימער־וואָרצלען אין די וועלדער פלעכטן איין די קברים
וואו די זין פון פוילן מיט די זין פון פאָלק ישראל,
ביידע גלייך דערוואָרגענע פון פעטליעס
פאַר מרידה, האָבן זיך פאַרברידערט.
היינט האָט פוילנ׳ס קרוינשטאָט, די פאַר׳גלות׳טע,
אָפּגעריכט דעם הייליקן געבוירנטאָג פון מרימ׳ס זון
מיט פאַרפּוצטע יאָלקע־ביימלעך
און מיט בראָזג פון שויבן יידישע
און מיט ווייכן שניי פון פעדערן פון קישנס יידישע.
ווערן קישנס גאַנץ געבליבענע געפּאַקט
צום אַנטלויפן, צום אַנטרינען — — —

נו, און דו?
דו וועסט מיט אַ חדר בחורים און מיידן
לערנען הויכן פּשט אין אָפּגעריסענעם בעל־תפילה,
און דו מיינסט — דו וועסט זיך אויסקויפן אַזוי
מיטן טייטש פון די געהויבענע כוונות?

ס׳קומט אַלץ נענטער, דוואָשע!
ווער קען וויסן ווען מע וועט אויך אונדז

הייסן זיך פאַרפּאַקן.
שפּאַרסטו כאַטש אַ גראָשן?

◈

בייזער די געוואָיען פון דער וואָלפישער קאַפּעליע
איבער אַלע הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות,
און די אימה ווי אַ שוואַרצער שמש אין די לאָדנס קלאַפּט:
— יידעלעך, שטייט אויף:
צו תעניתים, צו געיאָמער, צו געשריי!
רעוועט די קאַפּעליע,
און אין שולן, בתי־מדרשים, קלויזן
שלאָגן פאַסטער זיך על־חטא,
שלאָגן זיך על־חטא די בערדיקע און די געגאָלטע,
די באַרייסער און באַריסענע, די קהל־פירער און שלעפּער,
שלאָגן זיך על־חטא די ווייבער אין די ווייבער־שטיבלעך:
— סלח לנו, מחל לנו — — — —

נו, און דו?
דו וועסט מיט אַ חדר בחורים און מיידן
לערנען ווי עס בענקט אַ האַרץ פון איין עק וועלט
צו אַ קוואַל אין צווייטן, און דו מיינסט, — דו וועסט
פאַרלערנען
און פאַר׳דבק׳ן און פאַרזינגען דעם געיאָמער?

שטילער, דוואָשע!
נישט די ערשטע זיינען מיר
אונטער בייטש פון גזירות,
ס׳דאַרף בטחון זיין.

◈

גייע אימה, ערב־פסח׳דיקע.
וואו, אין וועלכער שטאָט דער פגר איצט?
ערגעץ נישט... זיי דאַרפן נישט קיין פגרים אונטערוואַרפן מער.
די קאַפּעליע רעוועט שוין אַלץ איינס צום טאַקט.
ערשטער סדר. צווייטער סדר. שטיל.
חול־המועד. שביעי. אחרון. שטיל.
ניין, נאָר דאָ ביי דיר איז שטיל געווען.
ערגעץ האָט דער שביעי מיטן אחרון זיך פאַרטרונקען
אין די גסיסה־ווייען פון געקוילעטע, צע׳נהרג׳טע,
אין געבראַזג, געפלאַקער און געקראַך . . .

און פון גאַנצע, האַלבע, שטיקלעך מתים
גליוערט אויס אַ וואָרעניש:
— ראַטעוועט זיך, ברידער!

נו, און דו?
מיינסט נאָך אַלץ — דו וועסט עס בייקומען?
מיט אַ חדר בחורים און מיידן זיצן, טייטשן
אַ קאַפּיטל איוב און אין טייטש פאַרקלעמען
און פאַרקלאָגן דעם פאַרקלעמטן ווי?

וויין נישט, דוואָשע!
האָסט געהערט די וואָרעניש.
אַז מע וועט דאָס פּעקל דאַרפן נעמען,
וועט מען נעמען, וועט מען גיין.

## 21.

— כ'וויל מיט אייך ריידן, ר' יחיאל.
איך וויל אייך פרעגן קשיות ווי אַ יינגל.
ווען המן ווערט דער מושל מיט דער האַק
און קהילות ווערן אויסגעריסן
און ס'טראָגט זיי אום ווי פּלעווע —
ווער לאָזט דעם זיגל־רינג פון אחשורוש'ן
אין המנ'ס האַנט?
— איר פרעגט דאָך טאַקע ווי אַ קינד.
— און אַז פאַלט די האַק אויף הונדערט,
און הונדערט טויזנט האָט זי אויסגעמיטן —
פאַר וועמען איז געמיינט די האַק?
— מיר שלאָגן אַלע זיך על־חטא.

— איז אפשר גאָר דער מיין פון דער השגחה
די האַק צו שיקן נישט בלויז ווי אַ שטראָף?
און די אַרויסגעהאַקטע — אפשר איז אויף זיי געפאַלן
די שליחות אונדז דעם וועג צו ווייזן, אונדז
וואָס אַלע זיינען מיר בבחינת לויפער?

— אויף דעם קען איך נישט ענטפערן.
איר זענט נאָך יונג, ר' נח, ברעכט איר זיך
מיט אייער שכל דורך נסתרות.
דאָס טאָר אַ ייד נישט.

— אַ ייד זיין הייסט נישט אַנציען אויף זיך
קיין בלינדקייט. ס'הייסט נישט צומאַכן די אויגן
ווען די השגחה צינדט דיר אָן אַ סנה אין מדבר.

— קען זיין — איר האָט די זכיה צו דערזען.
איך — נישט. פאַר מיינע בלינדע אויגן
אַנטפּלעקט זיך גאָרנישט. ווער בין איך,
אַז די השגחה זאָל מיר צייכנס ווייזן?
איך זע נישט . . . גאָרנישט . . . ניין . . .

— ווער איך צוריק די אַלטע קשיא פרעגן:
קען זיין השלמה אויפן וועג וואָס פירט
בין אָדם בלויז למקום? איז בכלל פאַראַן
אַזאַ מין וועג? ווי קען זיך איינער אויסטיילן?
דורך וועמען זעט ער דעם באַרג סיני?
ווער האָט אים אַנגעטיילט אמונה און מחשבה?
און אויב עס איז געפאַלן אויף אַ דור דער גזר
זיך אויסצורייסן פון דער איינגעזעסנקייט — ווי קען
דער איינער זאָגן: ס'מיינט נישט מיך?

— איר זענט געקומען שלאָגן מיך, ר' נח, שלאָגט!
מסתמא בין איך ווערט. אַנומלט בין איך אויך
אַרויס מיט דער פּאַטשיילקע. האָט מיר אויסגעוויזן —
איך נעם ביי די מנדבים צו די מצוה.
מע גיט עס מיר, נישט די נצרכים. האָב איך אויפגעהערט.
איך קען קיין עול נישט טראָגן. איך בין צוגעוואָקסן
צום שטענדער דאָ. איך האָב קיין זכיה נישט
מקיים זיין די מצוות וואָס בין אָדם לחברו.

— איר זענט מקיים. אייער שטענדער שטייט דאָך דאָ,
אין רשות־הרבים. איר זענט אַלעמענס.
אַז דער בית־מדרש וועט זיך אויפהייבן און נעמען גיין,
וועט איר דאָך מיטגיין. איך האָב וועגן זיך גערעדט.
פאַר זיך געזוכט אַ וועג צו אַלעמען.

— איז וואָס איר זעט, דער וועג מסתמא.
אַז נישט — וואָלט איר דאָך נישט געזען.

## .22

וויסן, אָנגעגליטער רייף, דעם מוח שטייפט אַרום:
דאָס איז גאַנג פון דור . . . אונטערן אָנגעגליטן רייף
איז אַלץ קלאָר: קענסט ווייב און קליינע קינדער

אויף נסיונות פונם מדבר'דיקן גאַנג נישט פירן.
דאַרפסט דער ערשטער גיין אַ היים פאַר זיי פאַרגרייטן.
דאָ דערוויל בלייבט יאַנקל, ברענגט די שכירות.
דירה איז באַצאָלט. ס'ליגן אַפּגעשפּאַרטע גראָשנס,
און אין נויט, חלילה, שטייט נאָך אַלץ די ניי־מאַשין.
און די טרערן דוואָשעס אויף די פּלאָגן און הריגות
זיינען פירזאָגער פאַר איר: זי וועט ווי אַלעמאָל
פרום און פּאַרכטיק אָננעמען דעם עול.

קומט דעריבער אויס — עס שרייט פון איר אַ דיבוק
ווען זי פּלאַצט אַרויס: — איך וועל נישט לאָזן!
כ'וועל נישט בלייבן דאָ אַליין! אַ שטאָט מיט יידן
זיצט און קיינער רירט זיך נישט. מיר זיינען אַלע
אין גאָט'ס הענט און וואָס וועט זיין מיט אַלע,
וועט אויך זיין מיט אונדז. איך וועל נישט לאָזן . . .
שרייט דער דיבוק — קול פון לייב פון אַלע
איינגעוואַקסענע אין זייער גאַס און טיש און קישן:
— ביסט פאַרקויפט צו לייב און ביז די האַק
וועט נישט קומען דיך אַרויסהאַקן, ביסטו געבונדן.
— דוואָשע, טייבעלע! דו ווייסט דאָך אַלץ, דו ווייסט דאָך . . .
נאָר דאָס לייב אין פּחד דיבוק'ט מיטן קול פון אַלע:
— וואָס וועט זיין מיט אַלע, וועט אויך זיין מיט אונדז.

שעה'ן רייד, בקשות, טענות. הויך־געוואַקסן
שטייט דער זון ביים זייט פון פאָטער, בעט זיך:
— זאָרג נישט, מאַמע! כ'וועל די שכירות ברענגען
ביז אַ גראָשן . . . אָבער זי מיט ביידע קינדער,
איינס ביים האַנט און איינס אין אָרעם, הערט נישט
גאַרנישט מער און חזר'ט ווערטער צוויי, שוין איינגעקלאַפּטע
ווי דער טיק־טאַק פון אַ זייגער: קוילעט מיך, נו, קוילעט! . . .
איבער וועמען אַ רוצח ווערן? איבער אַנגעגליטן רייף,
אָדער איבער לייב וואָס צאַפּלט? ווערט דאָס קול זיינס
שווער מיט קאַלטן בליי: — ס'איז דאָ אַ דין ביי יידן,
אַז אַ מאַן, וואָס קלייבט זיך אין מרחקים, לאָזט אַ תנאי־גט.
ווילסט, קענסטו עס קריגן . . . גלעזערדיקע אויגן
קריכן פון די לעכער, און ס'רייסט אויף אַ פּולווער־פאַס:
— איצטער קען איך דיך. ביסט אַלעמאָל געווען אַ רשע,
אַ רוצח . . . אַלעמאָל געהאַט אין זינען זיך נאָר,
דיינע ספרים . . . נישט קיין טאַטע, נישט קיין מאַן . . .
דאָס האָסטו די קינדער מיר געקוילעט, דו, דו . . .

טעג פון שטומעניש . . . ער וועט נישט וויכער ווערן . . .
יעדן אויפדערנאַכט אַ נייע תחינה: — טאַטע זיסער,

אפשר האָסטו הייגט זיין האַרץ באַקערט צו מיר . . .
נאָר ער ווערט נישט ווייכער . . . קומט דער „חדר" שבת.
צווישן אַלע אַ פאַרשעמטער — עליע דעם מורה־הוראה'ס:
— איז עס אמת וועגן אייך, ר' נח ? . . . איצט, מיט זיי דאָ,
הערט זי אַנדערש גאָר די רייד זייגע, די פּאָרכטיקע . . .
רופט זיך אָפּ אברהמ'ל: — איך וואָלט אויך געפאָרן,
ווען איך האָב מיט וואָס. איך דאַרף דאָך שוין צו ווינטער
איבערגעבן זיך די רוצחים אין די הענט . . . זאָגט טילע:
— כ'האָב אַ נדן אָנגעקליבן, וועלן מיר ביידע פאָרן.
רופט זיך קלמן אָפּ: — כ'וואָלט אויך געפאָרן,
ווען איך האָב מיט וואָס . . . זאָגט עליע אונטער:
— אפשר וועט די חברה העלפן . . . שפּרינגט אויף פּיניע:
— פאָרן וועלן אַלע. ווער עס וויל וועט קענען פאָרן.

קוקט מען ציטערדיק און מע פאַרשטייט נישט. זאָגט ער:
— כ'וועל מיין הויז פאַרקויפן צו מיין ברודערל.
ער וועט זיין צופרידן מיך אַרויסצו'פּטר'ן פון דאַנען.
וועלן אַלע האָבן אויף הוצאות . . . עפענען זיך מיילער,
רייסט מען אויף די אויגן אויפן נס און דוואָשע צאַפּלט:
— איצט איז שוין פאַרפאַלן . . . נסים פאַלן אויף מיין קאָפּ.
עליע וויינט מיט טרערן: — וועט מען פאָרן, פאָרן טאַקע.
גרישא קלעפּט זיך פלאַטערדיק צום רבי'ן און די בלייבער
טרייסטן דוואָשען: — מיר'ן ווייטער האַלטן די שבתים.
ביז ר' נח וועט אי"ה דאָס גוטע בריוול שיקן
וועלן מיר זיך האַלטן דאָ צוזאַמען . . . אָבער זי, פאַרגליווערט,
זעט דעם נס וואָס פאַלט איר אויפן קאָפּ און שווייגט.

♦

טעג — וואָלקנס אָנגעלאָדענע, נאָר דונער פּלאַצט נישט.
ר' חיים סעגאַל וויל אַ מציאה כאַפּן: אַז דאָס ברודערל
קומט אָנבאָטן דאָס הויז, טאָ זאָל ער לאָזן שניידן זיך
אַ פאַלע. דינגט מען זיך דורך מאַגידן ,דעם אַדוואָקאַט.
ער איילט זיך נישט, ר' חיים. אָבער פּיניען שרפ'עט
דער צוזאָג און דאָס וואַרטן אַלעמענס. נו, זאָל עס ברענען!
מע גלייכט זיך אויס. ער פאַלט אַריין צו נח'ן מיט שמחה
און בלעטערט ס'פּעקל אַסיגנאַציעס. דוואָשע זעט. זי זעט
דעם נס, דעם באַרג וואָס האָט זי צוגעקוועטשט. זי שווייגט.

איצט קען שוין נח נאָך דער שטונדע זאָגן ראָזען:
— איר וועט זיך מוזן אויפזוכן אַן אַנדער לערער.

איך פּאָר אַוועק. — וואוהין? — צעעפנט זי דאָס מויל.
— דאָס וועל איך זען אויף יענער זייט. און אגב —
זאָגט קופּערן — ער דאַרף נישט זיין געבונדן מיט די רייד
פון יענעם אָוונט. כ'ווייס נאָך נישט וואוהין איך פּאָר . . .
פון פּנים אירן, אויסגעשטרעקטן האַלדז און פינגער
ווי אָנגעצילט אויף עפּעס, פלאַטערט עס מיט ווערטער,
וואָס לאָזן זיך נישט אָנכאַפּן: — אַזוי . . . גאָר פּלוצלונג . . .
— ס'האָט זיך געקליבן לאַנג . . . מע וועט נאָך ריידן . . .
כ'וועל נאָך אַריינקומען. דעם פאָטער זען און ר' עזריאל'ן.
זי פירט אים ביז דער טיר און דאָרט אַ רגע שטייט מען,
אַ רגע בלויז אַזוי, אָן רייד . . . — דערווייל — אַ גוטן . . .

ביי אַנדערע — בלויז אָנזאָגן און איינמאָנען די חובות.
יאָ, רודניק . . . נאָך די אַלע יאָרן גלוסט זיך אים איצט ריידן.
אַוודאי, ס'מלכות איז נישט דאָס וואָס מ'האָט געמיינט.
און זיי, די חברה, די זאַריצקיס, זיינען אויך צעבראָכן.
עס ברענט די הויט אויף אַלעמען . . . נאָר — — — רודניק וויל
מיט עפּעס שלום מאַכן, קען נישט און בלייבט שטיין אַזוי
מיט האַלבן וואָרט פאַרשלונגען: — פאָרט איר טאַקע, הייסט עס . . .
און גרישאַ לאָזט אַראָפּ און הייבט צוריק די אויגן אויף,
אַראָפּ־אַרויף, ווי ער זאָל וועלן זאָט זיך אָנקוקן און שעמט זיך
און פּלאַצט אַרויס: — מער קומט נישט, רבי! כ'וועל אייך זען
ביים באַן . . . און נאָך איינער, דער זון. אַזוי דערוואַקסן
און שטייף ביי זיך. מע גייט אין גאַס: — דו ווייסט דאָך אַלץ.
איך האָב דיר נישט וואָס אָנצוזאָגן. — דאַרפסט נישט, טאַטע!
— מ'איז דאָך צופרידן דאָרט מיט דיר אין דרוקעריי?
— אָן עלטערן וואָלט מען געצאָלט צוויי מאָל אַזויפיל.
און ווידער: — טאַמער מיט דער מאַמען עפּעס צי די קינדער —
רוף וואָלישעווסקין. כ'וועל אַריינגיין זיך געזעגענען מיט אים
און בעטן אַכטונג געבן . . . — איז אַ גוטער מענטש — זאָגט יאַנקל.
— אַ גוטער . . . אַלץ איז אָפּגערעדט. ס'איז קלאָר.

און אָט שוין דער פרימאָרגן. אויפגעכאַפּט זיך מיטן האָן.
די קינדער פלאָנטערן זיך נישט דערשלאָפענע. אַ פּאַק,
אַ זעקל, נאָך אַ פּעקעלע — סוכאַרעס, קעז. דער שלאָף
ליגט אין געהירן, אין די קני. ס'איז נאָך צו פרי.
נו, וועט מען וואָרטן דאָרט, אויפן וואָקזאַל. גייט יאַנקל
אַ דראָשקע ברענגען. עפּעס נעמט אים אַזוי לאַנג . . .
דאָ אויפן ראָג, דאַכט זיך, שטייט אַלעמאָל אַ דראָשקע . . .
אָט איז ער מיטן בייטש. וואָס שלעפּט ער שוין די פּעק?
מע דאַרף זיך דאָך באַדינגען פריער . . . זיך באַדונגען.

די רעדער קלאַפּן, טרייסלען איבער שטיינער פון שאָסיי.
— דאָס פּעקעלע געבעקס איז דאָ? — ס'איז דאָ, ס'איז דאָ.
— וואו איז עס? — אָט ביים טאַטן . . . — האַלט צו בעבלען!
ער קען נישט איינזיצן. ער'ט נאָך אַרויספאַלן . . .
מער פעלט מיר נישט. — איך האַלט אים, מאַמע . . .

אַברהמ'ל וואַרט שוין. ער מיט טילען. און מיט זיי
דער טאַטע זיינער און די מאַמע און דאָס ברודערל.
פון ערגעץ, פון דער פרעמד, געקומען טילעס מאַמע אויך
און זוכט ביי דוואָשען יושר: — וואָלט מען כאַטש געשטעלט
אַ חופּה. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן — אָן אַ חופּה
זיך לאָזן אין דער פרעמד! . . . עס קלייבט זיך פון וואָקזאַל
אָן עולם. — מאַמע! — בעט זיך טילע . . . צווישן פּויערים,
סאָלדאַטן, יידן — אויגן נישטערן: וואו זיינען
די אייגענע? אַהאַ! אָט — פּיניע! אַלע זיינען דאָ?
זיי קומען אָן. מיט טאַטע־מאַמע — קלמן. עליען ברענגט
די מאַמע און דער ברודער וואָלף, דער ראש־ישיבה,
זי — אַ פּאַרווינטע, ער — אַ כעס'דיקער. עס דרייען זיך
אין עולם בחורים און מיידלעך פון טיש, דעם באַלמעלאָכישן,
אין לייען־שטוב, און נח'ס שבת־חדר — זעליק, זלאַטע.
נאָר נח'ס אויגן זוכן גרישאַן, זוכן — און נישטאָ אים.
און פּיניע שמייעט, דאָ און דאָרט. — דאָ זיינען מיר! —
צעשרייט ער זיך. צו וועמען? לעאָן קופער גאָר.
מיט אים עזריאל, ראָזע, מאַגיד. ראָזע זאָגט:
— דער טאַטע האָט געבעטן מוחל זיין. ער שיקט אייך עפּעס.
אין פינגער — אַ קאָנווערטל אַ פאַרקלעפּטס. — נישט נויטיק —
ווערט נח כמאָרעדיק. זי וויל נאָך זאָגן עפּעס, קלינגט
דער גלאָק, ווערט אַ בהלה, אַ געשטופּ מיט אַלע פּעק,
נאָר פּיניע שטייט שוין אין אַ פענצטער פון וואַגאָן און שרייט:
— איך האַלט די פּלעצער! יאָגט אייך נישט . . . שוין אַלע פּעק
אַריינגעטראָגן, אָבער פּיניע וואַכט נאָך אַלץ ביים פענצטער.
פון אויבן קען ער בעסער מיט די אויגן נישטערן אין עולם,
נאָר גרישאַ איז נישטאָ . . . געוויינען. נח קושט דאָס קליינוואַרג,
נאָר יאַנקלען בלויז אַ האַנט. ער איז אַ מאַנצביל, יאַנקל.
און דוואָשע כליפּעט. בעט זיך נח: — כ'בין נישט קיין רשע . . .
כ'וועל אַלץ געדענקען . . . קופּער פון אַ זייט קומט מיט אַ האַנט:
— מיר וועלן זיך נאָך טרעפן דאָרט. — איך ווייס נישט וואו —
האַלט נח זיך ביי זיינס. דער צווייטער גלאָק. ס'איז צייט.
און מיט אַמאָל — די אָרעמס ראָזעס אַרום דוואָשען,
נעמט צו ביי איר דאָס קינד און טוליעט זיך צו איר.
ער ווערט פאַרציטערט, נח. מיט אַ פוס שוין אויפן טרעפּל

די האַנט צו ראָזען שטרעקט ער: — רחל, זייט געזונט!
זי כאַפּט די האַנט אָן, און די קאַשטאַן־אויגן ווערן פול.
עס רירט די באַן. אַלץ האַסטיקער. דער עולם — מיט די הענט,
מיט טיכלעך פאָכעט. ראָזע שטייט ביי דוואָשעס זייט.

## 23.

פינף מאַנצבילן. אַ מיידל צווישן זיי.
אַזויפיל עולם קיין עין־הרע זיי באַגלייט.
אַזאַ געוויין. אַזאַ געפּעק.
וואָס קען דען זיין נאָך קלאָרער,
אַז ס׳קלייבט זיך אין אַ וויַיטן וועג
די חברה פאָרער?

זיך איינגעמאָסטיעט אויף די בענק. מע זיצט.
ביי טילען ליפּן צוקן.
זי טאָר נישט וויינען איצט
ווען אַלע מענער קוקן
און מעסער פון צעשיידונג שטאַרצט
פון יעדנס האַרץ.

צעהוידעט זיך, צעסקריפּעט זיך די באַן. מע פאָרט.
ס׳איז שטיל ווי צו כל־נדרי.
נאָר באַלד אין שמאָלן קאָרידאָר
ווערט אַ געדרענג פון יידן
און כוואַליע פרעמדס פאַרשווענקט
די שטומקייט צווישן בענק.

הענט שטעקן שלום: — אין אַ מזל׳דיקער שעה!
מ׳עט אַלע מוזן גיין במחילה
די פּיאַטעס ערגעץ קילן.
וואָס דען? מ׳עט בלייבן דאָ?
איז וואו? קיין ארץ־ישראל טאַקע,
צי גאָר אין די מרחקים?

מע זעצט זיך צו. מע שטייט. מע האַלט זיך אָן
ביי בענק, ביי ווענט, ביי וואָס מע קאָן:
— אַ וועלט מיט יידן גייט אַרום פאַרטשאַדעט
פון אַלע צרות, מעשיות, נסים.
נאָר אַז מע פאָרט שוין, מוז מען דאָך אַוודאי
דעם אמת פון די אַלע זאַכן וויסן.

דער גרויסער לאָרד יענער, דער אַליפאַנט,
וואָס מ'האָט פון טיר צו טיר
צו אים אויף אַ פּאַפּיר געקליבן חתימות —
צי טיילט ער טאַקע יידן לאַנד,
צי מאַכט מען פון אים גלאַט אַ צימעס,
נישט מיר, נישט דיר?

און וואו זיינען די אַנדערע? וואו איז
ר' משה מאָנטעפיאָרע?
וואָס שוויגט ער אין אַזאַ עת־צרה?
און וואָס מכוח די נדיבים פון פּאַריזש,
די גראַפן און באַראָנען
מיט זייערע מיליאָנען?

און יענער לאָרד . . . מע זאָגט — ער איז אַליין אַ ייד,
און ס'האָט דער טאַטע
אין וויג נאָך אָפּגע'שמד'ט אים,
נאָר אבות האָבן זיך פאַר אים געמיט
ער זאָל אַנטפּלעקן דעם סעקרעט
און אויסקויפן דעם טאַטנס חטא.

אַ ייד צי נישט אַ ייד. אויב מענטשן הייסן
צו אים בקשות אונטערשרייבן, ווייס מען,
מסתמא, אַז ער קען
און וועט האָבן אַ פּעולה
אויף די וואָס האַלטן אין די הענט
די שליסלען צו דער גאולה — — —

די רייד איבערן מוח קלאַפּן שנעל, געדיכט
ווי האָגל איבער שויבן.
עס ווילט זיך איינשרימפּן אין זיך,
די אויערן פאַרטויבן
און זאָל כל־נדרי ציטער
זיך גיסן איבער גלידער.

ניין, טאָרסט נישט. ס'האָט דער ווירבל־ווינט
דיך אָפּגעשיידט פון ווייב און קינד
נישט פון דיין רו און תיקון וועגן.
מען האָט דיך אויסגעקליבן
צו זיין דעם דור'ס שליח־ציבור —
טאָ ענטפער אויב זיי פרעגן.

זאָל עליע ענטפערן ! . . . אַמאָל ביים ברעג
האָט ער אַ נאַכט־וועכטער צענומען
מיט דאַרשטיק־פרומען פרעג :
—משיח — ווען ער קומען ?
איצט ווייס ער אַלע וועגן פון משיח׳ן.
זאָל עליע זיין איצט דער שליח.

רעדט עליע . . . דאַמפט מיט קנוילן רייד
פון אויסגעלייענטע מאמרים.
לייגט אויס אַ פלאַן, בויט אויס אַ באַן,
קויפט אויס ירושלים ביים סולטאַן — — —

— — — — — — — — —

און ערגעץ דוואָשע אַ צעקלאָגטע שטייט
ביי ראָזע אין די אָרעמס.

זי קומט אַהיים. עס שטאַרצט פון וואַנט אַ טשוואָק
וואו ס׳איז געהאַנגען נח׳ס ראָק,
און פונם פלאַץ, דעם הוילן,
אַ ווידערקול הילכט אָפּ
מיט איר, מיט דוואָשעס טראָפּ :
— נו, קוילעט מיך, נו, קוילעט.

יאָגט נאָך דער ווידערקול, דעריאָגט די באַן,
פלעכט זיך אַריין אין אייזערנעם געקייקל,
און ווי אַ גרויסער באַראַבאַן
מיט הונדערט קליינע פייקלעך
צעפויקן זיך די רעדער, האַרט און בולט :
— נו, קוילעט מיך, נו קוילעט . . .

דעם קאָפּ אין וואַנט אַריינגעשפּאַרט
און ס׳טרייסלט האָלציק־האַרט.
דורך שויב, דורך שטויביקער,
בלאָט זוניקער אין־סוף.
כ׳בין גרייט, בין גרייט אַ גלויביקער
אויף חסד און אויף שטראָף.

## 24.

אין נאַכטיקן וואַגאָן, אויף כוואַליעס טשאַד און דרימל,
צעוויגטע ווידער־קולות פון אמאָלן ווימלען,
נאָר וואַכער מוח וויל פון טונקעלע שטיקער נעכטן
אַ העלע זעאונג פון געגאַרטן מאָרגן פלעכטן.

אין נאָזלעכער אַ כוואַליע שווערע לייבישע גערוכן
טראָגט אָן אַ פרילינג־פעלד. עס ווילט זיך אים פאַרזוכן
דעם טעם פון אַקער, און אַ פויערטע מיט ברייטע היפטן
אים לערנט ווי דעם מעסער איינצוגראָבן טיפער.

קומט סיטש אַ כעס׳יקער:—מיט מיר איז דיר ניט אָנגעשטאַנען
אין פראַצע אויפן פעלד זיך איינצושפאַנען.
און איך בין גרייט געווען מיט הוילע ציין צו דריבלען שטיינער
אַבי אין גאָט מיט דיר זיך איינלעבן אינאיינעם.

נישט היידאַמאַק, וואָס וויל מיט דיר פאַרלעשן זיין רציחה,
נישט גוטע פויערטע — דיין הויז, דאָס אויפגעריכטע
וועט אויפבויען מיט דיר אַ בלוט אַ נענטערס,
דאָס בלוט וואָס פרעגט אין דיר, דאָס בלוט וואָס ענטפערט . . .

אַ מחנה ייִדן באָרוועסע אין אַקערס איינגעשפאַנטע.
עס ברוינען שטיקער מאָגער לייב פון צווישן טראַנטעס,
און האַרטע הויט פון דלאָניעס, פינגער יאָטערט
מיט אָפענע געשוויר און בלאָטערס.

צעטראָגט זיך אַ געזאַנג אַ דביקות׳דיקער: ברוך אתה —
פאַר הימל־בלאָ, פאַר וואָלקן־ווייס, פאַר פליגל־פלאָטער
און פאַרן לייב וואָס קען מיט בלאָטערס און געשווירן
זיך מיט דער ערד מזווג זיין אין הייליקער יצירה.

דאָס זינגט ר׳ נחמן דאָס געזאַנג פון אָפגעריסענעם בעל־תפילה,
וואָס האָט שוין אַלע תאוות פון דער ערד פאַרטיליקט,
און ס׳ענטפערט עדה באָרוועסע, איבערן פעלד צעשפרייטע:
— אין הייליק ברויט פאַר דיר זאָל אויפגיין אונזער ווייטיק.

קומט אָן דער זיידע, דער בעל־שם, אין פויערשן קאָלירטן גאַרטל.
ער זעט די פנים׳ער און לייבער אויסגעדאַרטע,
און שפאַנט צום אייניקל און גוטע אויגן חדוה פלייצן:
— דו ווייסט דאָך גאַרנישט ווי מע האַלט אַ לייצע . . .

ער נעמט די לייצעס איבער. ווערט איין טראָט ביים אייניקל
און זיידן
און גרינגער הייבט די פיס התלהבות׳דיקע עדה.
די הימלען זאָגן שירה, און די ערד אַ פייכטע, ווייכע
גייט אויף מיט רויכלעך פון יצירה־ריחות.

און מיט אַמאָל אַפּחד . . . פּונם שליאַך מיט העק און לאָמען
אַ מחנה שפּאַרט און פּאַרויס אויף אַ פערד רייט המן.
מע שטעלט זיך אָפּ, ער דרייט זיך אויס צום פעלד און דבר'ט:
— איצט דאַרפט איר זיך פאַר אונז ניט שרעקן, אדרבא!

מיר זיינען בלויז געקומען זען ווי אָרנטלעך און פלייסיק
איר פאָלגט די עצה אונדזערע. אַ קשיא אויף אַ מעשה.
אַזעלכע יידעלעך קענען דיר כלומרשט נאָכקריכן אַן אַקער־אייזן
און אין דער אמת'ן פאַרלייגן גאָר אַ ברייזל.

איצט זעען מיר — איר מיינט עס ערלעך. באַרוועס, נאַקעט...
ווערט דאָך די וועלט באמת פּטור פון אַ מכה.
נו, וועלן מיר צוריקגיין, נאָך עטלעכע יאַרמאַלקעס אַ קראַץ טאָן,
און ס'וועט אייך מיט די פרישע גרינגער אָנקומען די פּראַצע.

אַזוי פּאַוואָלינקע וועט איר מיט אונדזער גנאָד זיך מענטשלען,
און קינדער אייערע וועלן אַמאָל נאָך בענטשן
דעם גוטן המן, וואָס האָט זייערע טאַטעס אויסגעלערנט
אַ פאָלק מיט האַק און לאָם ווי אַלע פעלקער ווערן . . .

און ווי דער רשע דבר'ט, ווערט דער זיידע בלייכער, בלייכער.
ער טוט אַ שפּאַן, גיט מיט דער האַנט אַ צייכן,
און צווישן פעלד און שליאַך די' ערד נעמט פייער שפּריצן
און ס'צינדט זיך אָן אַ פלאַמיקע מחיצה.

און אין די פלאַמען איינגעוויקלט זאָגט ער:—זעסט דאָס פייער?
דאָס איז די גרענעץ פאַר דיין בלוטיקער חבריה.
ס'וועט קיינמאָל פון דער ערד דאָ אַזאַ ברויט ניט שפּראָצן
וואָס זאָל נישט ברענען אין דעם אינגעווייד פון רוצחים.

און ווער ס'וועט דאָ פאַרגעסן, אַז די ערד איז אים געליען,
וועט קראָפּעווע און דערנער אויפגיין פון זיין זריעה,
און ווער ס'וועט וועלן דאָ זיך גלייכן מיט דיינס גלייכן,
וועט פייער אויפעסן זיין הויז און שפּייכלער.

ערשט ווען אַ לייטזעליקער רעגן וועט פאַרשווענקען
דעם טראָט פון לעצטן מענטש, וואָס וועט דיך נאָך געדענקען,
וועט זיך קיין פלאַם נישט צינדן קעגן קיינעם מער דאָ,
ווייל מענטש וועט ברענגען הייליקייט פון אַלע ערדן — — —

מיט לעצטן וואָרט פאַרשווינדט די מחנה מיטן רשע,
און פלאַמיקע מחיצה ווערט אַליין פאַרלאָשן.

נאָר עדה בלייבט מיט אויגן צו דער ווייטקייט אויפגעריסן
און וואַרט אַ דורשטיקע אויף נייע נסים.

— — — — — — — — — — — —

אין נאַכטיקן וואַגאָן, אין אימפּעטיק־צעוויגטן אומרו
פון אַלע ווינקלען פון געהירן נסים קומען,
נאָר זיין איז וואָך און ווייס — דאָס לויכט אַן אויפגעלייזטער
געדיכטער קנויל פון פּיין — איצט אָפּצאַלער און טרייסטער.

און פּלוצלינג אַ געוויין. ווער איז עס? עליע כליפּעט.
— וואָס איז אייך, עליע? — גאָרנישט . . . בלויז אַ קליפּה,
אַ קליפּה אַ געדאַנק זיך איינגעגעסן, גריזשעט, בויערט —
ווי קום איך אַזאַ איינער וועלן זיין אַ פּויער?

— אַן איינפאַל... נאַרישקייטן... ערד און אַרבעט איז מחיה,
איר'ט ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש, אַ נייער.
איר וועט נאָך מיט די פויסטן ווי מיט האַמערס שטיינער האַקן
און ווי אַ סטרונגע פירן שטייף דעם אַקער.

— איר נאַרט מיך נישט? ס'איז אמת? — ווערט דער
אָטעם הייסער.
— אַוודאי אמת . . . יעדער דאָרף־קינד ווייס עס . . .
עס טוליעט זיך צום צוגעזאָגטן נס אַ קראַנקער בחור
און ס'שמייכלט דער בעל־שם: — אָבי בטחון.

## 25.

מ'האָט געגנב'עט די גרענעץ ביינאַכט דורך אַ וואַלד
און פאַרטאָג האָט אַ פורמאַן געבראַכט ביז צום טויער
פון אַ ציגעלנעם רויטן געמאַך און געהייסן אַרויסקריכן.
— וואָס איז דאָס? אַ פאַבריק? — ס'איז געווען אַמאָל. איצט
איז עס אייער אכסניא. דאָס האָט דער באַראָן פון פאַריזש
אָפּגעדונגען פאַר אייך און מע האַלט אייך ווי פּריצים . . .
מיט די פּעק אויף דער ערד און מיט שלאָף אין די אויגן
זיך אַרומגעקוקט. הייזער מיט אָפּגעקראַכענעם קאַלך.
ס'פאַרט אַ וואַסערפירער אַרויס מיט אַ פאַס. ס'גייט אַ ייד
אין אַ לאַנגן כאַלאַט מיט אַ קאַפּעלוש צו אַ פאַרטאַגיקן מנין —
דאָס איז בראַד. ערגעץ דאָ האָט געשפּאַנט דער בעל־שם
ווען געקומען אין פויערשן פעלצל צום דיין ר' גרשון
אויפצומאָנען זיין ווייב. ערגעץ דאָ האָט אַ מאַמע געפירט

דאָס עלוי׳ישע ייִנגעלע נחמן — דעם „מורה נבוכי הזמן״ —
אין אַ חדר אַריין; מענדל סאַטאַנאָווער האָט דאָ געקנעלט
מיט משכילים די תורה פון קענען דאָס פשוט׳ע פאָלק,
און זיין תלמיד דערנאָך, יעקב שמואל ביק, איז אַוועק
פון משכיל׳ישער גאוה צום חסידישן שטיבל צוריק.
דאָס איז בראָד . . . אָבער פיניע וואָס וויס נישט דערפון
גייט דערווייל די אַכסניא באַטראַכטן. אַ גרויסער באַראַק.
פאַרויס טישן. דאָ עסט מען. און ווייטער געלעגערס.
אויפן אויבערשטן שטאָק — דינע ווענטלעך פון קאַמערלעך.
הייסט עס — בחורים אונטן און אויבן משפחות. מע שלאָפט נאָך.
קומט ער, פיניע, דאָס מעלדן: — אַ היפּשע קאַזאַרמע! . . . נישטאָ
וואָס צו טאָן. מוז מען וואַרטן. איז שטייט מען אין דרויסן
און פאַרטאָגיקע קילקייט קריכט אום אין פאַרשלאָפענע גלידער.

ס׳ווערט באַלעבטער די גאַס. דער באַראַק וועקט זיך אויף.
מע דערזעט די געקומענע. קלייבט זיך אַ ראָד. מענטשן אייגענע —
פון וואָלין, פון פּאָדאָליע, אוקראַינע. מיט האַרביקע קמצ׳ן
און פאַר׳חיריק׳טע סגל׳ס. מיט בערד און אָן בערד.
— דאָ ביי אונדז איז פאַרנומען. אירט מוזן זיך זוכן לאָזשי
ערגעץ אַנדערש. די יידן דאָ גיבן אָפּ קאַמערן.
אפשר שפּעטער, מ׳עט אָפּשיקן ווייטער אַ פּאַרטיע,
וועט איר קריגן געלעגערס אויך דאָ. — וועלכע פּאַרטיע? וואוהין?
און ווער שיקט זיי? . . . צערעדן זיך זיבן פאַר איינעם:
— קיין אַמעריקע שיקט מען. עס זיצן דאָ מענטשן פון דער אַליאַנס,
פון דער גביר׳ישער חברה אין ווין און פּאַריזש, מע קלייבט אָפּ
און מע גיט אויף הוצאות. שוין עטלעכע באַנען אַוועקגעשיקט.
— און קיין ארץ ישראל?— פרעגט עליע.— מע שיקט קיין אַמעריקע.
— דאַרף מען גיין. — צינדט זיך עליע ווי ס׳וואָלטן די מענטשן
אים אין טאַטן געשאָלטן. — איר קענט דאָך אַריינגיין מיט אונדז
עפּעס אָנבייסן. טיי איז גענוג דאָ . . . מע שלעפּט די פּעק
און מע גייט. דער באַראַק איז צעמאַרגנט. מע דאַוונט, מע זינגט.
ביי די טישן מיט טיי אין צעפּאַרעטע קרוגן, מיט ברויט און זעמל —
אַ געשטופּ, אַ געמיש. מאַכט מען פּלאַץ פאַר די נייע.
אָנגעקאַרמעט און ווידער אַ ראָד אַרום זיי: — איר מוזט גיין
אין קאַנטאָר זיך פאַרשרייבן. — מיר דאַרפן נישט אייער קאַנטאָר —
בלאָזט זיך עליע. — ווער ס׳דאַרף נישט וועט גיין וואו ער דאַרף —
ענטפערט פיניע. דער עולם שטעלט אויערן אָן. זאָגט נח:
— אַז אַלע איינס קענען מיר נישט פאַרבלייבן דאָ.
וועט מען דאָרט שוין, אין שטאָט, זיך אַרומקוקן . . . פּעק
אויף די פּלייצעס צוריק, און אַ מחנה מיט פירער פאַרויס.

נח דאַרף נישט די פירער. עס קומט אין אַ רגע צוריק
דער אַמאָליקער גאַנג איבער שטעט און ער ווייס וואו ער גייט
אין דער פרעמד. אָבער מחנה גייט מיט און מיט יעדע פאַר טריט
שליסן נייע זיך אָן פון די גאַסן אַרום. ס'איז די שטאָט
מיט די פאָרער פאַרפלייצט, און קומט אָן דער פרימאָרגן
ציען אַלע, ווי יידן צום דאַווענען, צום מאַרק. אויפן מאַרק
אַ צעשפּרייטן מיט לייטישע מויערן, פענצטער מיט סחורות
און שטאָטישן עולם, האַלב־דייטש און האַלב־חסידיש, איז פול מיט זיי,
און מע דאַרף מיטן פינגער נישט אָנווייזן וואו די קאַנטאָר איז.
ווי אין שטעטל אַמאָל פאַרן טיר פון פּאָדראַטשיק די פויערים
וואָס געקומען נאָך אַרבעט, איז דאָ אויך אַ מחנה צעזעצט
אויפן גאַניק, אויף טרעפּ, אויפן שטיינערנעם טראָטואַר.
ס'קומען אָן די אדונים. מע רוקט זיך פונאַנדער, מע שטופּט
די געקומענע היינט זיך פאַרשרייבן. ניין, עליע איז מוחל.
— איז נישטאָ אַ קאַנטאָר אויך פאַר די וואָס קיין ארץ־ישראל ?
— ניין, נישטאָ. נאָר דער ייד פון דעם טוך־געשעפט דאָ קעגנאיבער,
ער דאַרף יאָ — זאָגט מען — וויסן. צו אים דאַרף מען גיין.

גייען נח מיט עליען. די אַנדערע וואַרטן אין דרויסן.
די משרתים באַטראַכטן די אורחים און פירן צום באַלעבאָס.
ביי אַ שרייב־טיש אַ זיידענער ייד אין אַ זיידענער יאַרמאָלקע
גיט אָפּ שלום, פרעגט אויס, לאָזט דערציילן זיך אַלץ
און נעמט ריידן אַליין. אויף דער זיידענער סטענגע פון קול
גלאַנצן אויף יעדע רגע ווי טייערע שטיינער צעפינקלטע נעמען:
מיניסטאָרן און גדולי ישראל און חסידי אומות העולם . . .
און ס'איז נאָנט די ישועה — זיי זיינען געקומען אין צייט.
ווייל די טעג ערשט האָט הער אליפאַנט ביי די פאָרער אין לעמבערג
דורך אַ חקירה ודרישה באַוויזן, אַז יידן פון רוסלאַנד
ווילן דווקא דאָס לאַנד פון די אָבות און ס'וועלן די הערן
פון דער אַליאַנס מער קיין ברירה נישט האָבן. נישט היינט —
וועט עס מאָרגן פּאַסירן. און ער מיטן זיידענעם קול
איז ביי זיך אין געשעפט יעדן טאָג און וועט גרייט זיין
אָנצוזאָגן די בשורה . . . האָט עליע די זיידענע רייד
ווי אַ מאמר אַ טייערן איבערגעזאָגט, אָבער פּיניע
האָט אַ פינטל געטאָן מיטן אויג: — ביז וואָס־ווען
דאַרף מען כאַפּן אַ דרימל. וואַרט אויס און כ'וועל גיין
פאַר אונדז קאַמערן זוכן . . . דער מאַרק האָט געווימלט
מיט די פאָרער און היימישע. איז מען געשטאַנען, געקוקט
און די פעקלעך געהיט. און אין אויגן האָט ליכטיקער טאָג
און געווימל פון אייגנס און פרעמדס מיטן שלאָף זיך געראַנגלט.

## .26

פּיניע האָט אַ דירה אויפגעזוכט : די מאַנצבילן צוזאַמען
אין אַ שטוב, און טילען האָט דער באַלעבאָסטעס טאָכטער
אין איר בעט אַריינגענומען. און אַ ווינקל קוימען,
טעפּ און טעלער גיט די באַלעבאָסטע. קאָרמעט טילע
אירע מאַנצבילן און פירט אַ ווירטשאַפט.
אינדערפרי, אַ קוישל אויפן אָרעם, לאָזט זי זיך אין מאַרק.
נישט אַליין. דער באַלעבאָס איז פּיניע. יעדער איינער
גיט צושטייער, אָבער מער פון אַלע פּיניע.
גייט ער מיט. אין גאַנג ווערט אויסגעפּלאָנט די וועטשערע.
קוקן קרעמערקעס : ביי אים אַ ווייסער קאָפּ און זי —
בלוט און מילך און קוועלנדיקע אויגן. פרעגט מען :
— אייער טאַטע ? אייער מאַן ? — נאָר טילע שמייכלט :
— ניין, אַ חבר . . . גיי פאַרשטיי זיך אויף די רוסישע !

אָנגעפּילט דאָס קוישל, נעמט עס פּיניע איבער.
אויף וואָס דען איז ער אַ קאַוואַלער ? אין שטוב דערפאַר
ווערן אַלע קאַוואַלערן : אַרבעס איבערקלייבן,
אָנשיילן קאַרטאָפל, אָנטראָגן פון ברונעם וואַסער.
זיצט אברהמ'ל אויף אַ בענקעלע צופוסנס טילען,
קלמן גליטשט זיך מיטן מעסער אַ פאַרטראַכטער
איבער די קאַרטאָפל-פעלצלעך, נאָר די שווערסטע אַרבעט
זוכט זיך עליע. בעט זיך ממש. ס'וואַרט אויף אים
פראַצע פויערשע, נישט-צוגעוואוינטע, דאַרף ער
איינברעכן די שוואַכע אָרעמס. דזשוויגעט עליע
עמערס וואַסער, שייטלעך האָלץ און סאָפּעט ביטער
און ער טאָפּט דערנאָך די אָרעמס.

צוגעשטעלט די טעפּלעך, טרייבט די מענער טילע :
— גייט אין גאַס אַריין ! . . . מע שלעפּט זיך אום אַ טאָג.
אויפגעכאַפּט שוין אַלע נייס אַרום קאַנטאָר,
אָנגעטראָפן נאָך אַ פרישע מחנה פון דער גרענעץ,
אויסגעקוקט די שטאָט צום פינפטן מאָל,
שלעפּט מען זיך אַהיים אויף וועטשערע. דער טיש איז גרייט.
טילע זיצט ביים טיש אין פאַרטעך.
ערשט מיט אָוונט טוט זי אָן דאָס היטעלע,
נעמט דעם חתן אויף שפּאַציר אַרויס.

און אַ גוטער מלאך האָט געפירט דעם שכל אירן,
אַז זי זאָל נישט לאָזן אים אַליין אין וועג.

וואו מע שטעלט אַ טראַט אין טונקל — אויגן, אויגן
ווי די פייער־פליגן אויף אַ לאָנקע. כמאַרעס גאַנצע
אַנגעיאָגטע בחורים, און טילע שפּירט
זייערע אויגן — הונגעריקע, וועלפּישע.
און די מיידלעך דאָ, די שטאָטישע, די פרעמדע,
מיט די בחורים אין נאַכט — ווער זיינען זיי? ס'איז גוט
וואָס זי קען זיך צוטוליען צו איר אברהמ'לען,
וואָס אברהמ'ל קען זיך צוטוליען צו איר דאָ.
לייגט זיך טילע שלאָפן מיט דער באַלעבאָסטעס טאָכטער
און פאַרטרויט איר סודות מיידלשע אין פינצטער.

## 27.

הינטן — אַ פאַרשפּאַרטע גרענעץ,
פאָרויס — אַ געגאַרטע פרעמד,
און דער בריק צום גליק — אַ פּענעץ
ברויט פון וואוילטעטיקע הענט.
פחד נאָך נישט אויסגעלאָדן,
רו נאָך הינטער בלינדער ווייט —
באַמבלען טעג זיך אויף אַ פאָדעם
פון אַ לויזער צווישנצייט.

מ'עט קיין לעקעכלעך נישט טיילן
פון אַ מאַמעס פאַרטעך דאָרט.
ערד איז גאָט'ס און פּראָצע הייליק —
איז אַ האַרב און בייטשיק וואָרט.
ביז דאָס וואָרט האָט אָנגעמאָסטן
אויף דיין רוקן זיין באַדייט —
ביסטו פריי און נעם וואָס לאָזט זיך
פון דער לויזער צווישנצייט.

אונטער שאָטנדיקע ביימער,
אונטער שטערנדיקן בלענד
פליִצן הייסע כוואַליעס אימה
דורך צענויפגעדריקטע הענט.
שרעק זיך נישט. געננוג פאַראַנען
יאָכן דאָרטן וואו איך גיי.
וועסטו זיך מיט מיר פאַרשפּאַנען,
וועט עס זיין אַ יאָך פאַר צוויי.

איין קאַפּעליע — דריי קלעזמאָרים,
און איין חופּה — שטאַנגען פיר.

גייען אונטער חופה פּאָרן —
איינס און צוויי און דריי און פיר.
כלות פיר אונטער איין חופה,
שמחות פיר — איין קאַראַהאָד.
ווער ס'טוט מיטן פוס אַ טופּע
ווערט אַריינגעדרייט אין ראָד.

טאַנצט דער פּחד הינטער גרענעץ
מיטן מערדערס לאָם און האַק,
טאַנצט אין האַנט דער צדקה־פּענעץ
און אויף קאַרק — דער וואַנדער־פּאַק.
טאַנצט די באַן אויף בלאַנקע שינעס
און די שיף אויף ווייסן שוים.
און אין זוניקע מדינות
טאַנצן שלאַך און גראָז און בוים.

## 28.

לאָרענס אָליפאַנט, דער ענגלענדער וואָס האָט געגלויבט,
אַז יידישע מאַגנאַטן דאַרפן אויך ווי ער דערזען אַ צייכן
אין דראַנג פון זייערע פּאָגראָמירטע ברידער צו באַאַקערן
דאָס לאַנד פון אָבות — אָליפאַנט האָט ווי אַ ייד אַ שתדלן
ביי יידישע נדיבים אָפּגעשלאָגן שוועלן, און אין בראָד
און לעמבערג האָבן אָנגעלאָפענע געוואַרט אויף דער ישועה
פון זיין שתדלנות. נאָכן אָנקומען האָט נח אָפּגעציילט
דריי טעג און איז אַוועק צום זיידנעם ייד אין טוך־געשעפט
נאָך נייעס. נישט געווען. האָט ער צום צווייטן מאָל געוואַרט
שוין פיר טעג און צום דריטן מאָל אַ גאַנצע וואָך:
די אַליאַנס, משמעות, בייגט זיך נישט. דערווייל האָט זי, די אַליאַנס,
פון דאַנען אויסגעריכט אַ נייע פּאַרטיע — ווידער קיין אַמעריקע.
די טעג פון וואַרטן און אַרומבלאָנקען האָבן געבריט
אונטער דער הויט. דאָרט — היים אַליין. דאָ — פּיניע קאָרמעט.

און אָנהויב דריטע וואָך האָט נח נאָך דער וועטשערע געזאָגט:
— ווען מ'איז אַרויסגעפאָרן, האָבן פּיניע בלויז און עליע
געוואוסט וואוהין זיי ציען — דער אַהין און דער אַהער.
איך בלייב מיט עליען. פּאָר אברהמ'לען אָבער און פּאָר טילען
און קלמנ'ען איז נישט קיין תכלית דאָ צו וואַרטן לענגער.
זיי דאַרפן זיך פאַרשרייבן אויף אַמעריקע. — פאַרוואָס נישט איר? —
האָט זיך אברהמ'ל אָנגעכאַפּט: — אויב דאָרט איז גרינגער . . .
— נישט אַלע קענען גיין וואו גרינגער. און ס'וועט דאָרטן אויך

קיין מן אין מויל נישט פֿאַלן. טראַכט זיך איבער.
צומאָרגנס אויפֿן גאַס האָט פּיניע הינטער זיך דערהערט
זיין נאָמען און אַ היימיש קול, זיך אומגעקוקט און אַ געפּלעפּטער:
— גרישאַ! — דאָס בין איך. איך זוך אייך שוין פֿון נעכטן.
אין קאַפּעלוש און רעקל האָט ער אויסגעזען אַביסל העכער
און מאַנצבילשער: — דעם אַטעסטאַט אַרויסגעקראָגן — ניט פֿאַר זיך
— פֿאַר מיינע — און אָט בין איך דאָ. — מיט זייער וויסן?
— ניין, פֿון דאָ געשריבן. וואו איז מאַרקאָן און די אַנדערע?
מ'האָט זיך אַוועקגעלאָזט געפֿינען נח'ן און פּיניע אויפֿן וועג
האָט אויסדערציילט ווי שלעכט עס האַלט מיט פּאַלעסטינע.
— ס'איז גאָרנישט — האָט אים גרישאַ אָפּגעפּטר'ט . . . נח
האָט זיך דערפֿרייט און אָנגעכמוערט: — נישט געדאַרפֿט אַנטלויפֿן.
— כ'האָב נישט געהאַט קיין ברירה . . . שוין פֿאַרטראַכט
פֿון לאַנג. דעריבער נישט געקומען צום וואָקזאַל. געוואוסט —
איך וועל אייך אָניאָגן . . . דערציילט — איז שבת ערשט
געווען ביי דוואָשען. חברה קומט אַהין. זי קלאָגט זיך —
האָט קיין בריוו נישט. און וואָס זיי, די יידישע מאַגנאַטן
פֿון אַליאַנס, ווילן קיין האַנט נישט צולייגן, איז גאָרנישט.
עס גייט אַצינד אַ יונגע חברה — ביל"ו רופֿן זיי זיך —
זיי וועלן דורכברעכן אַ וועג . . . ער האָט געברויזט מיט רייד
און עליע האָט געשיינט און פּיניע האָט געקרימט די נאָז.

און פֿיר טעג שפּעטער איז געקומען מאַלקין — מיט די וואָנצעס
אין פּריצישן געשטעל — דעם זון פֿאַרנומען אין האָטעל צו זיך
און צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען פֿון גרישאַ'ן נישט געהערט.
נאָר אויפֿן דריטן טאָג האָבן זיך ביידע, זון און פֿאָטער,
אַריינגעשטעלט אין קאַמער צו דער חברה. אויף די פּנים'ער
בייביידן — מידקייט, נישט־דערשלאָפֿנקייט. דער פֿאָטער
האָט זיך מיט אַלעמען געגריסט, דערנאָך צו נח'ן:
צי וויל ער נישט מיט אים שפּאַצירן גיין? . . . די גאַס אָבער
האָט מאַלקינען די ווערטער צוגענומען, האָט ער ווידער
בקשה'דיק געזאָגט: — אין צימער אין האָטעל איז היימישער.
אַרויף אין צימער. מ'האָט סערווירט אַ טיש מיט קאַווע,
און מאַלקין האָט געדויכערט און געשמייכלט כלומרשט:
— איך בין געקומען ראַטעווען מיין זון פֿון אַ פֿאַרפֿירער,
און איצט בין איך אַליין פֿאַרפֿירט. ווען איך זאָל זען —
ס'איז אַ ממשות דאָ אין אַלע רייד וועגן קאָלאָניעס, ערד,
וואָלט איך געזאָגט: זאָל אויך מיין זון דעם רוקן ברעכן.
נאָר כ'זע נישט קיין ממשות. כ'קען די גבירים אונזערע.
איר מעגט דאָ וואַרטן יאָרן — נישט קיין פּרוטה אַ צעבראָכענע
וועט איר פֿון זיי אַרויסקריגן. זיי האָבן פֿאַר אייך מורא.

און ס'וועלן אייך נישט העלפן אויך די גוטע קריסטן —
דער אָליפאַנט און זיינע. פּאָליטיק איז ניט קיין צדקה.
ס'איז מסחר, שווינדל, גזלה. וואָס האָט איר דעם טערק צו געבן ?...
ער האָט געלאָזט אים ריידן, נח . . . ס'האָט די קאַווע
מיט קאַלטע פּעלצלעך זיך פאַרצויגן און דאָס אַש־טעצל
זיך אָנגעפּילט מיט פּאַפּיראָסן האַלב־דערדרויכערטע,
און ענדלעך אויך אַריינגעשטעלט : — און וואָס האָט אייך
דער זון געענטפערט ? . . . מאַלקין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ :
— דער זון איז יונג. ער טענה'ט — פּאָליטיק ווערט אויך
געמאַכט פון מענטשן. מאַכן איינע איין סאָרט, דאַרפן אַנדערע
אַן אַנדער סאָרט אַנטקעגנשטעלן. און ברענגט ראיות —
פון גאַריבאַלדי אין איטאַליע, פון די דייטשע סאָציאַליסטן,
די קאָמונאַרן אין פּאַריזש . . . — פאַרלאַנגט איר, הייסט עס,
פון מיר אַן אַנדער ענטפער ? — איר זענט עלטער און געלאַסענער.
מיט וועמען וועט ער גיין און קעגן וועמען פירן אַ מלחמה —
דער יידישער גאַריבאַלדי ? ס'איז דאָך קינדערשע פאַנטאַזיע ! . . .
ער האָט שוין מער דעם וויטיק נישט געקענט באַהערשן, מאַלקין,
און אויפגעשטאַנען, אָנגעכאַפּט דאָס ווענטל פון אַ שטול
און אויפגעשריען : — ס'מיינט דאָך פשוט — ברעכן זיך אין ווענט !
— איר זענט גערעכט — האָט נח שטיל געציילט די ווערטער —
נאָר זיין אַ ייד אין דער מיושב'דיקער וועלט איז אַ פאַנטאַזיע.
ס'איז אַלעמאָל געווען. נישט מער — דער זיידע אייערער
האָט די פאַנטאַזיע בלויז פאַר זיך געהאַלטן און אין נויט
געלאָזט זיך פאַר איר שעכטן, און דער זון וויל מיט איר אָפן
אַרויסגיין פאַר דער וועלט. איר האָט דאָך עס געוואָלט.
געוואָלט, ער זאָל זיין גלייך מיט אַנדערע. נו, האָט איר עס.

די טענות האָבן אויפגעהערט, נאָר אָפּפאָרן צוריק אַהיים
האָט מאַלקין נישט געהאַט קיין כוח : איז געווען פאַר'שכור'ט,
געפּלאָנטערט זיך צווישן דעם יונגן עולם און געשלעפּט
געקליבענע צו זיך אין צימער : נעכטיקע סטודענטן, קלויזניקעס
מיט ביבליאָטעקן אין די קעפּ און טאַטעס זין, וואָס האָבן זיך
ווי זיינער אָפּגעריסן . . . ס'האָט דעם גאוה'דיקן, שטרענגן באַלעבאָס
מיט געקראָכמאַליעטע גאַרדינען אויף די פענצטער, מער נישט
געאַרט דער רויך אין צימער, פּאַפּיראָסן-קערטלעך אויפן דיל
און די צעקנייטשטע בעט, און מוח וואָס איז יאָרן־לאַנג
געגאַנגען ווי אַ באַן אויף רעלסן בלויז צו איינס — געשעפט,
פאַרמעגן, אַנזען — האָט געפּלאָנטערט אין דעם ווילדן וואַלד
פון „קינדערשע פאַנטאַזיעס". ביז דער זון האָט זיך געכאַפּט :
ס'איז נישט דער פאָטער מער. איז דאָס ביי אים אפשר
אַ פּלאַן אַזאַ — אַליין צעבראָכן ווערן און דערמיט אויך ברעכן

זיין, גרישאָ'ס, ווילן . . . — פּאַפּאַ — האָט ער זיך געבעטן.
איר טאָרט נישט מער. די מאַמע און די קינדער דאָרט . . .
ס'געשעפט . . . איר מוזט אַהיים פאָרן . . . איצט האָט דאָס „איר"
אין מויל פון זון געשלאָגן מיטן גאַנצן באַנקראָטירטן אָנשטעל
פון הויז וואָס ער האָט כלומרשט איינגעפּעסטיקט: — הער מיך אויף
צו אירצן! כ'וועל אָוועקפאָרן. פאַרגין מיר אויך
אַ פּאָר טעג לעבן אין דער פריי, אָן דער ציגעלינע, בוכהאַלטעריע,
אָן פּודער און פּאַרפומען. מעגסט עס מיר פאַרגינען! . . .

אַ טאָג פאַרן אָוועקפאָרן איז ער געזעסן מיטן זון
און נח'ן: — ווען איך בין ייִנגער, וואָלט איך אויך געווען
אין אייער חברה — נישט מיט די וואָס פאָרן קיין אַמעריקע
קאָמונעס מאַכן. אויב משוגע — זאָל שוין זיין אינגאַנצן,
זאָל זיין ארץ־ישראל. אָבער כ'טויג נישט מער דערפאַר.
איך קען בלויז פונדערווייטן זיין מיט אייך אַ שותּף —
באַזאָרגן אייך מיט אַלץ ביז איר וועט קומען צו אַ תּכלית.
איך מיין — אייך ביידן . . . נח האָט דעם אָנבאָט נישט געטאָרט
פאַרשווייגן: — פאַרן זון אַ דאַנק. איך וועל זיך ווי עס איז
אָן עצה געבן. — בין איך ערגער ווי' די אַליאַנס? —
האָט מאַלקין זיך באַליידיקט. — אַליאַנס איז קהל.
— ס'איז בלויז אילוזיע. ס'געלט פון אַליאַנס קומט אויך
פון מענטשן. מער נישט — יענע זעט איר פאַר די' אויגן נישט.
— מיט די אילוזיעס לעבן מיר — האָט נח אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט.
מער האָט מען נישט גערעדט. דעם טאָג איז מאַלקין אומגעגאַנגען
און אָנגעקויפט מתנות פאַרן זונס געקליבענע חברים.

## 29.

סודות'דיקער פינגער אין צעיאָגטע כמאַרעס,
אויג הינטער די הימל־טיפן —
כ'זע די וואונדער דיינע.

מתנות אויף די גאַסן.
האָסט געהייסן רוצחים זיי אַרויסרייסן
פון די היימען — לויפן זיי,
האָסט געשיקט נדיבים זיי אַריינזעצן
אין באַנען און אין שיפן — פאָרן זיי,
טוען זיי דיין שליחות — מתנות, כוואַליעס, טייך.
און איך זע און הער

די וואָס ווילן אויפרייסן די כמאַרעס,
דיך דערזען און מיט אמונה,
אַז דו האָסט זיך זיי אַנטפּלעקט
זאָגן: איך! איך!

פּסוקים אַנגעהאָנגען אַן דער אומבאַנומענקייט
פון דיין סודות'דיקן ווילן,
זאָגן איינע:
— לאָמיר גיין אין יעקב'ס היים!
זאָגן אַנדערע:
— גאַרע וועלט איז אונדזער היים! — און זע:
לויפער ווערן גייער,
שפּענדל אויף צעשוימטע כוואַליעס
גלייכט זיך אויס און זאָגט: — איך שווים!
שפּענדל זאָגט: — איך וויל.
שפּענדל שטעלט זיך פּאַפּעראַק און זאָגט: — איך וויל נישט!

און איך זע דיך, אויג צעלויכטנס,
ווי דו שמייכלסט לייטזעליק
צו די טייטשער, צו די וויסער,
צו די וועלער און נישט־וועלער,
צו דעם ליים וואָס וויל אַליין זיין קנעטער ווערן,
כ'זע דיך ווי דו שמייכלסט:
זייט מיך מנצח, קינדער מיינע!

זייַ איך, הער איך.
צי איך וועל דערשלאָגן וואו איך דאַרף,
צי איך וועל דעם עול דערטראָגן —
דיינע וואונדער זיינען מיר דער שכר פון גאַנג,
צי איך וועל דערגיין צי ניין.

## .30

דריי בריוו. פון קאַרנפעלדן איינער און פון יאַנקלען צוויי.

אויף דינע בייגעלעך פּאַפּיר מיט מאָנאָגראַמען שרייבט עזריאל מיט קליינע אותיות'לעך געדיכט און לאַנג וועגן דעם רושם אין שטאָט פון מאַלקינס רייזע און צוריקקומען. איצט איז ער אַן אונדזעריקער, און מע ווייס, אַז דאָס איז נח'ס פּעולה. נישטאָ מער וואָס צו האָפן אויף דער אַליאַנס. הער אַליפאַנט איז שוין אין סטאַמבול. שיקט די חברה אויף הוצאות נח'ן

און דעם מורה־הוראה'ס זון. דאָ טומלט זיך אַביסל.
דער צורר איז אַראָפּ פון בענקל און ס'האָט אים פאַרביטן
אַן אַנדער שר, אַ ליבעראַלער כלומרשט. וועגן אָפּשאַפן
די גזירות הערט מען נישט, נאָר די הריגות אָפּשטעלן
האָט ער באַפוילן מיטן האַרבן וואָרט. קיין גרויס אמונה
אין די ישועות איז נישטאָ, נאָר די זאַריצקיס טאַנצן,
און אויך הערר קופּער איז צוריק אַוועק קיין פּעטערבורג
די נייע ווינטן אויפכאַפּן. אין שטוב — קיין נייעס. רחל קומט
צו נח'ס פרוי. קיין אַנדער לערער האָט זי נישט גענומען.
ער זיצט אַליין מיט איר אַמאָל אַ שעה. זי גריסט אים, רחל,
און אויך דער שווער.

פון יאַנקלס צוויי בריוו האָט ער איינעם — פאַר דער מאַמען —
געשריבן אינדערהיים, דעם צווייטן — אין זיין אייגענעם נאָמען
פון מאָטל אייגבינדער. זי האָט קיין טענות נישט — זאָגט דוואָשע —
צו דעם וואָס אייביק לעבט. וואָס טוען, נעבעך, אַנדערע עגונות
וואָס האָבן נישט אַזעלכע זין? די קליינע קינדער אָבער
פאַראומערן דאָס לעבן. בעבל מאָנט דעם טאַטן, און דאָס פּיצל
ווייס נעבעך גאָרנישט, נאָר זי וויינט כסדר. און דאָס האַרץ
איז דוואָשען שווער פאַר אים, פאַר נח'ן. וואָס איז דאָס
פאַר אַ פאַרעכץ אַז מע זיצט אַ חודש אויף אַן אָרט?
וואָהין, מישטיינס געזאָגט, קען מען אַזוי דערפאָרן?
זי שטעלט זיך פאָר וואָס פאַר אַ פּנים דאָרט ער האָט שוין
פון וואַלגערן זיך אין דער פרעמד. מסתמא דאַרף מען,
מסתמא ווייס ער בעסער. נאָר אַ בריוול אָנשרייבן אַהיים,
אַן אָפטער בריוול שרייבן מעג ער דאָך. דאָס מעג ער.

אין צווייטן בריוו, אין יאַנקלס אייגענעם, איז געשטאַנען:
איך וויל דיך נישט מצער זיין, טאַטע, ווייל איך ווייס,
אַז דיר איז אויך נישט גרינג, נאָר איך בין פאָרט
נישט קיין דערוואַקסענער און פאַר דער מאַמען אַליין אַ קינד
און כ'קען זיך נישט קיין עצה געבן. מיינע שכירות ברענג איך
און זיץ די אָוונטן אין שטוב, נאָר איינשטילן די מאַמע
איז נישט פאַר מיינע כוחות. וויינט זי און די קינדער אויך.
די שכנות טוען איר קיין גוטס נישט. ריידן נאַרישקייטן.
די איינציקע, וואָס שטילט זי איין, איז די פרוי קאָרנפעלד.
די גאַנצע צייט האָסטו געשריבן בלויז צוויי בריוו.
דו מוזסט מיר מוחל זיין, נאָר דאָס איז אויך נישט גוט.
מוזסט שרייבן אָפטער, יעדן דריטן טאָג כאָטש.
איך ווינטש דיר זאָלסט בשלום אָנקומען וואו דו פאַרלאַנגסט,
מיר זאָלן ווידער זיין צוזאַמען, און וואָס גיכער. ווייל אַזוי
איז גאָרנישט גוט און זיי מיר מוחל וואָס איך זאָג דיר.

## .31

פון צווישן דורכגייער אין גאַס האָט אָנגעטראָגן
אויף אים אַ יידן: בלאָנדע באָרד צעזילבערט,
אַרום די בלאָע אויגן צווייגלדיקע קנייטשן —
אַזוי אין זיינע פּופּציקער דאַרף אויסזען איצט
דער טאַטע דאָרט אין שניפּעשאָק. אַ רגע
זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט. דער ייד
מיט זיין קאַשקעט און שטעקן אין דער האַנט
איז דורכגעגאַנגען, נאָר דער טאַטע,
דעם שטעקן אויפגעהויבן, ווי זיך צו פאַרמעסטן
אויף אים, האָט זיך אין מיטן גאַס צעצאָרנט:
— אַהיים גיי, עזות'ניק! געלאָזט אויף הפקר ווייב
און קינד און יאָגט זיך דוחק זיין דעם קץ...
באשר וואָס? מען האָט צעשלאָגן אַ פּאָר יידן,
צעריסן אַ פּאָר פּערינעס — אַ קלייניקייט!
און אַז דו האָסט דערזען עפּעס מיט בלינדע אויגן,
און אַז דערקענט עפּעס — איז וואָס?
וואו איז דיין תניא? קוק אַריין! וואָס מער
אַ מענטש איז זוכה צו דערקענען — נידעריקער,
געפאַלענער זאָל ער זיך בייגן. ווי ס'ע שטייט:
פון וויט דערזע איך גאָט. און דו...
אָן אויסטייטשער געוואָרן, רייסט די סודות
פון דער השגחה... און אויף וועמענס חשבון?
אַהיים גיי, זאָג איך, עזות־פּנים דו!

ער איז אַראָפּ פון טראָטואַר, זיך צוגעשפּאַרט
צום נאָנטסטן הויז און צוגעדעקט די אויגן.
נאָר ס'זיינען אָנגעלאָפן נייגעריקע, מיטפילער,
האָט ער זיך אָפּגעריסן און אַוועק. דער טאַטע וואוינט
אין שניפּעשאָק מיט זין און טעכטער, ברידער
און שוועסטער, וואָס ר'האָט קיינמאָל נישט געזען.
שוין יאָרן ניט געווען פון אים קיין בריוול.
דערמאָנט ער זיך אין טאַטן בלויז ווען ס'קומט
אין האַנט זיין „תניא", דער פאַרגעלבטער.
און אויפן וועג אַצינד האָט ער דעם „תניא"
פאַרגעסן... איז ער דאָרט געבליבן אינדערהיים
מיט דוואָשען און די קינדער, הערט זיך אָן
דאָס קלאָגן זייערס און געקומען דאָ פאַר זיי
דעם צאָרן אויסלאָזן אויף אים... פאַרוואָס
דעם ספר ניט פאַרפּאַקט? ווער האָט

זיין האָנט געלענקט אַזוי, ער זאָל דעם טאַטן
פאַרגעסן, מיט אַ כיון איבערלאָזן אינדערהיים?

דער רייף פון אָנגעגליטן וויסן — ער האָט עס געטאָן.
געוואוסט, אַז עלנט, בענקעניש וועלן אים נאָכגיין
און מיט אַן אומ׳רחמנות׳דיקער טויבקייט אָנגעגליט.
ער דאַרף זיך ניט פאַרענטפערן — ער ווייס.
איז שפּאַנט ער מיטן וויסן. נאָר פון שנעלע טריט,
פון טאַטנס צאָרן, פון די יאָרן ווען ער האָט אַליין
זיין ערשטע טאַטישקייט באַנומען, שלאָגט צוריק
אַ קלאָרקייט וועגן גורל זיינעם, האַרב און שווער:

ווער ס׳קען פאַרגעסן ווייב און קינד
אויף בעטל־ברויט, אויף קעלט און נויט
און גיין מיט יעדן שליאַך און ווינט
אַהין וואו ס׳גרויט דער מאָרגנרויט
פון אויסלייזונג און חסד —
דו וועסט זיי נישט פאַרגעסן . . .

ער צאַמט דעם שנעלן טראָט — געמאָסטענער
צו שפּאַנען, נאָר אין דער געמאָסטנקייט איז אויך
געלאָף. דאָ ערגעץ אין אַ שטיבל, אין אַ קלויז
שטייט אויף אַ פּאָליצע דער „תניא” און מיט אים
דאַרף ער זיך אויס׳טענה׳ן. ס׳איז העלער טאָג.
און זאָל ביז נאָכט געדויערן דאָס זוכן,
וועט ער אַ נאָכט מיט אים פאַרבלייבן, ראַנגלען זיך
און בייקומען. פון חסידים־שטיבל צו בית־מדרש
דעם ספר זוכט ער, נישטערט אויף די פּאָליצעס —
נישטאָ . . . נאָר גיין צוריק אַזאַ צו וועטשערע
און צו חברים קען ער נישט. אין אַ בית־מדרש
אַרויסגענומען אַ גמרא און געזעצט זיך לערנען.
דאָרט נעכטיקט ער. דאָרט אינדערפרי ביים שמש
אַ טלית און תפילין בעט ער, זיצט דאָרט אָפּ
אַ טאָג, אַ נישט־געגעסענער. פאַרנאַכט,
ווען די חברים שפּרינגען אויף אַנטקעגן אים,
האָט ער זיי גאָרנישט צו דערציילן. ס׳פּנים
איז איינגעצויגן־פייערלעך און אין זיין קול
אַ שטאָליקע ענדגילטיקייט: — מע דאַרף זיך רירן!

דעם זעלבן אָוונט נאָך דערוועדט מען זיך.
זיי זיינען שוין פאַרשריבן אויף אַמעריקע —

אברהמ׳ל, טילע, קלמן — יונגע, האַרעפּאַשנע —
וועט נעמען נאָך אַ וואָך, מע וועט זיי אָפּשיקן.
פּאַר פּיניען אויך דאַרף זיין אַ שיעור צו פּטר׳ן
דאָס געלט — ער האָט ניט קיין ירושות מער.
און עליע, נח — ס׳וואַרטן אויף זיי די חברים גרישאַ׳ס,
מע טאָר נישט באַלאַמוטשען לענגער דאָ.
נאָר איינס וויל נח — ס׳פּאַרל צו דער חופּה פירן.
און מאָרגן קאָכט שוין טילע נישט קיין וועטשערע.
מיט איר די באַלעבאָסטע מיט דער טאָכטער.
און פּיניע איז מחותן. לויפט אַרום מיט גרישאַ׳ן,
שלעפּט וויינען, טאָרטן, צובייסן. פּאַרנאַכט
די חופּה ברענגט מען. קלעזמער קומען . . .
פון וואַנען האָבן זיך אַהער דערנומען
אַזוי פיל פרעמדע בחורים און מיידן? ווער
האָט זיי גערופן? ווי דער גאַנצער באַראַק
און אַלע גאַסן וואָלטן זיך אַ שפּאַר געטאָן אַהער . . .
מע טרינקט, מע טאַנצט פון שטוב אין הויף אַרויס,
און ס׳ווימלט מיט די פרעמדע, אָנגעלאָפענע,
ווי חתן־כלה אָנגעלאָפענע, ווי זיי אויך — אייגענע.
און אַז די חופּה ווערט אַוועקגעטראָגן און דער שלייער
צוריקגעוואָרפן פון דער כלה׳ס פּנים, רייסט זיך נאָנטס
און פרעמדס צום טאַנץ מיט איר. און נח זיצט
און איבער טיפן ברונעם פון זיין אומרו שוועבט
אַ שלייער חדווה. און מיט איינמאָל שפּאַרן זיך
דער חתן מיט דער כלה דורך צו אים און ס׳בעט
די כלה: — איר וועט מיט מיר טאַנצן, רבי! שמייכלט ער
צעטומלט, וויל נישט, נאָר אברהמ׳ל טענה׳ט:
— גאָט ווייס ווי לאַנג מיר וועלן זיך ניט זען שוין.
און מיר האָבן אייך ביידע ליב, ר׳ נח . . . טאַנצט ער
מיט אומגעלומפּערטע, צעפּלאָכטענע, צעהיצטע טריט,
ווי ער וואָלט טעפּ מיט מעד אין זיך אַריינגעגאָסן,
און ערשט ווען זי באַפרייט אים, גייט ער
און טרינקט אַ קעלישעקל, נאָך איינעם: — לחיים!
און נאָכדעם זעצט ער זיך צוריק אַ שכור׳ער,
נאָר ס׳איז נישט אמת — ס׳דאַכט זיך נאָר: ער זיצט,
ווייל אברים און די אָדערן און שלייפן טאַנצן:

ר׳ צבי הירש ב״ר חנניה,
ס׳איז אַ חתונה דאָ איצט,
טאַנצט אַ פריילעכע קאָמפּאַניע,
טאַנץ איך אויך מיט, כאָטש איך זיצ.
ר׳ צבי הירש ב״ר חנניה —

ס׳פּאַסט זיך נישט צו כעס׳ן דאָ.
כ׳וואָלט אַריינגעקוקט אין „תניא״ —
איז אַ חתונה דאָך דאָ.

פאַרן שטיקל לחמא עניא
און אַ שוץ פון שווערד און פלאַם,
ווי אַמאָל די גולי־שפּאַניע
שפּאַלט אַ דור אַ נייעם ים.
אויפן וועג אין אַן אַכסניה
אויפגעשפּילט אַ חתונה.
ר׳ צבי הירש ב״ר חנניה —
זייט אַ גאַסט אויף חתונה.

מאָרגן ברעכט זיך די קאָמפּאַניע —
דער אַהין און דער אַהער,
זוכן שווערע האַרעוואַניע
אויף אַן אַנדער ווייטער ערד.
כ׳וואָלט אַריינגעקוקט אין „תניא״,
אָבער אַז אַן עולם טאַנצט . . .
ר׳ צבי הירש ב״ר חנניה —
לאָזט מיך אָפּ אַצינד, איך טאַנץ . . .

## .32

ס׳האָט עמעצער נאָך געזאָלט זיין דאָ ביים האַפן, ביים שיף,
ס׳האָט עמעצער נאָך דאָ געדאַרפט באַשטייגן די שיף
און ער איז נישט געקומען. ווער איז ער, דער נישט־געקומענער?
נח ווייס נישט ווער איז ער. נאָר געזאָלט האָט ער זיין
אַזאַ איינער, אַן אַנדערער, וואָס זאָל זיך דערזען צווישן אַלע,
און דער איינער, וואָס האָט געזאָלט זיין אַזאַ אַנדערער, איז ניט געקומען.

געקומען איז יאָ אַ קאַפּעליע ציגיינער מיט זייערע ווייבער
מיט שוואַרצע צעפּלאָכטענע צעפּ און געבלימטע צעפּלאַטערטע
קליידער.
געקומען אַ סעמינאַר פון גלחים־סטודענטן וואָס פאָרן לכבוד זומער
עולה־רגל זיין קיין ירושלים צום קבר פון מרים׳ס זון.
געקומען אַ סוחר אַזאַ מיט דריי טעכטער ווי ליאַליעס פאַרפּוצטע
פאַר אַ טערק אין האַרעם; און געקומען אויך יידן — משפּחות
פאַריאָגטע
פון אַ דאָרף אין וואָלין און אַ דאָרף אין רומעניע און אַ שטאָט
אין פּאָדאָליע, מיט טעכטער און זין און מיט בייטלען פאַרנייטע

אין די בוזעמס — דאָס לעצט ביסל האָב זיך אַהין צו דערשלעפּן
וואו עס דאַרפן נדיבים זיי אויסטיילן נחלות און זריעה.

איז די שיף אָפּגעפאָרן פון ברעג און עס האָט זיך צעבלאַנקט
אַן אומענדלעכער וואַסער־סטעפּ, און אויף כוואַליעכלעך גרינע
האָבן ווייסינקע בלימלעך צעבלעזלט זיך שומיק, און שוים
האָט געלעכטער צעפלייצט . . . אָבער אונטער דער שפּיל פון שוים
און גרין
האָבן תהומ׳ען געווירבלט און קעסלגריבער געדרייט, און די שיף
ווי אַ פור אויף צעסקריפּעטע קראַנקע רעסאָרן, האָט קראַנק זיך
צעוויגט.
ס׳האָט צעטרייסלט געדערים, פאַרשווינדלט מיט איבל אין גאָרגל
און צעשוימטע לבנות אין אויגן — כאַטש קריך צום פאַרענטש
און שפּרינגג אינם ליגנערשן ווייסן געלעכטער פון שוים, און דער דעק
וואָס אַ רגע אַלץ מער ווערט אַ הקדש מיט בלייכע חולאים צעשפּרייטע.

טראָג צו דיינס אַ וואָרט, ר׳ יהודה הלוי, דאָס וואָרט וועגן האָרץ
וואָס אין מזרח! טראָג צו אַ מחשבה, ר׳ יוסף קאָרו, אַ שפּליטער
פון בענקשאַפט וואָס האָט דיך געפירט צו די שטעגן פון צפת! טראָג צו
כאָטש אַ פאַל פון אַ ניגון וואָס דו האָסט געזונגען דאָ אויף די כוואַליעס,
ר׳ נחמן! . . . עס ברענגט דער זכרון קיין וואָרט נישט, עס קומט נישט
קיין קלאַנג פון אַ ניגון, נאָר אַ ווינטל פון ים קלעפּט די פאַלדן
פון צעבלימלטן זייד צו ציגיינערטעס לייבער און פּאַכט מיט די טיכלעך
אויף זייערע קעפּ און צעפלאַכטענע צעפּ. און דורך ליכער אין וואָלקנס
פלייצט פאַרנאַכטיקע זון סנאָפּעס שטראַלן, ווי צעבערס מיט פלאַם
וואָלטן איבערגעפּלאָסן און פלאַקערדיק זיך געגאָסן אין ים אַריין.

האָט ער פאַלש די השגחה געטייטשט? איז דער רייף פון זיין ווייסן
בלויז אַ רייף אַ צעגליטער אויף אַ מוח וואָס פיבערט? ניין ס׳איז ניט.
זאָלן עדות זיין עליע און גרישא און גרישאָס חברים די נייע,
זאָלן עדות זיין עליע און גרישא און גרישאָס חברים די נייע,
אַז ער האָט די השגחה באַנומען. און אויב ס׳קומט נישט קיין נס,
און מע הייסט מיטן קאָפּ אין געמויערטע ווענט זיך ברעכן
און עס ווערן ווי בערג אָנגעלאָדן נסיונות — איז דאָס דאָך דער צייכן,
אַז עס איז ניט קיין בלינדער געלאָף — עס איז גאַנג, עס איז גאַנג.
און אויב ער איז נישט זוכה צו גיין אויף די גרויסע נסיונות,
און דער טאַטע וועט קומען צוריק מיטן שטעקן און טרייבן אַהיים —
איז עס זיינער דער גאַנג מיט דער וואָך, איז עס זיינער . . .

אַ צעגליטע לבנה איז אויפגעשוואומען אַנטקעגן דער שיף,
און האָט ממש געזען ווי עס רינט פון איר אויס דער שאַרלאַך

און פאַרשווימט אין אַ זילבער, אַ ווייס. פון דער ווייסקייט
איבער ים שפּרייט זיך אויס אַ צעצאַפּלטער בלייכער שליאַך
און פון טויטלעכער בלייכקייט יאָגט גליווער אין גלידער אַריין.
מיט די שמאַלינקע טרעפּלעך אַרונטער אין שיף זיך דערוואַרעמען,
נאָר די היץ פון די קעסלען און סקריפּ פון צעטרייסלטער מאַשינעריע
טרייבט צוריק, און אין גליווער פון ווינט, פון לבנה און ווייסן שליאַך
גייט אַריבער די נאַכט ביז לבנה שלאָגט אָן צום מערב.

מיט באַגינען צעגיסט זיך אַ לויטערער חסד. ס'ווערט שלווה'דיק־ווייך
דער גאַנג פון דער שיף איבער גנעדיקע וואַסערן,
און פון בלאָקייט אַרויס פאַר דערמינטערטע אויגן שוועבט אויף
אַ שטאָט — הייזער קריכן אַרויף אויף אַ באַרג, שויבן גליען
אין צעצונדענעם אויפגאַנג, און אַריבער צו רעכטס — דינע טורעמלעך
פון מינאַרעטן מיט שפּיציקע קעפּלעך־קופּאָלן, וואָס פינקלען.
גליטשט זיך שלווה'דיק־ווייך די שיף צווישן שיפלעך און ברעגן
מיט גערטנער און הייזער. דער גליווער פון נאַכט פלייצט אַרויס
דורך שפּיץ־פינגער, דורך אויגן — און ס'ציטערט דאָס לייב איצט
פון פרעמדס וואָס קומט אָן, פון פאַרבאָרגענעם גורל וואָס וואַרט
אויפן ברעג דאָ, פון וויסן וואָס דאַרף זיך אַנטפּלעקן.

ס'פליען שטריק צו די אייזערנע סלופּעס, פאַרפעסטיקט די שיף
און דאָס בריקל פאַרוואָרפן, און דאָ איז ער דאָ —
ווער ס'האָט קומען געדאַרפט — דער שליח, דער מכניס־אורח.
מיטן אויג דורכגענומען די פּאָרער, דערקענט זיי, די זייניקע,
און אַ שלום דערלאַנגט. יעדע שיף פון אָדעס און קאָנסטאַנצע
ברענגט זיי דאָ; יעדע שיף קומען זיי, די שליחים פון קאָמיטעט,
דאָ באַגעגענען — ווי זאָל ער זיי נישט דערקענען? — נעמט די פּעק,
לאָמיר גיין! דורך די גאַסן פון נאָר וואָס דערוועקטער שטאָט,
דורך אַ גאָס פון צעוואָרפענע ברייטע טרעפּ אַרויף צו די הייזער
וואָס האָבן פון ים מיט די שויבן געפינקלט, דורך מחנות הינט
וואָס גליטשען זיך צווישן די טריט — צו אַ נייער אַכסניה.

## 33.

זינט יענע וואָס זיינען פון שפּאַניע געלאָפן
ביז די רוסישע לעצטע נרדפים
האָבן דאָ ביי די וואַסערן פון באָספּאָר
דורך הונדערטער יאָר
זיך מדינות און דורות געטראָפן.

אין די פאָרשטעט ביים גאָלדענעם האָרן,
אין די הייזער און בתי־מדרשים

ווערט איצט נאָך גערעדט דאָס קאַסטילישע לשון.
ווי אַמאָל ביי די הערשער פון שפּאַניע,
זיינען יידן דאָקטוירים ביים לייטזעליקן סולטאַן
און זיינע פּילצאַליקע וויבער;
דעם חכם־באשי זיצט אין הויכן דיוואַן
און ס׳באַגלייט אים אַ לייב־וואַך
פון קאַוואַסן מיט נאַקעטע שווערדן,
און שפּאַניש־יידישע גראַנדן מיט בערד,
אַפּיצערן און אַדמיראַלן
און יועצים ביי מיניסטאָרן,
דאַוונען מנחה פאַרנאַכט אין די הויכע זאַלן
פון סולטאַנס מיניסטעריומס
און גייען אין אַן עת־צרה
בעטן חסדים פאַר אָרעמע ברידער.

אויף די פּריצישע גאַסן פון סטאַמבול,
טיר אין טיר מיטן יחוס פון שפּאַנישע גראַנדן,
זיצט דער יחוס פון יידישן האַנדל —
די געוועזענע עסטרייכער און מאַדיאַרן,
וואָס האָבן קיין סטאַמבול אַראָפּגעבראַכט
דעם שימער און פּראַכט
פון די שוי־פענצטער אויף די פּאַריזער בולוואַרן.

אַריבער דעם גאָלדענעם האָרן,
אין פּערא, וואו דער דייטש און פראַנצויז
באַלעבאַטעוועט ברייט ווי ביי זיך אין הויז,
אין די גאַסן און הייזער וואָס קריכן
באַרג אַרויף מיט די טרעפּ,
וואוינען לייטישע אשכנזים אין שכנות
מיט אַרמענער און סלאַוון און גריכן,
און מען אַרבעט און האַנדלט און קרעמערט
ווי אין היימישע שטעטלעך ביי דניעפּר און ניעמען,
און דאָקטוירים, דענטיסטן און אַדוואָקאַטן
פירן הויכן אינטעליגענטישן שטאַט
און ביי גלעזלעך טיי ווערט אויף אַלע לשונות
געשמועסט, געזונגען און דעקלאַמירט.

און צופוסנס דעם באַרג פון פּערא
האָט זיך אָפּפּאַל פון יידישן וואָגל באַזעצט.
פון די גאַסן און געסלעך פון דער גאלאטא
ציען פאַנגער־אַגענטן
איבער אַלע מדינות פון יידישן דלות

נאָך לייכט־גלויביקע כלות;
פון דאָרט ווערן יידישע טעכטער פּאַרנאַרטע
צעפּירט אויף די לייב־מערק פון דריי קאָנטינענטן;
בייגאַכט ווינקט דאָס רויט פון די לעמפּלעך
צו די גאַסן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל
און די שיפן פון אַפריקע, אַזיע, אייראָפּע
וואָס שטייען געאַנקערט
אין באָספּאָר און אין גאָלדענעם האָרן.
קומען פרעמדע משפחות צו פאָרן
ווערן טאַטעס און מאַמעס געוואָרנט:
— היט די טעכטער פאַר דער גאַלאַטא!
און ווען ס'ווערן חשבונות געפירט
וויפיל יידן ס'באַשיצט דער סולטאַן מיט זיין חסד,
ווערט די עדה „געשטראָפטע" אין טאָל פאַרגעסן —
זי געהערט נישט צום יידישן כלל.

ווי אַמאָל האָבן סטאַמבולער יידן
אויפגענומען די גולים פון אינקוויזיציע;
ווי דערנאָך האָבן זייערע אייניקלעך ווידער
זיך דערקענט צו די אשכנזישע ברידער
פון אונטערן שווערד פון כמעלניצקין —
איז סטאַמבול אַנטקעגנגעקומען אויך איצטער
די גולים פון קיעוו און באַלטע.
ס'האָבן קאַסטילישע לומדים מיט רוסישע אינטעליגענטן
צוזאַמען אסיפות געהאַלטן;
ס'האָבן ספרדים — פאַרפונדעוועטע באַנקירן,
און בייע ווינער און פעשטער עשירים
און אויפגעקומענע פוילישע גבירים
זיך מיט שיינע נדבות פאַרמאָסטן;
אַפילו קרעמער און באַלמעלאָכעס פראָסטע
האָבן זיך אויך געלאָזט קאָסטן —
און גולים ביי סטאַמבולער ברעגן
קריגן אַ ברודערשן קבלת־פּנים,
אַ מאַלצייט און אַ געלעגער,
און קרובים למלכות פירן אַרום די שתדלנים
צו געהויבענע לייט און באַוויזן זיי פּאַטריאָטיש־געטריי
ווי גוט עס וועט זיין פאַר טערקיי
ווען די יידן, וואָס ראַטעווען זיך פון סכנה,
וועלן בויען קאָלאָניעס אין הייליקן לאַנד.

קלאַפּן אָפּ די שתדלנים די הויכע שוועלן.
שוין באַלד זיך דערשלאָגן צום גרויס־וויזיר

און ס׳טאָגט די ישועה הינטער אַ טיר,
נאָר ווי די צעווירבלטע קעסל־גריבער
אין שוואַרצן ים אונטער גלאַנציקן שפּיגל,
ברויזט דיפּלאָמאַטישע שפּיל און אינטריגע,
און שפּינוועב פון האָפנונג, היינט אויסגעשפּונען,
ווערט מאָרגן ווי נעפּל אין ווינט צערונען,
און ווידער ביי נאָבעלע דיפּלאָמאַטן
שתדלנות געזוכט צו לייגן אַ לאַטע —
און שיפן מיט גולים קומען און קומען.
עס גראָבן זיך סטאַמבולער קהילות
אַלץ טיפער אין קהל׳שן זאַק
דעם הונגער פון בלייכע נרדפים צו שטילן;
עס ווערן צוריק אויף שיפן געפּאַקט
צעבראָכענע וואָגלער, וואָס ווילן שוין בעסער
דאָס היימישע ברויט אין טויט־שרעק עסן
ווי פּלאָנטערן זיך פּוסט־און־פּאַס
צווישן סטאַיעס הינט אויף סטאַמבולער גאַסן;
עס ווערן אַלץ ענגער צוזאַמענגעשטופּט
די בעטלעך און בענק אין אכסניות,
און שיטערער, לויזער די קהל׳שע זופּ —
און שיפן מיט גולים קומען.

וואָגלען אום טעג און נעכט אין הין־הער־פּלעט
די פאַרהונגערטע וואַרטער;
אַרום קהל־שטוב די מחנות געגנאַרטע
זיצן זומערדיק־ליכטיקע לאַנגע שעה׳ן
אין חושכ׳דיק־שטומער הכנעה
און מע וואַרט אויף הוצאות צוריק;
און די יונגוואַרג, די יורשים פון האַרטן געניק,
ווערט נישט מיד פון די טיי מיט סוכאַרעס,
פון די פאָדער־שטיבער און סעקרעטאַרן
ביי נדיבים און מעכטיקע האַרן.
נאָר ווען אויפן וועג צו דער סטאַמבולער בריק
דאַרף מען דורכשניידן די גאַלאַטאַ,
צינדט זיך אָן אין שפּיץ פינגער אַ ברענונג אַזאַ,
ווי דאָס בלוט אויף די היימישע שוועלן
און דער וואָגלערשער וויסטער עלנט
און די נאַכט אויף די פּנימ׳ער פון די געגנאַרטע
זאָל זיין די שטראָף
פאַר דער טומאה דאָ הינטער לאַדנס פאַרשפּאַרטע.
ווילט זיך שטיינער פון גאַס אין די שויבן וואַרפן,
אָדער אונטערצינדן אַ בראַנד און זאָל שרפ׳ען

דער יאוש, דער צאָרן, דער שמאַך.
נאָר עס וואַכן די וועכטער פון סולטאַן
און מע שפּאַנט מיט געפּענטעטן שפּאַן:
אויך דאָס איז פון גלות אַ קללה,
אויך פאַר דעם דאַרף מען צאָלן
ביז מע וועט זיך דערלייזן.

## 34.

אַבדול האַמידן טוט ווי דער קאָפּ.
ער וויל נישט הערן מער, אַבדול האַמיד.

וואָס גייט עס אָן די מיניסטאָרן, די פּאַשאָס ?
נישט זיי זיינען דעם נביא'ס יורשים,
נישט זייערס רייסט מען.
נעכטן — די וואַלאַכן און רומענער,
היינט — די באָלגאַרן אָפּגעריסן
און מאָרגן רייסט מצרים אָפּ
דעם לעצטן פּאָדעם פון געטריישאַפט —
זיי וועלן ווייטער פרעסן, אָנשטאָפּן זיך קופּערטן מיט גאָלד
פון גנבה און באַקשיש — די עצה־געבער זיינע . . .
נישט זיי זיינען דעם נביא'ס יורשים.
און אַז ער וועט פאַרשיקן איינעם
און הייסן אין אַ תפיסה ערגעץ וואו דערשטיקן —
איז וואָס ? די וועלן ווייטער גנב'ענען,
און יענע דאָרט, די ווידערשפּעניקע,
זיי וועלן ווייטער מאָנען קאָנסטיטוציעס, פּאַרלאַמענטן . . .
דער גרויסער סולימאַן האָט נישט געדאַרפט
קיין פּאַרלאַמענטן.
דעם נביא'ס חסד האָט זיך אָפּגעטאָן
און ס'גייט דער סוף . . . .

אַבדול האַמיד'ן טוט ווי דער קאָפּ.

מ'האָט אים באַזיגט.
וואָס איז ער מער ווי אַ געפאַנגענער
ביי זיך דאָ אין אילדיז־קיאסק ?
דער רוס, דער בער,
דער ענגלענדער, דער פוקס וואָס האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן
די פעל פון לייב,
און דער פראַנצויז, דער וואָלף,
צוזאַמען מיטן עסטרייכער און דייטש —
זיי דאַרפן גאָרנישט פאָרן קיין בערלין

קאַנגרעסן האַלטן און חלוקות מאַכן
צו רייסן פון אים לעבעדיקע שטיקער.
זיי קענען דאָך עס מאַכן דאָ ביי אים אונטער דער נאָז.
אַלץ איינס איז ער פאַרקויפט צו זיי,
פאַר'משכונ'ט ביזן לעצטן קנעפל . . .
און אויב ער איז נאָך אַלץ כאַליף —
איז ווייל זיי ציטערן פאַר זיך אַליין,
מע זאָל נישט איינס דאָס אַנדערע צעקוילעגען
זיך טיילנדיק מיט דער ירושה.
דעריבער האַלט מען אים — צו־להכעיס איינס דעם אַנדערן.

עס טוט אים ווי דער קאָפּ, אַבדול־האַמידן.

ס'איז אַ רחמנות אויף די יידן.
זיי זיינען קלוגע, וואוילגעלערנטע, געטרייע.
זיי האָבן פּולווער דאָ געבראַכט אַמאָל
און מסחר און דאָקטאָריע.
און אַז דער בער דאָרט טרייבט זיי, קוילעט זיי,
וואָלט זיין אַ יושר זיי אַריינצונעמען
דעם בער צו־להכעיס.
און אפשר איז אַ שכל אויך.
צו וואָס זאָלן זיי פאָרן קיין אַמעריקע?
דאָ וועלן זיי זיך בעסער אויסטויגן.
נאָר ס'האָט דער ענגלענדער, דער פוקס,
זיך דאָ אַריינגעמישט —
קאָנצעסיעס גיב אים אויף אַ באַן
און ער וועט שוין די יידן ביי דער באַן באַזעצן . . .
באַהערשט די גלויביקע אין אינדיע,
זיך איינגעפּעסטיקט ביים סועץ,
איצט שטייט ער מיט די שיפן ביי מצרים
און מאַכט שוין דאָרט אַ טאָלק,
איז לאָז אים נאָך אַריינשטעלן אַ פוס
אין סיריע, פּאַלעסטינע —
ער איז צו קלוג, דער פוקס.
דערווייל איז נאָך צו פרי צו טיילן זיך מיט דער ירושה.
דערווייל האָט ער נאָך אויגן אָפענע, אַבדול האַמיד,
און זעט ווער ס'וויל פון כלומרשטן רחמנות אויף געשלאָגענע
הינטער דער פּלייצע זיך פאַר'גנב'ענען.
דאָס פאָרטל וועט נישט גיין.
ס'איז אַ רחמנות אויף די יידן,
נאָר ס'רייסט דער ענגלענדער גענוג פון אים.
ער וויל נישט הערן מער.

ער וויל נישט הערן מער, אבדול האַמיד
עס טוט אים זייער ווי דער קאָפּ, אַבדול האַמידן.

.35

די פענצטער פון פערא פּאַלאַץ האָטעל
האָבן אַרויסגעקוקט אויפן באָספּאָר.
אָנגעלענט מיטביידע דלאָניעס הינטער זיך
אויפן שוועל פון פענצטער, איז לאָרענס אַליפּאַנט
געשטאַנען אין אַ ראַם פון בלאָער ווייטקייט
און צו די יונגעלייט אַרום, אויף שטולן אויסגעזעצט,
פון אַ געבויגענעם קאָפּ אַרויס גערעדט:

— ס'איז גוט וואָס איר זענט דאָ געקומען,
ווער איר זען: איך בין נישט קיין אויסלייזער
און אויך נישט קיין אָפּנאַרער.
אַ וואַנדערער איבער דער וועלט, אַ וויזיע־יעגער
און יושר־זוכער. דאָס איז מיין נאַרישקייט,
און מיין זינד: לייכטגלוביקייט.

בין נישט פון אייער בלוט, נאָר פון אייער גייסט.
פאַר מיר זענט איר די ברידער פון קריסטוסן.
די אומברענגער זיינען מיר געוואָרן,
מיר וואָס קרייציקן אייך באַלד צוויי טויזנט יאָר.
זיינען מיר אייך שולדיק פרידן און רו
אין אייער לאַנד, אין לאַנד פון די נביאים.
דאָס איז מיין גלויבן, און מיט דעם גלויבן
בין איך אַליין אַרויפגעוואַקסן ווי אַ צווייג אויף אייער שטאַם
און בין ווי איינער פון אייך געגאַנגען בעטלען
דעם יושר וואָס אייך קומט.

האָב איך ווי אַ סך גלויביקע ביז מיר געלערנט:
גלויבן און אמת און יושר
זיינען גאַנץ בלויז אין מחשבה.
צווישן מענטשן, זייערע אינטערעסן און חשבונות
ווערן זיי הפקר'ע, געשלאָגענע יתומים
ווי אייער פאָלק איז הפקר און געשלאָגן.
פאַרוואָס זאָלן יענע וואָס קענען וואָר מאַכן אונזער אמת
אים נישט דערזען? פאַרוואָס זאָלן אים נישט זען
אייערע אייגענע, מיט מאַכט באַשאַנקענע, ברידער?

ווייל די וואָס האָבן מאַכט, זעען דעם אמת פון מאַכט,
און דער אמת פון יושר, דער באָרוועסער יתום,
איז נישט קיין ליבער גאַסט אויף זייערע שוועלן.

איז וואָס טוט מען מיט אונזער אמת, דעם יתום?
מע טאָר זיך נישט אָפשיידן מיט אים פון דער וועלט
ווי אַ פאַרליבטער מיט אַ בילד פון אַ געשטאָרבענער כלה.
ניין, מע דאַרף גיין מיט אים צווישן מענטשן
ווי אייערע נביאים זיינען געגאַנגען.
גיין אָן מורא, גלויביק און פאַר'עקשנ'ט,
גיין דורך אַלע פלאַנטערס און נעצן פון מאַכט-אינטערעסן,
מעגן זיי זיין נעצן פון אייזן און שטאָל,
גיין און ברעכן זיך, גראָבן זיך, קריכן, אַדורכקריכן
ביז ער וועט געווינען, דער אמת.

ער וועט געווינען, דער אמת.
פירט מלחמה פאַר אים,
איר יונגע, גלויביקע, פאַר'עקשנ'טע!
איך? איך האָב צו לייכט געגלויבט
און צו נאַריש געבויט.
איך וועל זיין בלויז אַ לאַסט אויף אייך
אין אייער לאַנגן, לאַנגן און ביטערן קריג.
לאָזט מיך אָוועקגיין, יונגע ברידער מיינע.
באַפרייט זיך פון דורכגעפאַלענעם
און הייבט אָן אויפסניי מיט אייער אמונה.

◈

אין אָוונט האָט נח גערעדט צו די יונגע חברים:
—ס'איז גוט וואָס איר זענט זאַמד אין די אויגן
פון אַלע וואָס האָבן מאַכט.
ס'איז גוט וואָס דער מינדסטער אָנדייט אויף נס, אויף משיח,
האָט זיך אָפגעטאָן פון אייך.
ס'איז גוט וואָס איר וועט זיך דאַרפן ברעכן
דורך נעצן פון שטאָל און אייזן.
ס'איז גוט. דאָס איז גאַנג.

דער נס פון קונה עולמו בשעה אחת
איז געמיינט ווי אַ חסד פאַר די בלויז
וואָס דאַרפן דאָס לעצטע פונקל אמונה דערראַטעווען.
תיקון ווערט נישט געוואונען אין לאָטערייע

און דורות קענען נישט מאַכן קיין קפיצת הדרך.
וואָס מער איר וועט בייקומען אויפן האַרבן וועג,
אַלץ מער וועט איר היילקן זיך און דעם גאַנג
און די ערד וואו איר ווילט זיך אין קדושה פאַרפלאַנצן.

און איך, מיט נפשות אויף מיר אָנגעהאַנגען,
קען דעם גאַנג מיט אייך נישט דערגיין אָן קפיצת־הדרך.
פון לאַנגן גאַנג וועגן מוז איך זיך אומקערן דאָרט
וואו תיקון פון מענטש מאַכט הייליק יעדע ערד
און היימיש יעדע פרעמד.
דאָרט איז מיין היים.
גיי איך צוריק אַהיים.

### 36.

ס'האָט אַ מחנה יונגע האָפערדיקע גייער
זיך געלאָזט צום היכל פון דער מלכה־שבת —
איצט שלעפּט איינער זיך צוריק צו וואָך און תמיד
אין צעטראָטענע, צעקרימטע שקראַבעס.

ביי די פיס אַ זאַק. אין זאַק אַן איינגעקנוילטער
ווי אַ ברודיק העמד אַ גרויער טרויער.
נאָר פון טרייסל פון וואַגאָן און ראָד־געהאַמער
עפּעס ווייטס און אייגנס קלאַפּט אין אויער.

דאָס איז שלום, דער אַמאָל פאַריאָגטער זאָגער,
אויפגעשטאַנען פון זיין קבר און ער לערנט:
— ס'איז נישטאָ קיין גאַנג צוריק. דו גייסט אַלץ ווייטער
וואו, אין וועלכער זייט זאָלסט זיך נישט קערן.

יעדן מאָרגן קומט די ערד צוריק צום נעכטן,
יעדן פרילינג קומט די זון צום פאַראַיאָרן —
אייביק קומען זיי צוריק און מיטן אייביקן צוריקקום
ווערט אַ נייער טאָג און יאָר געבאָרן.

זע די פעלדער, די צעכוואַליעטע פון ווייץ און קאָרן,
זע די ווייסע כאַטעס, דעכער, סטויגן ——
דאַכט זיך — אַלץ ווי תמיד, אָבער שפּיר דעם אויפלויכט
פון דער ניי־באַגעגעניש אין דיינע אויגן.

אין די טעג און וואָכן וואָגל האָסטו ווייטע שטרעקעס
דורכגעקרייזט אַרום דער אַקס פון דיין השגחה.

נישט דער גייער וואָס אַוועק — פון די אין־סוף׳ן
קומט אַ נייער אָנלאָדן אויף זיך די נייע יאָכן.

הייזער, גאַסן, שטעגן אין דער ערד פאַרוואָקסן.
ערד מיט זיי באַוואָקסן קרייזט אין אייביקייטן.
דו ווי ערד, אין קרייז אַרום זיך יעדן מאָרגן אַ באַנייטע,
ווערסט אין גאַנג פון דייגע קרייזן גיין אַלץ ווייטער, ווייטער.

◈

אַ היציקער פאַרנאַכט אין שפּעטן אָב, און שטאָט
איז דרויסן — פאַר די הייזער, אויף בולוואַרן, גאַסן.
די פיס גייען אַליין איבערן היימישן, נאָר אויגן
ווי ס׳וואָלט דאָס היימישע פון זיי זיך איינגעשלייערט.
דאָס זיינען אַלע פרעמדע שטעט וואָס הויערן אין בליק.
ער וועט זיך אויסוועפן, דער שלייער. נח קומט אַהיים
און וואָס געבראַכט מיט זיך וועט ווערן היים.

די שטוב לויכט סומנע. שכנות שפּרינגען אויף אַנטקעגן
פון בענקל פאַרן פענצטער: — גאָט האָט אייך געבראַכט!
— וואָס איז? . . . — איר וועט שוין זען . . . אין זייער שטעל
ווי בייטשן אויפגעהויבענע. מיט איינגעשטייפטע קני׳
די שוועל אַריבער. אין דער קיך — אַ ריח פון אַפּטייק.
די טיר צעעפנט — אַלע זיינען דאָ אין סומנעם ליכט
פון לעמפּל — דוואָשע, יאַנקל, בעבל — אַלע זיינען דאָ
אַרום דעם וויגל און דאָס וויגל — מיט אַ ליילעך.
אַ הייזעריקער שרייט אויס יאַנקל: — טאַטע!
טוט זיך אַ קער דאָס פּנים דוואָשעס — ער דערזעט
די שטאַרצנדיקע באַקן־ביינער און די אויגן־גריבער
ווי טיפע ברונימער, און אין אַ רגע ליגט זי אויפן דיל.
אַ וואָרף געטאָן דאָס זעקל, זיך אַראָפּגעזעצט,
מיט יאַנקלס הילף זי אויפן בעט אַרויפגעלייגט,
דערמינטערט און דערהערט פון אויפגעקלעמטע ציין
אַ פּיף אַזאַ אויף אים: — ווען פאָרסטו ווידער?
ער בייגט זיך איבער איר: — דאָ בלייב איך, דאָ . . .
נאָר זי באַנעמט נישט, דאַכט זיך. רייסט די אויגן אויף
פון קלעפּיקער חלשות, שפּיזלט אים מיט קראַנקן האַס.
פון הינטן שטייט דער זון. נו, שטייט ער, זעט ער.
די באָרד — צום פּנים אירן, נעמט ער עס אַריין
איןביידע הענט, דאָס פּנים, קושט עס . . . שטייט ער,
דער זון, נו, שטייט ער . . . קלעפּן זיך די אויגן ווידער צו,

און ס׳פלייצט פון זיי — אויף נח׳ס פנים, אויף דער באָרד —
ער הייבט דעם קאָפּ נישט אויף און לאָזט זיך ווייקן
אין פלייץ פון איר פאַר׳חלש׳טן געוויין.

ער האַלט איר האַנט. די הויט אויף זיינער ווייך,
אויף אירער — אויסגעטריקנט, האַרט. קרעמפּט איין
אַ ליבשאַפט צו דער האַרטער הויט און ביינערדיקע פינגער,
און זון אַ פלאַטערדיקער שעפּטשעט: — שוין די פערטע נאַכט.
די לונגעלעך ביי איר. דער דאָקטער זאָגט — עס קען
אַ וואָך אַזוי געדויערן ביזן קריזיס . . . בעט דער פאָטער:
— גיי, לייג זיך שלאָפן. דאַרפסט דאָך מאָרגן אַרבעטן.

זיי לייגן זיך — דער גרויסער זון און קליינער ברודערל.
די מאַמע אויך — זי שלאָפט. זי שלאָפט? דער הין־הער־פלעט
האַלט צוגעקלעפּט די אויגן, לאָזט זי זיי אַזוי און רייסט זיי אויף
און דורך אַ שפּעלטל זעט זי: ער איז דאָ. ער זיצט
און שאָקלט זיך ביים וויגל . . . לאָזט זי ווידער זיך פאַרשלעפערן,
נאָר אין די וואָלקנס שלאָף ווי אין דער פאַרע פון אַ קעסל
אַ קאָכעדיקן, בלעזלען אירע טעג אַליין, איר עלנט, אירע נעכט —
זי שלאָפט, זי זעט: ער זיצט ביים וויגל, ער איז דאָ . . .

◈

נישט פאַר זיך געזוכט ביי דער השגחה צייכנס,
נישט מיין אייגענע השלמה צו דערגרייכן —
קומט מיר נישט קיין שטראָף.

נישט דער ערשטער בין איך פאַרן דור געגאַנגען,
נאָר מיט לעצטע פון די גייער מיטגעגאַנגען —
קומט מיר נישט קיין שטראָף.

נישט געגאַנגען רייסן פון די הימלען נסים,
נאָר פון ערד אַ כשר׳ן און ריינעם ביסן —
קומט מיר נישט קיין שטראָף.

און אויב דאָס איז אויך צו גרויס געוועזן אַ זכיה,
בין איך דאָ צוריק דעם קליאָק פון זיך צו ציען — —
קומט מיר נישט קיין שטראָף.

פון אַ קראַנקן וויגל איבער אַלע שטערן
רוף איך, מאָן איך, מע זאָל מיך דערהערן —
ס׳קומט מיר נישט קיין שטראָף!

◈

ס'נעמט טאָגן. דוואָשע וועקט זיך: — ביסט דאָך אויך
אין באַן מסתמא נישט געשלאָפן. שפּאַר זיך צו . . .
אין שלאָף דערנאָך דעם אַלטן וואַלישעווסקי הערט ער:
— זיך אָפּגעזוכט דיין שאָדן . . . רייסט די אויגן אויף,
שפּרינגט אויף און שטייט אַ פרעגעדיק-צעגליטער.
דער אַלטער ענטפערט: — ס'איז ביי גאָט אין האַנט . . .
ער זיצט צוריק ביים וויגל. ראָזע פאַלט אַריין,
מע קוקט זיך אָן — און שטום. נאָכמיטאָג קומט עזריאל,
זיצט אָפּ אַ וויילע און גייט אַוועק. מע בלייבט אַליין.
מע בלייבט ווי פאַראיאָרן, ווי פאַר דריי יאָרן.
ס'איז נח ערגעץ נישט אַוועק, פון ערגעץ נישט געקומען,
נאָר ס'איז אַ קינד מסוכן קראַנק — איז זיצט מען דאָ
ביים וויג צוזאַמען און מע ראַנגלט זיך מיט גאָט.

אַ טאָג, אַ צווייטער. ס'הונגערט נישט, עס ווילט זיך נישט
דעם קאָפּ אַוועקלייגן, כאָטש גרויסע מידקייט ברעכט.
ער עסט מיט גוואַלד און שלאָפט צו האַלבע שעה.
און דוואָשע, ווען זי דרימלט נישט, איז לעבן אים.
נאָר אויף אַ האַלבער שעה שיידט ער זיך אָפּ פון איר.
פאַרוויקלט זיך אין טלית, דאַוונט נישט, נאָר שטייט
אַן איינגעוויקלטער, אַן אָפּגעזונדערטער און וואַרנט, וואַרנט
מיט שטומען גליאיקן געשריי: — איך בעט קיין חסד נישט,
קיין רחמים . . . צדק מאָן איך, צדק מאָן איך, צדק!

ס'איז לעצטע נאַכט. די נאַכט פון קריזיס. אויסגעגאַנגען
שוין אַלע כוחות, נאָר אַ צאָרן בויערט ווי אַן אָנגעגליטער שפּיז.
אָט ליגט דאָס קינד, און ערגעץ ווערט אַ משפּט אָפּגעהאַלטן,
אַ משפּט איבער אירע צוויי יאָר לעבן: זאָל עס זיין גענוג,
צי מער איר שענקען? . . . אויף אַ וואָגשאָל וועגט מען
דעם יאָ און ניין — און וואָס איז זייער צדק, וואָס צו אים
דאַרף זיך דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל ציען — וואָס?
ער בריט, דער צאָרן, שרפ'עט, פּילט מיט שוואַרצן קויל
דעם שאַרבן אָן, נאָר אין די שוואַרצע קוילן גליט עס רויט —
און נח גייט . . . ער טראָגט אַ מולטערל, אין מולטערל
די טאָכטער די פאַר'משפט'ע, אַן איינגעדעקטע — טראָגט זי
אין העלן טאָג איבער די גאַסן צום בית-עלמין, רייסט
ביים קברות־מאַן פון האַנט אַרויס אַ רידל, גראָבט
אַ גרוב, פאַרשיט דאָס מולטערל, גלייכט אויס די ערד
עס זאָל קיין שפּור, קיין צייכן פון אַ קבר'ל נישט בלייבן
און שטייט איבער דער גרוב און זאָגט: — ס'איז דיינס,
דו ווילסט עס, האָב עס! — — — זשאַר אין שוואַרצן קויל

בריט אויס דעם גאַנג אין גאַסן, הינטערן ליילעך
דאָס קינד אין וויגל אָטעמט, אָטעמט . . . גראָבט זיך נח
מיט פינגער אין דער באָרד און רייסט זי, שרייט אין זיך:
— רוצח!... מערדער!... נאָר דער זשאר פון שוואַרצן צאָרן בריט
און טרייבט אים מיטן מולטערל איבער די גאַסן.

באַגינען עפנט שפרה אויף די אויגן: — טאַטע!
ער האַלט נאָך אַלץ אין שפּאַנען מיטן מולטערל,
נאָר אירע אויגן זיינען אָפן, בלאָ. פאַרמאַכט זיי
און וועקט זיך ווידער און דערמאָנט זיך: — מאַמע האָט געזאָגט,
וועסט שיקן שיינע זאַכן. האָסטו נישט געשיקט.
ער שטעלט זיך אויף, דאָס מויל איז אָפן, גולמ'דיק,
נאָר אירע בלאָע אויגן קוקן, וואַרטן . . . רייסן זיך
פון גולמ'דיקן מויל אַרונטער ברעקלעך ווערטער:
— דיר קויפן שיינע זאַכן דאָ. — קויף היינט.
— איך וועל דיר קויפן היינט. — איך וויל אַ טרונק.
ער גרייכט די גלאָז קוים, שרייט אויס דוואָשע:
— מיט וועמען רעדסטו? — כ'רעד מיט שפרה'ן.
זי וויל אַ טרונק . . . אַ ווילדן שפרונג פון בעט אַרויס,
זי כאַפּט די גלאָז פון נח'ס האַנט און באַלד איז אויף
דאָס גאַנצע הויז, עס שטייען אַרום וויגל יאַנקל, בעבל,
און שכנות אויפגעריסענע פון שלאָף שטעקן אַריין די קעפּ,
און נח רוקט זיך אָפּ און פאַלט אַנידער אויף אַ בענקל
און אויף די ליפּן הענגט אַ פסוק: — האָסט געשטריטן
מיט גאָט און מענטש און ביסט זיי ביי‌געקומען.

---

שבת. איבערבלייב פון „חדר".
בחורים אַ פּאָר. אַן איינציק מיידל.
איז צו פריי ביים טיש און ס'בענקט זיך
נאָך דער גוטער חבר'ישער ענגשאַפט.
זי וועט קומען נאָך — די ענגשאַפט.
און דערווייל דערציילן בריוולעך — איבער אָקעאַנען
לעבן ווערטער מיטגעטראָגענע פון דאַנען
און זיי לאָזן זיך די חברים איינס פון צווייטן
זיך ניט שיידן. איבער לענדער אַ צעשפּרייטער
איז ער דאָ, דער חדר, און וועט הערן
וואָס דער איבערבלייב דאָ לערנט . . .
ס'איז אַ נביא אויפן ים אַנטלאָפן,
אַז ער זאָל נישט דאַרפן גיין די גויים שטראָפן

און צו גוטע מעשים זיי באַקערן —
לייענט יאַנקל, און דער איבערבלייב פון חדר
זיצט און הערט ביז נח, ווי זיין סדר,
ווערט מיט שפרה׳ן אין די אָרעמס נעמען לערנען פשט
וועגן ים און גרויסן פיש און שאָטן־בלאַט,
וואָס האָט איבער יונה׳ן אויסגעטריקנט,
ווייל ער האָט זיך נישט געלאָזט אין גאָטס שליחות שיקן.

סעפטעמבער 1933 —

יוני 1942.

# באַמערקונגען צום טעקסט

(דאָס בוך איז געווידמעט „מיינע קינדער און דעם דור מיט זיי". פֿאַר אָט דעם דור, וואָס איז ניט היימיש מיט אַלע יידישע באַגריפֿן און היסטאָרישע געשטאַלטן אין טעקסט, זיינען די באַמערקונגען געמיינט. זיי זיינען געשריבן מיט דער כוונה צו באַלייכטן דאָס וואָס ס'איז דאָ אין טעקסט).

## צו קאַפּיטל איינס

6. מוסר'ניק. מוסר — אַ רעליגיעז־עטישע באַוועגונג אין 19טן יאָר־הונדערט אָנגעהויבן מיט אַסקעטיזם. געזוכט צו לייטערן דעם מענטש דורך טעגלעכן חשבון־הנפש, תשובה אויף יעדן זינדיקן געדאַנק און פֿאַרלאַנג, עקסטאַטישן טרויער, געפֿאַלנקייט ביי זיך און ליבשאַפֿט צו די אָרומיקע.

8. גר־צדק. אַ פּוילישער גראַף פּאָטאָצקי, וואָס האָט זיך מגייר געווען. ער האָט זיך באַהאַלטן פֿון דער פּוילישקאַטוילישער מאַכט אין שטעטל איליע, און דאָרט אין בית־מדרש אָנגעשריען אויף אַ יינגל, וואָס האָט אים דאָקוטשעט. זאָל דעם יינגל'ס פֿאָטער, אַ שניידער מיטן נאָמען יאָשקע, האָבן אים געמסרט. מ'האָט דעם גר־צדק געכאַפּט און פֿאַרברענט אין ווילנע אויפֿן שייטער־הויפֿן. אויף דער משפּחה פֿון דעם שניידער, די יאָשקעס, האָבן יידן אַרויפֿגעלייגט אַ חרם.

9. רבינו בחיי (בחיי בן יוסף אבן פּקודא, געלעבט אין שפּאַניע אין 11טן יאָרהונדערט) איז דער מחבר פֿון „חובות־הלבבות" — די פֿליכטן פֿון די הערצער — איינס פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישע ספֿרים. „דאָס וויסן פֿון דער תורה — זאָגט ער אין פֿאָרוואָרט צום ספֿר — באַשטייט פֿון צוויי טיילן: די פֿליכטן פֿון די אברים, וואָס דאָס איז דאָס אָפֿענע וויסן; און די פֿליכטן פֿון די הערצער, וואָס דאָס איז דאָס באַהאַלטענע וויסן. און די פֿליכטן פֿון די הערצער וואָרצלען אַלע אין פֿאַרשטאַנד". אָט די פֿליכטן וואָס וואָרצלען אין פֿאַרשטאַנד, לערנט דער ספֿר. דער „חובות הלבבות" איז באַזונדערס פֿלייסיק געלערנט געוואָרן פֿון די מוסר'ניקעס.

„מורה" — „מורה נבוכים" — וועגווייזער פֿאַר די צעטומלטע — פֿון ר' משה בן מימון (רמב"ם), געשריבן אין סוף פֿון 12טן יאָר־הונדערט. דער צוועק פֿון דער אָפּהאַנדלונג — שרייבט דער רמב"ם צו זיינעם אַ תלמיד — איז צו זיין אַ וועגווייזער פֿאַר דענקער, וואָס זייער וועלט־לעך־פֿילאָזאָפֿיש וויסן האָט זיי געבראַכט אין צוזאַמענשטויס מיט זייער אמונה, און זייענדיק פֿעסט אין זייער אמונה, זיינען זיי אָבער צעטומלט צוליב געוויסע צווייטייטיקע און בילדלעכע אויסדרוקן אין תנ"ך. געמיינט זיינען דער־מיט די פֿאַרמענטשלעכטע פֿאַר־שטעלונגען און באַצייכענונגען פֿון דער גאָטהייט.

חב"ד — אַ שיטה אין חסידות, געשאַפֿן פֿון ר' שניאור זלמן פֿון ליאַדי (1747—1812) און באַגרינדעט אין זיין ספֿר „לקוטי אמרים" (געזאַמלטע זאָגעכצן) אָדער „תניא". חב"ד מיינט: חכמה, בינה, דעה — באַנעם, פֿאַרשטאַנד, וויסן — די דריי אייגנשאַפֿטן פֿון דער נשמה וואָס דאַרפֿן זיין דער קוואַל פֿון אמונה. „וואָס מיינט דערקענונג פֿון אַ זאַך? — פֿרעגט ר' שניאור־זלמן: — דאָס מיינט — אַרומנעמען עפּעס מיטן פֿאַרשטאַנד. דער מענטש וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין דער תורה און די

מצוות און איז מקיים די מצוות, נעמט אַרום און פאַרקערפּערט אין זיך זייער גייסטיקן תּוך, דעם געטלעכן ווילן און חכמה, וואָס איז דאָ אין זיי, און אַזוי אַרום גיסט ער זיך צונויף מיטן מקור און דערגרייכט צו זיין אמת׳ן זיין״.

**זוהר** — ספר הזוהר (דאָס בוך פון שיין) — דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די יידישע מיסטיק, די קבלה. דער ספר איז געבויט ווי אַ מדרש אויפן חומש און איז איינגעטיילט לויט די פּרשות פון חומש. ער איז דערשינען אין שפּאַניע אין 13טן יאָרהונדערט, און דער מחבר זאָל זיין דער מקובל משה דע לעאָן, וועלכער האָט עס אָבער פאָרגעשטעלט ווי אַן אַנטפּלעקונג צום תּנא ר׳ שמעון בן יוחאי פון ערשטן יאָרהונדערט לויט דער וועלטלעכער צייט־רעכענונג. אין דעם אַריינפיר צום ספר ווערט געזאָגט: „ווי צו דעם וואָס מיינט, אַז די תּורה איז געקומען אַנטפּלעקן בלויז פּשוט׳ע מעשיות . . .״ און עס ווערט דערקלערט: אַלץ וואָס קומט אַראָפּ פון אויבן מוז זיך אָנקליידן אין ערדישע געשטאַלטן. אַזוי אויך די תּורה. אָבער בלויז נאַראָנים שאַצן אָפּ אַ מענטשן לויט די קליידער וואָס ער טראָגט. דאָס וויכטיקע איז דער גוף, אויף וועלכן די קליידער זיינען אָנגעטאָן, און נאָך וויכטיקער איז די נשמה אין דעם גוף. אַזוי אויך מיט דער תּורה. איר קליידונג זיינען די מעשיות וואָס ווערן דערציילט. איר גוף זיינען די מצוות וואָס זי פאַרזאָגט, און די אמת׳ע חכמים קוקן בלויז אין דער נשמה וואָס איז דער עיקר פון אַלץ. און אין דער צוקונפט וועט מען זוכה׳ זיין אַריינצוקוקן אויך אין דער נשמה פון דער נשמה . . . אין יעדער שטריך און פּינטעלע פון דער תּורה זיינען באַהאַלטן הימלישע סודות . . .

**תּעודה** — „תּעודה בישראל״ (באַרוף ביי יידן) פון ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל, 1788—1860), דעם פאָטער פון השכּלה אין רוסלאַנד. דאָס בוך האָט מיט ראיות פון דער תּורה באַוויזן, אַז יידן דאַרפן לערנען העברייאיש און דקדוק (פרומע יידן זיינען געווען קעגן דעם), מעגן לערנען אויך אַנדערע שפּראַכן און וויסנשאַפטן און דאַרפן איבערגיין צו ערד־אַרבעט און אַנדערע מלאכות.

10. **פון צעל, פון תּפיסה רעדט ר׳ שניאור זלמן . . .** דער אויפשטייג פון חסידות האָט אַרויסגערופן אַ ביטערע מלחמה קעגן דער באַוועגונג, וועלכע האָט אונטערגעגראָבן דעם אויטאָריטעט פון דער רבניש־לומדישער אַריסטאָקראַטיע דערמיט, וואָס זי האָט געעפנט אַ וועג פאַר יעדן פּשוט׳ן מענטש דורך ליבשאַפט און פרייד און מעשים טובים זיך צו באַהעפטן אָן אויבערשטן. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן שוין ביים לעבן פון ר׳ ישראל בעל שם טוב (בעש״ט), דעם גרינדער פון חסידות (1700—1760), אָבער זי האָט זיך צעפלאַקערט נאָך זיין טויט, ווען דאָס חסידות האָט זיך פאַרשפּרייט איבער פּוילן און רוסלאַנד דורך זיינע תּלמידים. פון יאָר 1772 האָט די מלחמה מצד די מתנגדים (קעגנער) געפירט דער ווילנער גאון ר׳ אליהו. כּדי צו פאַרטיידיקן זיין אייגענע שיטה (חב״ד) און דאָס חיסדות בכלל, האָט ר׳ שניאור זלמן געזוכט זיך צו באַגעגענען מיטן גאון און איז צו אים געפאָרן צוזאַמען מיט ר׳ מנחם מענדל האָראָדאָקער, אָבער דער גאון האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען. אָנשטאָט דעם האָבן די מתנגדים פאַר׳מסר׳ט ר׳ שניאור זלמנ׳ען צו דער רעגירונג ווי אַ כּלומר׳שטן פּאָליטישן פאַרברעכער, און ער איז צוויי מאָל (אין 1798 און 1800) געפירט געוואָרן קיין פּעטערבורג און געהאַלטן געוואָרן אין תּפיסה. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט אים די רעגירונג ביידע מאָל באַפרייט.

**ר׳ בער** — דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש, דער צווייטער אין דער חסידישער טראַדיציע נאָכן בעש״ט. ר׳ שניאור זלמן איז געווען ר׳ בער׳ס אַ תּלמיד.

**דער אר״י — ר׳ יצחק לוריע — אשכּנזי** (1536—1572), באַשאַפער פון דער אַזוי גערופענער

„קבלה מעשית״, וועלכע לערנט די מיטלען פון מענטשלעכער קעגנווירקונג אויף דער גאָטהייט, איינער פון די מעטעאָרישע, גאָט־באַטרונקענע געשטאַלטן אין דער ייִדישער געשיכטע. די סודות פון דער תורה, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט צו זיינע תלמידים, זאָל ער האָבן געלערנט פון אליהו הנביא, וועלכער פלעגט קומען צו אים אין זיין פאַרוואָרפן שטיבל אויפן ברעג פון טייך נילוס. צו 33 יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין צפת, וואָס איז געווען דער צענטער פון קבלה, און האָט שנעל באַהערשט די מוחות מיט זיין אייגענער סיסטעם. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 36 יאָר.

**אין־סוף** — אומענדלעכקייט, סינאָנים פון דער גאָטהייט. די וועלט, לויט דער קבלה, איז באַשאַפן געוואָרן דורכדעם וואָס דער אין־סוף האָט זיך אויסגעשטראַלט אין צען ספירות, אויסשטראַלונגען, געפעסן, וואָס אַנטהאַלטן אייגנשאַפטן פון דער גאָטהייט. וואָס ווייטער פון קוואַל, איז דאָס אויסגעשטראַלטע געוואָרן אַלץ קערפּערלעכער ביז עס איז געוואָרן די וועלט און אַלץ וואָס לעבט אין איר. דער העכסטער פונקט פון דעם קריג צווישן די מתנגדים און חסידים איז געווען די פראַגע: האָט דער אין־סוף אַליין זיך אויסגעשטראַלט אין די ספירות אָדער בלויז אַן אָפּשיין פון אים? אויב אויסגעשטראַלט האָט זיך דער אין־סוף אַליין, טראָגט דער מענטש אין זיך די גאָטהייט. אויב אָבער בלויז אַן אָפּשיין, בלייבט צווישן אין־סוף און מענטש אַן אייביקע מחיצה. לויט ר׳ חיים וויטאַל, דעם תלמיד פון אר״י, וואָס האָט איבערגעגעבן זיין סיסטעם, איז די אויסשטראַלונג פון די ספירות פאַרגעקומען אַזוי (עץ חיים, שער עגולים): ווען עס איז געקומען צום אין־סוף דער פאַרלאַנג צו שאַפן אַ וועלט, האָט ער זיך איינגעשרומפּן אין מיטלסטן פונקט און עס איז געוואָרן אַ ליידיקער קרייז. אין אָט דער ליידיקייט האָט זיך דאָס ליכט פון אין־סוף אויסגעגאָסן ווי דורך אַ רער. דערביי האָט דער שפּיץ פון דער רער געצויגן דאָס ליכט פון אין־סוף גופא און האָט אים אָנגערירט, בשעת דער עק פון דער רער רירט נישט אָן דעם אין־סוף. די חסידות, וואָס איז געבויט אויף דער קבלה פון אר״י, האָט זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער אויסטייטשונג, אַז אויסגעשטראַלט האָט זיך דאָס ליכט פון אין־סוף גופא.

**מקור** — דער קוואַל — סינאָנים פון דער גאָטהייט.

15. **חיצוניות** — דרויסנדיקס, וועלטלעך וויסן.

**סטרא אחרא** — די צווייטע זייט — דאָס וואָס קומט פון שטן. דאָס בייזע, אומריינע, פאַרפירערישע.

**השגחה** — אויפזיכט. **השגחה פרטית** — גלויבן, אַז דער אויבערשטער האָט השגחה אויף יעדן איינצלנעם מענטש.

**צדיקים גמורים** — גאַנצע צדיקים, מענטשן אָן אַ שאָטן פון זינד.

**בינונים** — מיטעלע, נישט קיין פולשטענדיקע רשעים און נישט קיין גאַנצע צדיקים. מיט דער טעאָריע, אַז מיר זיינען אַלע בינונים, וואָס דאַרפן זיך לייטערן, גיט זיך אָפּ דער ערשטער טייל פון ר׳ שניאור זלמנ׳ס „לקוטי אמרים״, וואָס הייסט „ספר של בינונים״, דאָס בוך פון די מיטעלע.

**חכמה עילאה** — אויבערשטע דערקענונג — דער איינגעבוירענער כוח פון אינטואיציון באַנעם, מיט וועלכן דער מענטש שלאָגט אָן צו יענער גאָט־דערקענטעניש, צו וועלכער דער שכל און דאָס לערנען וועלן זיך נישט דערשלאָגן.

**גלגלים** — שטערן־קרייזן, קאָנסטעלאַציעס.

**מלכא קדישא** — הייליקער קיניג און **מטרוניתא** — האַרינטע. הייליקער קיניג — די גאָטהייט, די האַרינטע — דאָס פאָלק ישראל, וואָס לויטן „זוהר״ (פ׳ יתרו) באַהעפטן זיך ווי אַ מאַן מיט אַ פרוי.

## צו קאַפּיטל צוויי

2. **קול כסיל ברוב דברים.** — אַ נאַר רעדט אַ סך (משלי).

4. **ר׳ יצחק אלחנן** (ספּעקטאָר, 1817—1896) — פּירנדיקע פּערזענלעכקייט צווישן די רוסישע רבנים פון דער צווייטער העלפט 19טן י״ה. „באר יצחק״ (יצחק׳ס ברונים) איז איינער פון זיינע ספרים.

**מהר״ם שיף** — תלמודישער אויטאָריטעט פון 17טן י״ה. אויף זיינע „חדושי הלכות״ האָבן זיך לערנער געשאַרפט די מוחות.

**אבי אבות הטומאה** — פּאָטער פון די פּאָטערס פון אומריינקייט. זאַכן און מענטשן ווערן אומריין פאַר רעליגיעזע פונקציעס דורך באַריר מיט אומריינקייטן. דערביי זיינען דאָ פאַרשיידענע גראַדן פון אומריינקייט. אויב אַ טויטער קערפּער איז אַן „אבי אבות הטומאה״, ווערט דאָס וואָס רירט אָן דעם טויטן אַן אב הטומאה (פּאָטער פון אומריינקייט) און וואָס עס רירט זיך אָן אין „פּאָטער״, ווערט אומריין אין אַ קלענערן גראַד, און אַזוי ווייטער.

**„צו״** — זאָג אָן. די סדרה ״צו״ אין ספר „ויקרא״ האָט צו טאָן מיט די דינים וועגן מקריב זיין קרבנות.

**עזרה** — דער הויף אין בית־המקדש. (ווערט אַרויסגערעדט אַזאַראַ).

**פרחי כהונה** — בלומען פון דער כהונה, די כוהנ׳ישע יונוואַרג.

**ברטנורא** — ר׳ עובדיה פון ברטנורא, אַן אויסטייטשער פון דער משנה.

7. **כתיב** (געשריבן) און **קרי** (געלייענט). עס זיינען דאָ ווערטער אין דער תורה וואָס ווערן אויסגעלייגט אויף איין אופן און געלייענט אַנדערש.

**ר׳ עקיבא אויף דער ברעט.** רבן גמליאל דערציילט: איך בין אַמאָל געפאָרן אויף אַ שיף און געזען אַן אַנדער שיף, וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן, און איך האָב געטרויערט אויפן תלמיד־חכם וואָס איז דאָרט געווען. און ווער איז עס געווען? רבי עקיבא. אַז איך בין אַרויס אויף דער טריקעניש, איז ער געקומען און מיט מיר גערעדט וועגן אַ הלכה. האָב איך אים געפרעגט: ווער האָט דיך געראַטעוועט? האָט ער געענטפערט: עס איז מיר אונטערגעקומען אַ ברעט פון אַ שיף און פאַר יעדער כוואַליע, וואָס האָט מיך פאַרפלייצט, האָב איך איינגעבויגן דעם קאָפּ. די זעלבע מעשה דערציילט ר׳ עקיבא וועגן ר׳ מאיר׳ן.

8. **אור השם** — גאָט׳ס ליכט — אַ פילאָזאָפיש־רעליגיעז ווערק פון ר׳ חסדאי קרשקש (1340—1410). אַ טייל פון ווערק איז אַ שאַרפע קריטיק אויף דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע און באַזונדערס אויף דעם רמב״ם׳ס אויסטייטשונג פון דער יידישער אמונה לויט אַריסטאָטעלן אין „מורה נבוכים״.

15. **והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר** — און איך וועל אָפּטאָן דאָס שטיינערן האַרץ פון אייער לייב און אייך געבן אַ האַרץ פון פלייש. **וזכרתם את דרכיכם הרעים.** — גדענקט אייערע שלעכטע וועגן. **בושו והכלמו מדרכיכם** — שעמט אייך פאַר אייערע וועגן (יחזקאל ל״ו).

16. **ר׳ חנינא בן דוסא** — אַ תנא פון ערשטן י״ה. לויט דער תלמודישער לעגענדע איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און פלעגט אויסקומען אַ גאַנצע וואָך מיט אַ מעסטל באָב. אָבער פרייטיק פלעגט דאָס ווייב איינהייצן דעם אויוון, כדי די שכנות זאָלן מיינען, אַז עס קאָכט זיך עפּעס ביי איר לכבוד שבת. האָט איינמאָל אַ שכנה אַריינגעקוקט און ס׳איז געשען אַ נס: דער אויוון איז פול געוואָרן מיט געבעקס. לויט אַ צווייטער לעגענדע האָט ער געבעטן און מ׳האָט אים געבראַכט פון הימל אַ פוס פון גאָלדענעם טיש וואָס איז דאָרט געווען פאַר אים פאַרגרייט. האָט ער געזען אין חלום, אַז אַלע צדיקים עסן אויף גאָלדענע טישן, וואָס האָבן דריי פיס און זיינער האָט נאָר צוויי פיס. האָט ער געפרעגטביים ווייב: איז רעכט ביי דיר, אַז מיר זאָלן דאַרפן אויף יענער וועלט עסן אויף אַ טיש וואָס האָט נאָר צוויי פיס?

האָט זי געזאָגט: טו תפילה, וועט מען דעם פוס צוריקצונעמען. האָט ער תפילה געטאָן און ס'איז אַזוי געשען.

**ווילנער גאון.** די ווילנער קהילה פלעגט דעם גאון שיקן יעדע וואָך אויף אויסקומעניש. האָט דער שמש, דורך וועמען מען פלעגט שיקן דאָס געלט, פּרובירט עס אַראָפּלאָזן צו זיך אין קעשענע און ס'איז אים געלונגען — דער גאון האָט געשוויגן. האָט ער מער דאָס געלט נישט אָפּגעגעבן און דעם גאון'ס משפחה האָט געהונגערט. ווען די פרוי איז איינמאָל געקומען צום גאון קלאָגן זיך וועגן די קינדער וואָס הונגערן, האָט ער געהייסן זיי פירן אין הייזער, וואו מען עסט, וועלן זיי בעטן עסן און מען וועט זיי אָנקאָרמענען.

## צו קאַפּיטל דריי

2. **מעשה באדם שהיה רוכב בלילה.** — אַ מעשה מיט איינעם וואָס האָט געריטן ביינאַכט. די מעשה מיט די מתים וואָס פירן וועגענער מיט מתים ווערט דערציילט אין „ספר חסידים", אַ מוסר־ספר, צונויפגעזאַמלט צווישן 13טן און 16טן י"ה און צוגעשריבן צו ר' יהודה החסיד, אַ באַרימטן מקובל, געשטאָרבן אין 1217.

**ויהי ערב ויהי בוקר** — און ס'איז געווען אָונט און ס'איז געווען פרימאָרגן (בראשית, ה').

4. **ר' שמעון בן יוחאי'ס הייל** — ר' שמעון זאָל זיך צוועלף יאָר האָבן באַהאַלטן פון די רוימישע רדיפות אין אַ הייל. ווי די מקובלים גלויבן, האָט ער דאָרט געלערנט תורה פון משה רבינו און אליהו הנביא.

8. **לילית** — די פרוי פון שטן. זי איז וואונדערלעך שיין און ווערט געשיקט צו פאַרפירן.

**עליה** — אויפשטייג. **ירידה** — אַרונטערפאַל.

**תשבי מיטן גאַרטל** — אליהו הנביא, וואָס שטאַמט פון דער שטאָט תשב.

**אַלטער הלל** — הלל הבבלי, איינער פון די הויפּט־זיילן אין דער משנה. געלעבט אין די צייטן פון קיניג הורדוס.

**ר' חסדאי קרשקש**, דער מחבר פון „אור ה'".

**ר' ישראל מעזשבאָזשער** — דער בעל שם טוב, גרינדער פון חסידות.

**רזי דרזין** — דאָס פאַרהוילענע פון פאַרהוילענעם, דאָס טיפסטע וויסן וועגן גאָט און וועלט.

**כביכול** — אַזוי צו זאָגן — אַ סינאָנים פאַר גאָט.

**בין אדם למקום** — צווישן מענטש און דעם אויבערשטן. די פליכטן פון מענטש ווערן איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: בין אדם למקום — פון מענטש צום אויבערשטן, און בין אדם לחברו — פון מענטש צו מענטש.

**לשם שמים** — פאַרן הימל וועגן.

**בעל כרחך אתה חי** — לעבסט איבער גוואַלד, לעבן מוזסטו.

**שומר, וואַסערטרעגער, האָלצ־העקער** — די ל"ו, די זעקס און דרייסיק באַהאַלטענע צדיקים, אויף וועלכע עס האַלט זיך יעדער דור, זיינען מערסטנס די אָרעמסטע באַל־מעלאָכעס, לוין־אַרבעטער.

17. **יצירה** — געשאַף. דער סכום פון אַלע כוחות אין דער נאַטור.

**פּרוזדור** — פאָדערצימער.

**כסא הכבוד** — דער טראָן פון באַשעפער.

**תיקון** — אויפריכטונג, לייטערונג, פאַרפולקאָמונג.

**פּרדס** — אַ גאָרטן, מיינט — דאָס העכערע וויסן, דערקענונג פון די סודות פון גאָט און וועלט. עס ווערט דערציילט: פיר זיינען אַריין אין פרדס — בן־עזאי, בן־זומא, אחר (אלישע בן אבויה) און רבי עקיבא. דער ערשטער האָט דערזען וואָס גישט געטאָרט און געשטאָרבן, דער צווייטער איז גערירט געוואָרן פון זינען, דער דריטער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג און „געהאַקט די פלאַנצן", און נאָר רבי עקיבא איז אַרויס בשלום. ווען די רוימער האָבן נאָכן בר־כוכבא אויפשטאַנד איינגעפירט טויט־שטראָף פאַר לערנען תורה, איז רבי עקיבא פאַרפייניקט געוואָרן דורכדעם וואָס מען האָט געריסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען.

# צו קאַפּיטל פיר

2. **נגלה און נסתר** — אָפּענע און פאַרבאָרגענע תורה.

**פרדס** — „פרדס רמונים“ — דער מילגרוים־גאָרטן — פון ר׳ משה קאָרדאָווערא (1522—1570), אַ קלאַסיש ווערק פון דער מעטאַפיזישער קבלה.

**עליונים, תחתונים** — אויבערשטע, אונטערשטע — געטלעכע כוחות און ערדישע.

**בבחינת „מאַן“, בבחינת „ווייב“** — בחינה — צושטאַנד. לויט דער קבלה׳שער פּסיכאָלאָגיע זיינען אין די באַציאונגען צווישן מענטשן פאַראַן באַווירקער און באַווירקטע. דער באַווירקער איז „מאַן“, דער באַווירקטער — איז „ווייב“.

**בגמטריא** — צאָל־באַטרעף פון ווערטער, וואָס גיט זיי דעם זעלביקן באַווייט. די אותיות פון א״ב זיינען אויך ציפערן, און יעדער וואָרט באַטרעפט דעריבער אַ געוויסע צאָל. אויב די ווערטער „אלהים“ — גאָט, און „הטבע“ — די נאַטור — באַטרעפן ביידע צו 86, מיינט עס, אַז גאָט און די נאַטור זיינען איין באַגריף.

3. **ר׳ יוסף קאַרו** (1488־1575) האָט איבער 30 יאָר געאַרבעט אויף אַ פולשטענדיקן קאָדעקט פון יידישע דינים, „בית יוסף“, וועלכן ער האָט שפּעטער פאַרקירצט אין „שולחן ערוך“. ער איז אַנטלאָפן פון שפּאַניע צו פיר יאָר, געוואוינט אַ צייט אין טערקיי און צו 65 יאָר זיך באַזעצט אין צפת אין ארץ ישראל. אין סאַלאָניקי האָט ער זיך באַקענט מיטן מיסטיקער און מאַרטירער **שלמה מולכו**, אַ געווזענעם מאַראַן, וואָס האָט אויפגערודערט די יידישע ווי די קריסטלעכע וועלט מיט זיינע משיחישע זעאונגען און נבואות. שלמה מולכו׳ס וועג און זיין אומקומען אויפן שייטער־הויפן האָבן טיף אויפגעטרייסלט ר׳ יוסף׳ן, אָבער צונשטעקן זיך מיט יענעמס מיסטישע זעאונגען האָט זיין ראַציאָנאַליסטישער מוח נישט געקענט. פון דעם דראַנג אָנצושלאָגן אין די אויבערשטע וועלטן זאָל האָבן אַרויסגעוואַקסן אַ ספר „מגיד מישרים“ — דער זאָגער פון גלייכקייטן — אין וועלכן עס זיינען פאַרשריבן די רייד פון אַ „מגיד“, אַ זאָגער, דעם גייסט פון דער משנה, וואָס קומט צו אים יעדן שבת און לערנט מיט אים. אין צפת האָט ר׳ יוסף געלעבט צווישן די מקובלים און אויך איבערגעלעבט די דערשיינונג פון אר״י, זיין טויט און די גרינדונג פון זיין שולע.

8. **ביים נביא גאָטס כלה** ירושלים — זע יחזקאל, קאַפּ. 16.

10. **דער כוזרי** — אַ רעליגיעז־פילאָזאָפיש ווערק פון דעם יידישן פּאָעט פון מיטלאַלטער ר׳ יהודה הלוי (געלעבט אומגעפער צווישן 1080 און 1142). דער ספר איז, לויטן מוסטער פון פילע גריכישע פילאָזאָפישע ספרים, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג. די אָנטיילנעמער זיינען: דער קיניג פון די כוזרים, אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט ביים קאַספּישן ים און האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, און אַ פאָרשטייער פון אַ ריינער אמונה.

11. **דער שוואַרצער כתר.** כתר, קרוין, איז די העכסטע פון די צען ספירות, און לויט ר׳ משה קאָרדאָווערא, איז די פאַרב פון כתר שוואַרץ לגבי דער בלענדיקייט פון ליכט וואָס איבער אים. די קאָלירן: גרין פאַר רחמים און בלאָ פאַר חסד זיינען די פאָרשטעלונג פון מחבר.

**פייטנים** — פּאָעטן.

16. **אשמדאי** — קיניג פון די טייוואָלים און בייזע רוחות.

21. **קפיצת הדרך** — איבערשפּרייזן דעם וועג. גרויסע צדיקים האָבן מיט אַ הייליקן שפּרונג געקענט איינפאָרן הונדערטער און טויזנטער מיילן אין אַ קורצער ווייל.

# צו קאַפּיטל פינף

1. **לאַמאַנאָסאָוו** — איינער פון די ערשטע רוסישע פּאָעטן, אויפגעקומען פון פּויערים.

**מיכ״ל** — מיכה יוסף לעבענסאָן (1852—1828) — העברייאישער פּאָעט.

9. **״גייט אַרום דער מלך שלמה**. . . . נח באַקענט זיך מיט דער ביבל־פאַרשונג, וואָס זוכט פעסטצושטעלן די פאַרשיידענע עפּאָכעס ווען די באַזונדערע ספרים פון תנ״ך זיינען געשריבן געוואָרן. שיר־השירים, משלי און קהלת, וואָס ווערן פון דער טראַדיציע צוגעשריבן צו שלמה המלך, ווייזן זיך אַרויס צו זיין זאַמלונגען פון פאַרשיידענע צייטן; אין תהילים האָבן זיך באַטייליקט פאַרשיידענע רעליגיעזע פּאָעטן, און דער ספר ישעיה אַנטהאַלט די רייד פון צוויי נביאים, וואָס האָבן געלעבט אויף אַ שטח פון 200 יאָר איינער פון אַנדערן.

11. **ר׳ נחמן קראָכמאַל** (1785—1840). אין זיין איינציק ווערק „מורה נבוכי הזמן״ (דער וועגווייזער פאַר די צעטומלטע פון דער צייט) האָט ער געשאַפן אַ פילאָזאָפיע פון יידישער געשיכטע. דאָס לעבן פון יעדן פאָלק איז איינגעטיילט אין דריי פעריאָדן ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש: אויפקום, פונאַנדערבלי, אונטערגאַנג. יעדער פאָלק שאַפט זיין אייגענע קולטור, וואָס איז זיין נשמה. ביי יידן אָבער, וואָס זייער קולטור איז אַנגעקניפּט אין דער אידייע פון אייביקייט (דער יידישער רעליגיעזער גאָט־ און וועלט־באַנעם), קומט נאָך יעדן אונטערגאַנג פאַר אַ באַנייאונג און דאָס פאָלק לעבט ווידער. אַזוי האַלט זיך דער ציקל פון די דריי פעריאָדן כסדר אין איבער׳חזר׳ן.

12. **משה מענדעלסאָן** (1729—1786), פאָטער פון דער השכלה, פילאָזאָף, גלענצנדי׳קער דייטשער שריפטשטעלער, איבערזעצער פון תנ״ך, קעמפער פאַר יידישער טראַדיציע פון איין זייט און יידישער אַנשליסונג אין דער אייראָפּייאישער קולטור פון דער צווייטער זייט. זיין איינפלוס אויפן יידישן געדאַנק און לעבן האָט אָנגעהאַלטן דורות נאָך אים. אָבער דער סינטעז פון יידישקייט און וועלטלעכקייט, וואָס ער אַליין האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, האָט אין זיין אייגענעם הויזגעזינד געפּלאַצט גלייך נאָך אים. דריי טעכטער האָבן זיך אַליין גע׳שמד׳ט און פון זיינע אייניקלעך איז נאָר איינער געשטאָרבן אַ ייד.

**פרץ סמאָלענסקין** (1842—1885), העברייאישער ראָמאַניסט, פּובליציסט, רעדאַקטאָר, קעמפער סיי קעגן אייראָפּייאישער אַסימילאַציע, סיי קעגן חסידות און אָרטאָדאָקסישער רעאַקציע. ביז די פּאָגראָמען פון 1881 האָט ער זיין פילאָזאָפיע פון יידישקייט פאָרמולירט אַזוי: „דאָס לעבן פון יעדער פאָלק איז אַנגעבונדן אין זיין מלוכה, און יידן האָבן אַ קיניגרייך פון גייסט; דעריבער וועט דאָס יידישע פאָלק לעבן אפילו אין פאַרוואָגלונג פון זיין לאַנד, וואָרים זיין גייסט און זיין תורה זייגען מיט אים און עס איז אייביק ווי דער גייסט״. נאָך די פּאָגראָמען האָט ער זיך באַקערט צו דער אידייע פון ישוב ארץ ישראל.

16. **אלישע בן אבויה**, אַ תנא, וואָס האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע און האָט דערפאַר געקראָגן דעם צונאָמען „אחר״ (אַן אַנדערער) — זע באַמערקונג צו „פרדס״. דער תנא רבי מאיר, איינער פון די גרויסע אויטאָריטעטן אין דער משנה, איז געווען זיין תלמיד און איז אים געבליבן געטריי ביז נאָך זיין טויט. אלישע זאָל האָבן געווען אַ שאַרפער קעגנער פון בר־כוכבאַ אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער הערשאַפט (131—135), פון וועלכן דער תנא רבי עקיבא איז געווען דער גייסטיקער פירער. אין דער תלמודישער מעשה וועגן דעם ווי אלישע איז אום שבת אַריינגעריטן אין טבריה און ווי רבי מאיר איז מיט אים אַרויס הינטערן שטאָט ווערט אויך דערציילט, אַז דעם גאַנצן וועג האָט ער ביי רבי מאיר׳ן

געפּרעגט טייטשן אויף פּסוקים און נאָך יעדן פּסוק געזאָגט ווי אַנדערש רבי עקיבא וואָלט עס געטייטשט.

**ביתר** — די פעסטונג־שטאָט, ביי וועלכער עס איז פאָרגעקומען די לעצטע גרויסע שלאַכט צווישן בר־כוכבאַ'ן און די רוימער.

**ר׳ יוחנן בן זכאי** האָט בשעת דער באַלעגערונג פון ירושלים אין יאָר 70 זיך געלאָזט — לויט דער לעגענדע — אַרויסטראָגן ווי אַ טויטן אין אַן אָרון אויסער דער שטאָט און גע'פּועל'ט ביים רוימישן קאָמאַנדיר, וועספּאַסיאַן, דעם שפּעטערדיקן קיסר, אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַ ישיבה אין שטעטל יבנה, וואוהין עס האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער גייסטיקער יידישער צענטער.

**ר׳ אלעזר המודעי** האָט זיך געפונען אין ביתר בשעת דער באַלאַגערונג. עמעצער האָט אויף אים אָנגערעדט פאַר בר־כוכבאַ'ן און יענער האָט אים דערשטאָכן.

**בר־כוזיבא** (ליגנער־זון) — אַזוי האָבן גערופן בר־כוכבא (דעם שטערן־זון) זיינע קעגנער. די גמרא זאָגט (גיטין) שהכזיב את תקותן של ישראל — ער האָט אָפּגענאַרט די יידישע האָפענונג.

18. די מעשה מיטן פּאָדראַטשיק וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרעמער עגונה איז פון דער פּאָעמע „על קוצו של יוד“ (איבערן שפּיץ פון אַ יוד) פון באַרימטן העברייאישן פּאָעט יהודה לייב גאָרדאָן. די פּאָעמע איז געווען זייער באַליבט ביי די משכילים.

27. **דער סאַסאָווער**, איינער פון די פאַרהייליקטע חסידישע רביים, וואָס איז געווען פאַרשלונגען פּין ליבשאַפט צום פשוט'ן ייד.

**יעקב שמואל ביק** — אַן אָנגעזעענער משכיל אין גאַליציע אין אָנהייב פון 19טן י״ה.

**מענדל סאַטאַנאָווער** — מענדל לעפין (1741—1819) — פאַרמאָגט ענציקלאָפּעדישע בילדונג, האָט אָנגעשריבן אַ רייע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף העברייאיש און איבערגעזעצט אויף יידיש משלי, שיר השירים, קהלת און תהילים. ביי די משכילים פון יענער צייט, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צום „זשאַרגאָן“, האָבן די איבערזעצונגען אַרויסגערופן כעס.

## צו קאַפּיטל זעקס

**דער מגיד** — דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש.

**רבי אלימלך** פון ליזענסק, דער גרינדער פון דער פוילישער חסידות און מחבר פון חסידישן ספר „נועם אלימלך“. אַ תלמיד פון רבי'ן ר׳ בער.

**ר׳ נחמן בראַצלאַווער** — אַן אייניקל פון בעל־שם־טוב. זיינע סימבאָלישע „וואונדער־מעשיות“, אין וועלכע ער אַנטפּלעקט זיך ווי אַ מענטש מיט גרויסער פּאָעטישער פאַנטאַזיע, זיינען הויכע מוסטערן פון רעליגיעזער קונסט.

**גבורה** (מאַכט), **תפארת** (פּראַכט) — נעמען פון ספירות, די אויסשטראַלונגען פון דער גאָטהייט.

**דער אָפּגעריסענער בעל־תפילה** — זע די מעשה מיט דעם נאָמען אין ר׳ נחמן'ס „וואונדער־מעשיות“.

**עס גייט אַרויס אַ טייך א. אז. וו.** — זוהר, פרשה אחרי מות.

**זיינען מיר אַלע באַלאַגערטע שטעט** — די מאָטיוון פון דעם און די ווייטערדיקע דריי לידער זיינען גענומען פון „תניא“.

**נסתר** (באַהאַלטענער), **התגלות** (אַנטפּלעקונג). די וואָס קומען מיט אַ נייער תורה גרייטן זיך יאָרן אין באַהעלטעניש ביז זיי אַנטפּלעקן זיך צו דער וועלט. פאַרגלייך: דער אר״י אין זיין שטיבל ביים טייך גילוס ביז ר'איז געקומען קיין צפת. דער בעל שם טוב אין די קאַרפּאַטן בערג ביז ער איז געקומען קיין בראָד.

## צו קאַפּיטל זיבן

1. **נאמן** — אַנפאַרטרויטער, אויפ־זעער.

**כי סבבוני כלבים** — ווייל הינט האָבן מיך אַרומגערינגלט.

**עדת מרעים הקיפוני** — אַ באַנדע שלעכטסטוער האָבן מיך איינגע־קרייזט.

**הרם שנימו בפימו** — צעשאָקל די ציינער אין זייער מויל (תהלים, כ״ב).

22. **פּאָווסטאַניע** — אויפשטאַנד. דער פּוילישער אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד אין יאָר 1863.

**בית־ועד לגאולה** — אַ פאַרזאַמלונג־הויז פאַר דערלייזונג.

## צו קאַפּיטל אַכט

13. **נח בלעטערט אין אַ מעשה־בוך** — טשערנישעווסקי׳ס ראָמאַן: „וואָס טאָן ?״. געווען אַ מין ביבל פון די דעמלטיקע רעוואָלוציאָנערע קרייזן.

14. **קאַשטשיי** —אַ מכשף אין דער רוסישער פאָלקס־לעגענדע.

15. **דעם קיסר׳ם ברויט א. אז. וו.** געבויט אויף אַ רוסישער פאָלקס־לעגענדע וועגן קיסר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן.

28. דער קיסר אַלעקסאַנדער דעם צווייטער איז אויפגעריסן געוואָרן פון אַ באָמבע דעם ערשטן מערץ 1881.

30. די פינף רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געהאַנגען געוואָרן פאַרן מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן זיינען געווען: סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ, אַנדריי זשעליאַבאָוו, טימאָפיי מיכאַי־לאָוו, איוואַן ריסאַקאָוו און ניקאָ־לאַי קיבאַלטשיטש.

## צו קאַפּיטל ניין

1. בלוט־בלבולים אויף יידן (וועגן גע־ברויכן קריסטלעך בלוט אויף מצות פאַר פסח) פלעגן זיך „שטיצן״ אויף אונטערגעוואָרפענע טויטע קערפּערס פון קריסטלעכע קינדער אָדער דערוואַקסענע.

3. די הינריכטונג פון די פינף איז פאָרגעקומען דעם 16טן אַפּריל 1881. די פּאָגראָמען אין יעלי־סאַוועטגראַד און גאַלטע — דעם 15טן און 17טן אַפּריל.

4. **דעראָנדאָ** — „דניאל דעראָנדאָ״ איז דער נאָמען פון אַ ראָמאַן (אויך פונם הויפּט־העלד) פון דער ענג־לישער שרייבערין דזשאָרדזש עליאָט (מעריען עוואַנס, 1820—1880). דער ראָמאַן האָט אַרויס־געוויזן טיפע פאַרשטענדעניש פאַר יידן און דורכן מויל פון יידישן העלד מרדכי געפּריידיקט ווידער־אויפבוי פון אַ יידיש־נאַציאָנאַל לעבן אין ארץ ישראל. דער ראָמאַן פון דער קריסטלעכער שרייבערין האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אַסימילירטער און נישט־אַסימילירטער יוגנט אין רוסלאַנד, באַזונדערס נאָך די פּאָגראָמען פון 1881.

13. די מערסטע רוסישע סאָציאַליסטן האָבן איבערגעלעבט די פּאָגראָמען ווי אַ בראָך. אָבער עס זיינען גע־ווען אַזעלכע וועמען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פּאָגראָמען קעגן יידן קענען פירן צו אַן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם. אַזוי האָט דער אויס־פיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ (פאָלקס ווילן אָדער פרייהייט) אין אויגוסט 1881 אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אוק־ראַינער אָנצוהאַלטן די פּאָגראָמען.

14. די ערשטע דריי פערזן זיינען פון 8 אין קאַפּיטל דריי.

17. **אין דער קיניגין וויקטאָ־ריע׳ס לאַנד.** די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגערופן פּראָטעסטן אין ענגלאַנד און אַמעריקע. די העכ־סטע גייסטלעכע האָבן געהאַלטן

רעדעס אין די קירכעס און עס איז געזאַמלט געוואָרן שטיצע פאַר די געליטענע.

**לאָרענס אָליפאַנט** (1829־1883). ענגלישער שרייבער און רייזנדער, וואָס איז אין זיין בוך „דאָס לאַנד פון גלעד" אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַן צו באַזעצן יידן אין ארץ ישראל. ער האָט געשטאַמט פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, געהאַט פּאָליטישע פאַרבינדונגען און געגלויבט, אַז רייכע יידן דאַרפן אים העלפן דורכפירן דעם פּלאַן. אין משך פון עטלעכע יאָר, און באַזונדערס נאָך די פּאָגראָמען, איז ער אינגאַנצן פאַרשלונגען געווען אין אַרבעט פאַר דעם פּלאַן.

**די יידישע מאַגנאַטן . . .** די גרויסע יידישע גבירים אין רוסלאַנד זיינען געווען קעגן דער אויסוואַנדערונג און שטיצע פאַר די וואַנדערער צוליב דער מורא, אַז אַ גרויסע יידישע עמיגראַציע וועט וואַרפן אויף זיי אַ חשד, אַז זיי זיינען נישט איינגעוואָרצלט אין לאַנד.

**גזירת ת"ח** — כמעלניצקיס שחיטות אויף יידן בשעת'ן אויפשטאַנד פון די אוקראַינער קעגן די פּאָליאַקן אין יאָר 1648. דער עפּיזאָד איז גענומען פון ר' נתן נטע האַנאָווערס „יון מצולה".

20. **אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין דעצעמבער 1881.** דער גרויסער פּאָגראָם אין באַלטע — די לעצטע טעג פּסח 1882.

23. **קיין ארץ ישראל טאַקע...** גלייך מיטן אָנהייב פון דער וואַנדערונג זיינען געווען צוויי שטראָמען: די פּאָגראָם־געליטענע פון ד ר ו ם רוסלאַנד האָבן געצויגן קיין אַמעריקע און יידן פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד — קיין ארץ ישראל.

**פון מיר צו מיר . . . צו אים . . . געקליבן חתימות.** וואָס גרעסער דאָס אומגליק איז געוואָרן, אַלץ לעגענדאַרישער איז צווישן יידן אין רוסלאַנד געוואַקסן די געשטאַלט פון לאָרענס אָליפאַנט. אין ברען פון דער בהלה האָט מען איבער בתי־מדרשים און הייזער אין פאַרשיידענע ערטער געזאַמלט חתימות אויף אַ פּעטיציע צו אים, וואו מ'האָט אים באַטיטלט: **דער־לייזער, רעטער א. אז. וו. אַזעלכע** חתימות זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן עטלעכע הונדערט טויזנט.

ר' **משה מאָנטעפיאָרע** (1874—1885), יידיש־ענגלישער פילאַנטראָפּ און שתדלן, וואָס איז מיט זיין חשיבות און גרויסער שתדלנות געוואָרן לעגענדאַריש צווישן רוסישע יידן, באַזונדערס נאָכדעם ווי ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אים אויפגענומען אויף דער בקשה פון דער ענגלישער קיניגין וויקטאָריע. וואו נאָר אַ צרה אויף יידן איז ער געפאָרן מיט זיינע שתדלנות'ן צו די קיניגער און האָט געהאָלפן, ווייניקסטנס צייטווייליק. ער איז צוויי מאָל געווען אין ארץ־ישראל, געשטיצט דעם אַלטן פרומען ישוב, נאָר צו די נייע פּלענער נאָך די פּאָגראָמען איז דער 97־יאָריקער זקן געווען קיל.

25. **באַראָן פון פּאַריזש** — באַראָן מאָריץ הירש (1831—1896), באַרימטער פילאַנטראָפּ. האָט געהאַט בדעה נאָך פאַר די פּאָגראָמען צו געבן 50 מיליאָן פראַנק צו באַזעצן רוסישע יידן אויף לאַנד און פאַרשפּרייטן צווישן זיי מלאכה און בילדונג. שפּעטער האָט ער מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2 מיליאָן ענגלישע פונט געגרינדעט די יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (איק"א), וואָס האָט אָרגאַניזירט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און איז געווען טעטיק אין אַנדערע לענדער.

די **אליאַנס** — אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל (אַלוועלטלעכער יידישער פאַרבאַנד) — געגרינדעט געוואָרן אין 1860 אין פּאַריז מיטן הויפּט־צוועק צו באַשיצן יידן פון רדיפות. די מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַנען פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע — מערסטנס אַסימילירטע — יידן פון יעדן לאַנד, וואָס איז צוגעשטאַנען. צווישן פאַר־

שיידענע טעטיקייטן, ווי פּאָליטישע שתדלנות, בילדונג פאַר יידן (אַלגעמיינע און פאַך־שולן אין פאַרשיידענע לענדער) האָט זיך די אַליאַנס אויך אינטערעסירט מיט ארץ ישראל. אירע פאָרשטייער זיינען געפאָרן איספאָרשן דאָס לאַנד, און ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו שטיצן די עמיגראַציע קיין א״י, חייל דאָס קען אונטערגראָבן דעם פּאָליטישן סטאַטוס פון יידן אין אַנדערע לענדער. די אַליאַנס האָט אָבער פיל געהאָלפן די עמיגראַציע קיין אַמעריקע.

28. ביל״ו און „עם עולם״ — באַוועגונגען צווישן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד נאָך די פּאָגראָמען, ביידע פאַר אויסוואַנדערונג, קאָלאָניזאַציע אויף סאָציאַליסטישע יסודות. ביל״ו (בית יעקב לכו ונלכה — יידן לאָמיר גיין) האָט געצויגן קיין ארץ ישראל, און עם עולם (אייביק פאָלק אָדער וועלט־פּאָלק) — קיין אַמעריקע.

31. דוחק זיין דעם קץ — וועלן ברענגען די דערלייזונג איידער זי דאַרף קומען.

באַמערקטע דרוק־פעלערן :

זייט 150 — לעצטע שורה דאַרף זיין דריטע פון אונטן.

זייט 282 — זיבעטע שורה פון אונטן, שטייט :
. . . און שלעפּן, טראָגן זיי,
דאַרף זיין — טראָגן זי.

זייט 314, 19טע שורה, שטייט :
הויערן איר דיר, — דאַרף זיין : הויערן אין דיר.

זייט 345 — אַנשטאָט דער פערטער שורה איז איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן אַ פאַרגרייזטע אַכטע. די פערטע שורה דאַרף זיין :
מען טאָר אויפן תכשיט נישט הייבן קיין האַנט.

שער־בלאַט געצייכנט פון יצחק ליכטנשטיין.